STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06454

OBLOMOV

Ivan Aleksandrovich Goncharov

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אבלאמאוו

רא̇מא̇ן אין פיר טיילען, דריי ביכער

פון

א. א. גא̇נטשא̇רא̇וו.

Copyright 1921
by Farlag "Culture"
New York

4.

ער האָט געזאָגט אָלגאַ'ן, אַז ער האָט גערעדט מיט דער ווירטינ'ס ברודער, און ער האָט צוגעלייגט פון זיך, אַז עס איז דאָ אַ האָפנונג, אַז ער זאָל די וואָך נאָך איבערגעבן די דירה.

אָלגאַ מיט דער טאַנטע זיינען אַוועקגעפאָהרען ביז מיטאָג, און ער איז דערוויילע געגאַנגען זען דירות דאָ אין דער געגענט. ער איז געווען אין צוויי הייזער. אין איין הויז האָט ער געפר־נען אַ דירה פון פיר צימערען פאַר פיר טויזענט רובל, אין דעם צווייטען הויז האָט מען פאַר פינף צימערען געבעטען זעקס טויזענט רובל.

—שרעקליך, שרעקליך! — האָט ער געהאַלטען אין איין זאָגען צו זיך און ער האָט פאַרשטאָפּט זיך מיט די הענט די אויערען. צולייגענדיג צו דער סומע די העכער טויזענט רובל, וואָס ער איז געקומען דער ווירטין זיינער, האָט ער פאַר שרעק ניט געוואוסט וואָס עס קומט מיט אים פאָר און ער האָט גע־נומען געהן גיכער און איז אַוועק צו אָלגאַ'ן.

ביי זיי זיינען געווען געסט. אָלגאַ איז געווען אויפגע־לעבט, זי האָט גערעדט, געזונגען און געמאַכט אַ פוראָר. בלויז איין אַבלאָמאָוו האָט זיך ניט גוט איינגעהערט צו איהר, ער איז געווען צוטראָגען. און זי האָט געזונגען, גערעדט בלויז פאַר איהם, אַז ער זאָל ניט זיצען אַזוי אומעטיג, אַז אַלץ זאָל רעדען און זינגען אין אים.

— קום מאָרגען אין טעאַטער, מיר האָבען אַ לאָזשע, — האָט אָלגאַ אים געזאָגט.

„שלעפּען זיך ביי נאַכט אַזאַ שמוציגען, לאַנגען וועג!" האָט אַ טראַכט געטאָן אַבלאָמאָוו, אָבער אַ קוק טוענדיג אין אירע אויגען, האָט ער אויף איר שמייכעל געענטפערט מיט אַ צושטימונגס־שמייכעל.

אבלאמאוו

— אבאגיר זיך אויף א זיץ, — האט זי צוגעליינט, — נעקסטע וואך קומען די מאיעווסקי'ס און מיין טאנטע האט זיי איינגעלאדען צו זיך אין דער לאזשע.

און זי האט א קוק געטאן צו זען, ווי ער וועט זיך דער־פרעהען.

„גאט מיינער! — האט ער מיט שרעק א טראכט געטאן, — און אין גאנצען האב איך בלויז דריי הונדערט רובל."

— דו רעד זיך פריער איבער מיט'ן באראן, ער ווייסט וועגען אלץ.

און זי האט ווידער א שמייכעל געטאן, און קוקענדיג אויף איר האט אויך ער א שמייכעל געטאן, און מיט א שמייכעל האט ער געבעטען דעם באראן, און דער באראן ווידער, אויך מיט א שמייכעל, האט גענומען ערפילען זיין ביטע.

— שפעטער, ווען דו וועסט האבען אלץ באזארגט, — האט זי צוגעלייגט, — וועסטו פארנעמען א פלאץ אין אונזער לאזשע.

און שליסליך האט זי א שמייכעל געטאן, ווי זי פלעגט שמייכלען, ווען זי איז געוועזן איבער־גליקליך.

אך, מיט וואס פאר א גליק עס האט א וועה געטאן אויף אים, ווען אלגא האט כאטש אויף א ביסעל אויפגעהויבען דעם פארהאנג פון דער פאר'כשופ'טער צוקונפט, וואס איז געווען פארדעקט פאר אים מיט שמייכלען.

אבלאמאוו האט שוין אפילו וועגען דעם געלט פארגעסען. ערשט אין־דער־פרי, ווען ער האט דערזען דער ווירטינ'ס ברו־דער מיט'ן פאקעט אונטער'ן ארעם, האט ער זיך דערמאנט וועגען דער פולמאכט און געבעטען איוואן מאטוועיאיטש'ן, אז ער זאל זי באשטעטיגען אין געריכט־הויז. ער, ווידער, ווען ער האט דורכגעלעזען דאס פאפיר, האט ערקלערט, אז איין פונקט איז ניט קלאר, און גענומען אים מאכען קלארער.

ענדליך איז דאס פאפיר איבערגעשריבען, באשטעטיגט און אפגעשיקט געווארען. אבלאמאוו האט פייערליך וועגען דעם ערקלערט אלגא'ן און בארוהיגט זיך אויף א לאנגער צייט.

ער האט זיך געפרעהט דערמיט, וואס ביז וואנען עס וועט קומען אן ענטפער, וועט ער ניט דארפען זוכען קיין דירה.

„אייגענטליך, האט מען דא געקאנט גאנץ גוט בלייבען וואוינען, — האט ער א טראכט געטאן, — נאר עס איז זער ווייט פון שטאדט. אבער אלץ ווערט דא געפירט מ'ט גרויס ארדנונג."

עס איז אמת, אז אלץ איז דא געפירט געווארען מיט גרויס ארדנונג. כאטש אבלאמאוו האט געפירט אן אייגען באלעבא־טישקייט, האט די באלעבאסטע אויך געהאלטען אן אויג אויף זיין קיך.

איליא יאליטש איז אמאל אריין אין דער קיך און האט דארט געטראפען אניסיא'ן כמעט ארומגענומען מיט דער באַ־לעבאסטע.

אויב עס איז אמת, אז עס איז דא א פארוואנדשאפט צווישען נשמות, און נאענטע נשמות ציען איינע צו דער צוויי־טער נאך פון דערווייטען, האט מען דאס נאך קיינמאל ניט געזען אזוי קלאר, ווי אין דעם פאל פון אניסיא'ן און דער באַ־לעבאסטע. פון דעם ערשטען בליק, ווארט און באוועגונג האָ־בען זיי זיך פארשטאנען און אפגעשעצט איינע דער צווייטער.

ווי נאר אגאפיא מאטוועיעווגא האט דערזען ווי אניסיא האט אין א פינף מינוט צייט געבראכט די קיך אין ארדנונג, ווי זי האט מיט פארקאשערטע ארבעל מיטאיינמאל ארונטער־געווישט מיט דער בארשט דעם שטויב פון די פאליצעס, ווענט און פון דעם טיש, ווי זי האט מיט דעם בעזעם געמאכט גרויסע שפרינג איבער איבער דעם דיל, איבער די בענק, ווי זי האט אין איין רגע ארויסגענומען דעם אש פון אויווען — האט זי גלייך פארשטאנען וואס פאר א גרויסע הילף אניסיא וועט איר זיין אין איר באלעבאטישקייט. זי האט איר פון דעם מאמענט אן געגעבען אן ארט ביי זיך אין הארץ.

און אניסיא, ווידער, ווי זי האט נאר איינמאל א קוק געַ־טאן, ווי אגאפיא מאטוועיעווגא הערשט אין דער קיך, ווי עס ווערט ניט פארפאלען פון איר אויג קיין איינציגע באוועגונג

אבלאמאוו

פון דער אומבאוועגליכער אקולינא; ווי זי דונערט ארויס אירע באפעלען ארויסצונעמען, אוועקצושטעלען, דערוואַרעמען, זאַל־צען, ווי אויפ'ן מארק קאָן זי מיט אַן איין־איינציגען בליק און קוים אַנרירענדיג מיט די פינגער אויף געוויס זאָגען וויפיל חדשים דאָס עוף איז אַלט, ווען ס'איז אויף אייביג איינגעשלאָפען דער פיש, ווען עס איז אַרונטערגעריסען געוואָרען דער סאַלאַט — האָט זי מיט ערשטוינונג און פאַרוואונדערונג אויפגעהויבען די אויגען צו אגאפיא מאטוועיעוונאַ'ן און ביי זיך באַשלאָסען, אַז זי, אניסיא, האָט דורכגעלאָזען איר באַרוף, אַז איר פּלאַץ איז ניט אין אַבלאָמאָוו'ס קיך, וואו איר גיכקייט, וואו איר פיבער־האַפטיגע שנעלקייט איז געווענדעט בלויז אויף אונטערצוכאַפּען אַ טעלער אָדער אַ גלאָז, וואָס זאַכאַר לאָזט אַרונטער, און וואו איר ערפאַרונג דינט אויף אויפצואוועקען בלויז קנאה ביי איר מאַן.ביידע פרויען האָבען זיך איינס דאָס צווייטע פאַרשטאַ־נען און ליב געקראָגען.

ווען אַבלאָמאָוו האָט ניט געמיטאָגט אין דער היים, האָט אניסיא פאַרבראַכט די צייט אין דער ווירטינ'ס קיך און, פאַר ליבע צו דער זאַך, געהאַלטען אין איין העלפען. איידער אַקו־לינע האָט נאָך באַגריפען אין וואָס עס האַנדעלט זיך, האָט זי עס שוין געהאַט אָפּגעטאָן.

אַלס באַלוינונג דערפאַר האָט אניסיא געקראָגען אַ מיטאָג, אַ זעקס טאַסעס קאַפע אין־דער־פרי און אַזוי פיל אין אָווענט און אַן אָפענהערציגען לאַנגען געשפּרעך מיט דער ווירטין אַליין.

ווען אַבלאָמאָוו האָט געמיטאָגט אין דער היים, האָט די ווירטין צוגעהאָלפען אניסיא'ן, דאָס הייסט, אָנגעזאָגט מיט אַ וואָרט, אָדער מיט'ן פינגער, צי עס איז שוין יאָ אָדער נאָך ניט צייט אַרויסצונעמען דאָס געבראָטענס, צי מען דאַרף צום סאָוס דערגיסען אַ ביסעל רויטען וויין, אָדער שמאַנד, אָדער, אַז פיש דאַרף מען קאָכען ניט אַזוי, נאָר אַזוי...

און וויפיל קענטשאַפט האָבען זיי דאָס אַרויסגעוויזען! און ניט בלויז אין דער קאָך קונסט. זיי זיינען געווען פונקט אַזוי באַהאַוונט אין לייוונט, אין פעדים, אין נעהען, אין וואַ־

שען וועש, קליידער, אין אַרויסנעמען פלעקן, אין געברויכען פאַרשידענע גראָזען אַלס מעדיצינען, מיט איין וואָרט אין אַלץ, וואָס איז ערוואָרבען געוואָרען דורך דורות לאַנגער ערפאַרונג.

איליאַ איליטש פלעגט אויפשטעהן אַ זייגער ניין אין־דער־פרי, אַמאָל פלעגט ער נאָך דערזען ווי עס פאַרשווינדט דער פאַפּירענער פּאַקעט אונטער דעם אָרעם פון אוועקגעהענדיגען ברודער. ער פלעגט זיך גלייך נעמען צום פרישטיק. די קאַפע איז נאָך אַלץ אַזוי געשמאַק, די שמאַנד — געדיכט און די זעמעל צוגעהען ממש אין מויל.

נאָך דעם נעמט ער זיך פאַר אַ סיגאַר און הערט זיך אויפמערקזאַם צו ווי שווער עס קוואָקעט די הון, ווי עס פישטשען די הינדלעך, ווי עס טרעלען די קאַנאַרעקלעך. ער האָט ניט געהייסען זיי אַרויסנעמען.

— זיי דערמאָנען אָן דאָרף, אָן אָבלאָמאָווקע, — האָט איליאַ איליאיטש געזאָגט.

און נאָך דעם נעמט ער זיך דערלעזען די ביכער, וואָס ער האָט אָנגעהויבען לעזען נאָך אויף דער זומער־וואוינונג. טייל־מאָל לייגט ער זיך מיט אַ בוך אויף דער סאָפע און לעזט.

אַ אידעאַלע שטילקייט. ווען ניט ווען געהט אַ סאָלדאַט, אָדער אַ פּאָר פויערים מיט העק אויף די גאַרטלען דורך דער גאַס. זער זעלטען פאַרקלייבט זיך דאָ אַמאָל אַ פרוכט הענדלער און, בלייבענדיג שטעהן פאַר דעם פלויט, גאָרגעלט ער אַרום אַ האַלבע שעה: — „עפּעל, אַסטראַכאַנער אַרבוזען” — אַז ניט ווילענדיג קויפט מען שוין עפּעס ביי אים.

טיילמאָל קומט צו אים מאַשאַ, דער ווירטינ׳ס טאָכטער, און זאָגט אים, אַז די מוטער האָט איר געהייסען אים זאָגען, אַז דרויסען פאַרקויפט מען איצט פרוכטען און צו וויל ער ניט עפּעס קויפען. אָן אַנדערש מאָל רופט ער אַליין צו זיך דער ווירטינ׳ס זון, וואַניאַ׳ן, פרעגט אים אויס ווי ער לערנט זיך, מאַכט, אַז ער זאָל עפּעס פאָרלעזען, אָדער שרייבען און ער זעט, צי ער לעזט און שרייבט ריכטיג.

אויב די קינדער מאַכען ניט צו הינטער זיך די טיר, זעט

ער דער באַלעבאָסטעס אַנטבלויזטען האַלז און פּלייצע און אירע עלענבויגענס, וואָס האַלטען זיך שטענדיג אין באַוועגען.

שטענדיג ארבייט זי, שטענדיג איז זי פארנומען און זי צערעמאָנירט זיך שוין ניט מיט אים, זי פארוואַרפט שוין ניט אויף זיך קיין שאַל, ווען זי באַמערקט, אַז ער זעט זי דורך דער אָפענער טיר, זי גיט בלויז אַ שמייכעל און טוט זיך ווייטער איר ארבייט.

טיילמאָל געהט ער מיט'ן בוך אין דער האַנט צו צו דער טיר, גיט אַ קוק אריין און פארפירט אַ שמועס מיט דער באַ־לעבאָסטע.

— איר האַלט אין איין ארבייטער, — האָט ער זיך אַמאָל אָפּגערופען צו איר. זי האָט אַ שמייכעל געטאָן און ווייטער גענומען דרעהען דאָס הענטעל פון דער קאַפע־מילכעל, און אירע עלענבויגענס האָבען דערביי געמאַכט אַזוינע געשווינדע רעדער אין דער לופט, אַז אַבלאַמאָוו'ן האָט גענומען שווינדלען אין די אויגען.

— איר וועט דאָך נאָך מיד ווערען, — האָט ער זיך ווי־דער אַמאָל צו איר אָפּגערופען.

— ניין, איך בין צוגעוועהנט דערצו, — האָט זי געענט־פערט, רעש'ענדיג מיט'ן מילכעל.

— און ווען עס איז ניטאָ קיין ארבייט, וואָס טוט איר דאַמאָלט?

— וואָס הייסט עס איז ניטאָ קיין ארבייט? שטענדיג איז דאָ וואָס צו טאָן, — האָט זי געזאָגט. נאָכ'ן פרישטיק גרייט מען דעם מיטאָג, נאָכ'ן מיטאָג נעהט מען און דערנאָך גרייט מען צו דאָס אָווענדברויט.

— איר עסט אָווענדברויט אויך?

— ווי דען?

— איר לעזט עפּעס?

זי האָט אויף אים טעמפּ אַ קוק געטאָן און ניט ארויס־גערעדט קיין וואָרט.

— ביי אייך איז פאַראַן ביכער? — האָט איליאַ איליטש זי געפרעגט.

— יאָ, דער ברודער האָט ביכער, אָבער לעזט זיי קיינמאָל ניט. ציימונגען נעמען מיר פון דער קרעטשמע, לעזט זיי דער ברודער אַמאָל פאַר אויפ'ן קול... וואַניאַ, זעט איר, האָט יאָ אַ סך ביכער.

— רוט איר זיך אויף אַן אמת קיינמאָל ניט אָפּ? — האָט אָבלאָמאָוו זי געפרעגט.

— אויף אַן אמת, קיינמאָל ניט.

— און אין קיין טעאַטער געהט איר אויך ניט?

— דער ברודער איז געווען אַרום ווייגאַכטען.

— און איר?

— ווי האָב איך צייט! און ווער וועט צוגרייטען דאָס אָווענדברויט? — האָט זי געפרעגט, אַ קוק טוענדיג אויף אים פון דער זייט.

— די קעכין קאָן דאָך אָן אייך...

— ווער, אַקולינאַ? — האָט זי אַרויסגערעדט מיט פאַר־וואונדערונג. — וואָס אייך קאָן איינפאַלען! וואָס קאָן זי טאָן אָן מיר? עס וועט אפילו אויף מאָרגען ניט זיין פאַרטיג דאָס עסען.

שטיל. אָבלאָמאָוו באַוואונדערט אירע רונדע, אויסגעפיל־טע עלענבויגענס.

— וואָס פאַר אַ פיינע הענט איר האָט, — האָט ער מיט־אַמאָל אַרויסגערעדט. — כאָטש נעם און מאָל זיי אָפּ.

זי האָט אַ שמייכעל געטאָן און אַ ביסעל זיך פאַרשעמט.

— עס איז אומבאַקוועם אין אַרבעל, — האָט זי זיך פאַר־ענטפערט. — עס זיינען איצט אַריין אין מאָדע קליידער מיט לאַנגע אַרבעל, פלעקען זיי זיך זער שנעל.

און זי איז שטיל געוואָרען. אָבלאָמאָוו האָט אויך גע־שוויגען.

— ווי נאָר איך וועל אָפּמאָלען די קאַפע, — האָט זי אַ זאָג געטאָן צו זיך, — וועל איך זיך נעמען האַקען צוקער.

אבלאמאוו

איך זאָל נאָר ניט פאַרגעסן שיקן קויפן צימערינג.

— איר וואָלט געדאַרפט חתונה האָבן, — האָט זיך אַבלאַמאָוו אָפּגערופן, — איר זייט אַ וואונדערבאַרע באַלע־באָסטע.

זי האָט אַ שמייכל געטאָן און גענומען איבערשיטן די קאַפּע אין אַ גרויסן גלעזערנעם סלוי.

— איך מיין עס אויף אַן אמת, — האָט אַבלאָמאָוו צוגע־לייגט.

— ווער וועט דאָס נעמען מיך מיט קינדער? — האָט זי געענטפערט.

זי האָט אַוועקגעשטעלט דעם סלוי אין שראַנק אריין און אריינגעלאָפן אין דער קיך. אַבלאָמאָוו איז צוריק צו זיך אין צימער אריין און גענומען לעזן דאָס בוך.

— וואָס פאַר אַ פרישע און געזונטע פרוי זי איז נאָך, און וואָס פאַר אַ ווירטין! אויף מיין וואָרט, זי האָט געדאַרפט חתונה האָבן... — האָט ער געזאָגט צו זיך אליין און פאַר־טיפט זיך אין געדאַנקען וועגן... אַלגאַ'ן.

אין אַ שעהנעם וועטער לאָזט זיך אַבלאָמאָוו ארויס באַ־קוקן די געגענט, איז אָדער ער פאַלט אריין אין קויט, אָדער ער געהט אריין אין אומפריינדליכע באַציאונגען מיט הינט, און ער קערט זיך אום אהיים.

און אין דער היים איז שוין געדעקט דער טיש, און דאָס עסן איז אזוי באַ'טעמ'ט, און עס איז אזוי ריין סערווירט! טיילמאָל שפּאַרט זיך דורך דורך דער אָפענער טיר אַ גאָלע האַנט מיט אַ טעלערל — מען בעט פאַרזוכן דער באַלעבאָס־טעס פּיראָג.

— שטיל און גוט איז דאָ, נאָר לאַנגווייליג, — האָט אַבלאָמאָוו געזאָגט, אוועקפאָרענדיג אין דער אָפּערע.

איינמאָל, אהיימקומענדיג פון טעאַטער, האָט ער מיט'ן קוטשער געקלאַפּט אַ שעה צייט, איידער מען האָט אים גע־עפענט. דער הונט איז הייזעריג געוואָרען פון בילען און ריי־סען זיך פון דער קייט. ער איז דורכפראָרען געוואָרען און אַ

צו׳כעס׳טער האָט ער ערקלערט, אַז ער קלייבט זיך מאָרגען אַרויס. אָבער דער מאָרגען און דער איבערמאָרגען, און אַ גאַנצע וואָך איז שוין פאַראיבער — און ער האָט זיך נאָך אַלץ ניט אַרויסגעקליבען.

אים איז זער געווען לאַנגווייליג אין די טעג, ווען ער האָט ניט געזען אָלגאַ׳ן, ווען ער האָט ניט געהערט איר שטימע, ניט געלעזען אין אירע אויגען איר ליבע, איר צערטליכקייט.

דערפאַר אין די טעג ווען זיי האָבען זיך יאָ באַגעגענט, האָט עס געלעבט פונקט אַזוי ווי ער האָט געלעבט זומער צייט: ער האָט איינגעזאַפּט אין זיך איר געזאַנג, איינגעקוקט זיך אין אירע אויגען. און ווען עס זיינען געווען זייטיגע מענשען, איז פאַר אים גענוג געווען אַן איין־איינציגער בליק, אַ גלייכ־גילטיגער פאַר אַלעמען, אָבער אַ טיפער און אַ באַדייטענדער פאַר אים.

אָבער וואָס נענטער עס האָט זיך גערוקט צום ווינטער, אַלץ ווייניגער איז זיי געלונגען צו זען זיך אונטער פיר אויגען. צו די אילינסקים האָבען אָנגעהויבען צו קומען געסט, און גאַנצע טעג זיינען אַוועק און אָבלאָמאָוו׳ן איז ניט געלונגען צו זאָגען אָלגאַ׳ן אַ פּאָר ווערטער, זיי האָבען זיך בלויז איבער־געביטען מיט בליקען. אירע בליקען האָבען צייטענווייז אויס־געדריקט פאַרמאַטערטקייט און אומגעדולד.

מיט בייזע בליקען האָט זי געקוקט אויף אַלע געסט. אָב־לאָמאָוו׳ן האָט זיך דאָס דערעסען און עס האָט אים אָנגעהויבען צו לאַנגווײַלען. איינמאָל נאָך מיטאָג האָט ער שוין געהאַט גענומען דעם הוט.

— וואוהין? — האָט מיט פאַרוואונדערונג געפרעגט אָל־גאַ, וואָס איז אויף גיך צוגעגאַנגען צו אים און אָנגעכאַפּט זיין הוט.

— ערלויבט מיר צו געהן אַ היים.

— וואָרום ווילט איר געהן אַהיים? — האָט זי געפרעגט. איין ברעם איז ביי איר געלעגען העכער פון דער צווייטער. — וואָס וועט איר טאָן אין דער היים?

— אָט אזוי... — האָט ער אָנגעהויבען צו רעדען, מיען־דיג זיך, אז דער שלאָף זאָל ניט פארקלעפען אין גאנצען זיינע אויגען.

— צו וואָס? קלייבט איר זיך ניט אפשר צוצולייגען א ביסעל? — האָט זי געפרעגט, שטרענג קוקענדיג אים דאָ אין איין, דאָ אין צווייטען אויג.

— וואָס אייך קען איינפאלען! — האָט איר אָבלאָמאָוו אויף גיך איבערגעשלאָגען. — ביי טאָג גאָר שלאָפען! פשוט, מיר איז לאנגווייליג.

און ער האָט איר אוועקגעגעבען צוריק זיין הוט.

— היינט ביי נאכט אין טעאטער, — האָט געזאָגט אָלגא.

— אָבער ניט צוזאמען אין דער לאָזשע, — האָט ער צו־געלייגט מיט א זיפץ.

— איז וואָס? און דאָס וואָס מיר זעען זיך איז ווייניג? און איז שוין גאָרניט ווערט דאָס, וואָס דו ועסט אריין צו מיר צווישען די אקטען, וועסט דערלאנגען מיר די האנט ביז צום עקיפאזש?... דו זאָלסט היינט זיין אין טעאטער! — האָט זי באפעלענדיג ארויסגערעדט. — גאָר נייע איינפאלען!

ער האָט זיך גאָרנישט ניט געקאָנט העלפען. ער איז געפאָרען אין טעאטער, געגענעצט, ווי ער וואָלט געוואָלט ארונ־טערשלינגען גאנצע סצענען, ער האָט זיך געקראצט דעם נא־קען און געהאלטען אין איבערווארפען איין פוס איבער'ן צווייטען.

„זאָל זיך שוין דאָס אמאָל ענדיגען! — האָט אָבלאָמאָוו געטראכט ביי זיך. — אך, נאָך אזא זומער קומט אונז אוים צו זען זיך בגנבה! און איך דארף שפילען די ראָל פון א פארליבט איינגעל... ערען ווארט, ווען עס וואָלט שוין געווען נאָך דער חתונה, וואָלט איך היינט ניט געפאָרען אין טעאטער: שוין זעקס מאָל האָב איך די אָפערע געהערט"...

אין דער צייט פון צווישען אקט איז ער אריין אין אָלגא'ס לאָזשע. ער האָט זיך געדארפט דורכשטופען דורך צוויי פראנ־טען, איידער עס איז אים געלונגען צוצוקומען צו איר. אין

פינף מינוט אַרום איז ער שוין געשטאַנען ביים אַריינגאַנג צו זיין פּלאַץ. דער אַקט האָט זיך שוין אָנגעהויבן און אַלע האָבען זיך געאיילט צו זייערע פּלעצער. די פּראַנטען פון אָלגאַ'ס לאָזשע זיינען אויך דאָ געווען. זיי האָבען ניט באַמערקט אָבלאָמאָוו'ן.

— וואָס פאַר אַ הער איז דאָס איצט געווען אין איליגסקים לאָזשע? — האָט איינער געפרעגט ביי דעם צווייטען.

— אַ געוויסער אָבלאָמאָוו, — האָט נאָכלעסיג געענטפערט דער צווייטער.

— ווער איז דאָס דער דאָזיגער אָבלאָמאָוו?

— ער איז אַ גוטבאַזיצער, שטאָלצ'עס אַ פריינד.

— אַזוי! — האָט פילבאַדייטענד אַרויסגערעדט דער צווייטער. — שטאָלצ'עס אַ פריינד. וואָס טוט ער דאָ?

— Dieu Sait! — האָט געענטפערט דער אַנדערער, און אַלע זיינען זיך צוגאַנגען אויף זייערע פּלעצער. אָבער אָבלאָמאָוו האָט זיך פאַרלאָרען פון דעם דאָזיגען אומבאַדייטענדען געשפּרעך.

„וואָס פאַר אַ הער... אַ געוויסער אָבלאָמאָוו... וואָס טוט ער דאָ... Dieu Sait!" — דאָס אַלץ האָט געקלונגען אַצינד אין זיין קאָפּ. — וואָס איך טו דאָ? וואָס הייסט וואָס? איך האָב ליב אָלגאַ'ן! איך בין איר... דאָך איז שוין צווישען מענשען אויפגעקומען די פראַגע: וואָס טו איך דאָ? זיי האָבען באַמערקט... אָ, גאָט מיינער! מען דאַרף דאָך פאַרט..."

ער האָט שוין מער ניט געזען, וואָס עס קומט פאַר אויף דער בינע, וואָס פאַר אַ ריטער און פרויען האָבען זיך דאָרט באַוויזען. עס דונערט דער אָרקעסטער, אָבער ער הערט ניט. ער קוקט זיך אַרום און צעהלט איבער, וויפיל באַקאַנטע עס זיינען דאָ אין טעאַטער: אומעטום זיינען דאָ באַקאַנטע, אַלע קוקען... אַלע פרעגען... „וואָס פאַר אַ הער איז דאָס געווען איצט אין אָלגאַ'ס לאָזשע?" — „אַ געוויסער אָבלאָמאָוו!" — זאָגען אַלע.

„יאָ, איך בין אַ „געוויסער" — האָט אָבלאָמאָוו אין שרעק

און אין טרויער אַ טראַכט געטאָן. — מיך קאָן מען בלויז דער־פאַר, וואָס איך בין שטאָלצ׳עם אַ פריינד. וואָס טו איך ביי אַלגאַ׳ן? — "Dieu sait" אָט קוקען די זעלבע פּראַנטעֶן אויף מיר, און ווענדען גלייך דערנאָך די אויגען אויף אַלגאַ׳ס לאָזשע!"

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דער לאָזשע. אַלגאַ׳ס אַפּערע־גלאָז איז געווען געווענדט אויף אים.

„אוי, דו גאָט מיינער! — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. — אפילו זי לאָזט ניט אַרונטער פון מיר די אויגען! וואָס האָט זי דאָס אַזוינס אין מיר געפונען? זי ווייזט איצט, דאַכט זיך, אָן אויף דער סצענע... די פּראַנטעָן קוקען אויף מיר... לאַכען... אוי, גאָט מיינער!"

און אין אויפרעגונג האָט ער זיך ווידער אַ קראַץ געטאָן אין האַלז און איבערגעוואָרפען איין פוס איבער׳ן צווייטען.

נאָכ׳ן טעאַטער האָט זי געבעטען די פּראַנטען צו זיך אויף טיי, אויך אים האָט זי געהייסען קומען.

„ניין, היינט פאָר איך ניט... מען דאַרף איין מאָל פאַר אַלע מאָל באַשליסען און טאָקע וואָס גיכער! און דערנאָך... און וואָס איז דאָס וואָס דער באַפולמעכטיגטער שרייבט מיר גאָר ניט פון דאָרף? איך וואָלט שוין לאַנג געווען דאָרט... פאַר׳ן אַוועקפאָרען וואָלט איך געוואָרען אַלגאַ׳ס חתן... אַך, און זי קוקט אַלץ אויף מיר! וואָס טוט מען?"

ער האָט זיך ניט דערוואַרט אויף דער ענדע פון דער אָפּערע און איז אין מיטען אַוועק אַהיים. ביסלעכווייז האָט ער זיך באַרואיגט און ווידער האָט ער מיט אַ פלאַטערנדיגען האַרצען פון גליק געקוקט אויף אַלגאַ׳ן, ווען זיי זיינען געווען אַליין; און ווען ז האָט געזונגען צווישען מענשען, האָט ער זיך איינ־געהערט צו איר מיט אויגען, וואָס זיינען געווען פול מיט באַ־גייסטערונגס־טרערען, און אַוועקפאָרענדיג פון אַלגאַ׳ן אַהיים, האָט ער זיך אָן איר ווּיסען געלייגט אויף דער סאָפע. אָבער ער איז ניט געשלאָפען, נאָר גע׳חלומ׳ט פון אַלגאַ׳ן, אין די גע־דאַנקען איבערגעלעבט זיין גליק, קוקענדיג אין זיין צוקינפטיג פאַמיליען־לעבען, וואו אַלגאַ וועט לויכטען און אַלץ אַרום איר.

פאַרטראַכטענדיג זיך וועגען זיין צוקונפט, האָט ער טיילמאָל ווילענדיג און טיילמאָל ניט ווילענדיג אַריינגעקוקט אין דער האַלב אָפענער טיר, אויף דער ווירטינס אנטבלויזטע עלענבויגנס.

איינמאָל האָט אין הויז און אין דער נאַטור געהערשט אַן אמת אידעאַלע רו. עס האָבען זיך ניט פאַרבייגעטראָגען רוישענדיג קיין קאַרעטען, עס האָבען ניט געסקריפּעט קיין טירען. גלייכמעסיג האָט אין פאָדערהויז געקלאַפּט דער זייגער, עס האָבען געזונגען די קאַנאַרעקלעך. אָבער דאָס האָט ניט געשטערט דער שטילקייט, נאָר עס האָט איר נאָך צוגעגעבען עפּעס לעבעדיגעס.

נאַכלעסיג איז איוואַן איליטש געלעגען אויף דער סאָפע, ער האָט זיך געשפּילט מיט זיין שטעקשוך. אַט לאָזט ער אים פאַלען אויפ'ן דיל, אַט הויבט ער אים אויף אין דער לופט און גיט אַזאַ דרעה, אַז דער שטעקשוך פאַלט ווידער און ער דערכאַפּט אים מיט'ן צווייטען פוס... עס איז אַריינגעקומען זאַכאַר און געבליבען שטעהן ביי דער טיר.

— וואָס איז? — האָט אָבלאָמאָוו אים נאַכלעסיג אַ פרעג געטאָן.

זאַכאַר האָט געשוויגען און כמעט גלייך, און ניט פון אַ זייט, האָט ער אַ קוק געטאָן אויף אים.

— נו? — האָט געפרעגט אָבלאָמאָוו, אַ קוק טוענדיג אויף אים מיט פאַרוואונדערונג. — וואָס, דער פּיראָג איז פאַרטיג?

— איר האָט געפונען אַ דירה? — האָט אים זאַכאַר געפרעגט.

— נאָך ניט. וואָס איז דען?

— איך האָב נאָך אַלץ ניט פאַנאַנדערגעפּאַקט די זאַכען, אַלץ ליגט אָנגעוואָרפען נאָך. זאָל איך עס פאַנאַנדערפּאַקען?

— וואַרט נאָך צו, — האָט צוטראָגען אַרויסגערעדט אָבלאָמאָוו, — איך וואַרט אויף אַן ענטפער פון דאָרף.

— הייסט דאָס, אַז די חתונה וועט זיין נאָך ניי־יאָר? — האָט זאַכאַר צוגעלייגט.

— וואָסערע חתונה? — האָט אַבלאָמאָוו נעפרעגט, אויס־זעצענדיג זיך מיטאמאָל.

— איהר פרעגט וואָסערע חתונה? אייער חתונה! — האָט זאכאר געענטפערט אזוי, ווי ער וואָלט גערעדט וועגן א לאַנג באשלאָסענע זאך. — איר געהט דאָך חתונה האָבען. ניט אמת?

— א י ך ח ת ו נ ה ה אָ ב ע ן! מיט וועמען? — האָט אַבלאָמאָוו ארויסגערעדט א דערשראָקענער, פרעסענדיג זאַ־כאר'ן מיט זיינע ערשטוינטע אויגען.

— מיט פריילין איליג... — זאכאר האָט נאָך ניט דער־וויזען צו ענדיגען, ווי אַבלאָמאָוו איז שוין געשטאַנען כמעט הינטער זיין נאָז.

— אומגליקליכער! ווער האָט עס דיר אריינגעגעבען דעם געדאַנק? — האָט אַבלאָמאָוו ארויסגערעדט פאטעטיש, מיט אַן איינגעהאלטענער שטימע, וועלענדיג זיך ווארפען אויף זאכאר'ן.

— וואָס פאר אַן אומגליקליכער בין איך דאָס? געלויבט איז גאָט! — האָט זאכאר געזאָגט, אָפּטרעטענדיג אויף צו־ריק. — ווער עס האָט מיר געזאָגט? אילינסקי'ס דינערשאפט האָט נאָך זומער גערעדט וועגען דעם.

— ששש!... — האָט אַבלאָמאָוו א ברום געטאָן, אויפהוי־בענדיג דעם פינגער און דראָענדיג זאכאר'ן. — קיין וואָרט ניט וועגען דעם מער!

— האָב איך עס דען אויסגעטראכט? — האָט זאכאר ווייטער גערעדט.

— שטיל! — האָט אַבלאָמאָוו געזאָגט, קוקענדיג בייז אויף אים, און ער האָט אים אָנגעוויזען אויף דער טיר.

זאכאר איז אוועק און אזא זיפץ געטאָן, אז מען האָט אים געהערט אין אַלע צימערען.

אַבלאָמאָוו האָט ניט געקאָנט קומען צו זיך. ער איז אַלץ געשטאַנען אין זיין פריערדיגער פּאָזע און מיט שרעק געקוקט אין יענעם אָרט, וואו זאכאר איז געשטאַנען, דערנאָך האָט ער

אין פאַרצווייפלונג ארויפגעלייגט די הענט אויפ'ן קאָפּ און אוועקגעזעצט זיך אין א שטול.

„מענשען ווייסען! — האָט זיך גענומען פּלאָנטערען ביי אים אין קאָפּ. — צווישען לאקייען, אין די קיכען רעדט מען וועגען דעם! אָט וואו עס האַלט שוין! און ער האָט נאָך געהאַט די חוצפה צו פרעגען, ווען עס וועט זיין די חתונה! און די טאַנטע פארדעכטיגט אין גאָרנישט ניט, און אויב זי פאַרדעכטיגט יאָ, מוז עס זיין אין עפּעס אַנדערש, אין עפּעס ערגערס... אַי, אַי, אַי, וואָס זי טראַכט געווים איבער! און איך? און אָלגאַ?"

„אומגליקליכער וואָס איך בין! וואָס האָב איך אָפּגעטאָן! — האָט ער גערעדט, איבערקערענדיג זיך מיט'ן קאָפּ אין קישען. — א חתונה! אָ, דער פּאָעטישסטער מאָמענט אין לעבען פון פארליבטע, די קרוין פון גליק — איז געוואָרען א טעמאַ פאר קוטשערס, לאַקייען, קעכינס אין א צייט ווען עס איז נאָך ניט באשטימט, ווען עס איז נאָך ניט אָנגעקומען קיין ענטפער פון דאָרף, ווען מיין טייסטער איז ליידיג, ווען מען האָט נאָך ניט געפונען קיין דירה..."

ער האָט זיך גענומען פאַנאַנדערקלייבען אין אָט דעם פּאָעטישען מאָמענט, וואָס האָט מיטאמאָל פארלאָרען זיין גלאַנץ, ווי נאָר זאכאר האָט וועגען אים אָנגעהויבען צו רעדען. ער האָט גענומען אריינקוקען אין דעם א סך טיפער, און ער האָט זיך אין פיין געוואָרפען פון איין זייט אויף דער צווייטער, געלייגט זיך אויף דער פלייצע, אויפגעשפרונגען, געמאַכט א דריי שפאַן איבער'ן צימער און ווידער זיך צוריקגעלייגט.

„דער ניט גוטער האָט מיך געשטופּט" — האָט זאכאר, א דערשראָקענער, געטראַכט אין קאָרידאָר.

„פון וואַנען ווייסען זיי? — האָט אָבלאָמאָוו זיך געבראָכען דעם קאָפּ. — אָלגאַ האָט געשוויגען און איך האָב אפילו ניט געוואָגט צו טראַכטען אויפ'ן קול, און זיי האָבען אַלץ באַשלאָסען דאָרט אין דער קיך! אָט וואָס עס קומט ארויס פון זען זיך אונטער פיר אויגען! אָט וואָס עס באדייט די פּאָעזיע

פון זון־אויפגאנג און זון־אונטערגאנג, פון לײדענשאפטליכע בליקען און באצויבערענדע זינגען! אך, קיינמאל ענדיגען זיך ניט גוט די אלע ליבעס פאעמען! צום ערשטען דארף מען חתונה האבען און ערשט שפעטער זיך לאזען שווימען אויף די אלע ראזעווע וואסערען!... גאט מיינער! גאט מיינער! מען דארף לויפען צו דער טאנטע, נעמען אלגא'ן פאר דער האנט און זאגען: „אט איז מיין כלה". אבער קיין שום זאך איז נאך ניט פארטיג, קיין ענטפער איז נאך פון דארף ניט געקומען, קיין געלט איז ניטא און קיין דירה איז ניטא! ניין, פריער פאר אלץ דארף מען פון זאכאר'ס קאפ ארויסשלאגען דעם דאזיגען געדאנק, דערשטיקען אלע קלאנגען אזוי, ווי מען דערשטיקט א פלאם, כדי עס זאל זיך ניט פאנאנדערשפרייטען, עס זאל ניט ווערען דערפון קיין פייער, קיין רויך... א חתונה גאר! וואס איז אזוינס חתונה?"...

ער האט שוין געהאט זיך כמעט צושמייכעלט, ווען ער האט זיך דערמאנט זיין פריערדיגע פאעטישע פארשטעלונג פון א חתונה, דעם לאנגען שלייער, דאס מאראנצען צווייגעל, דאס פליסטערען פון די פארזאמעלטע...

אבער איצט האט שוין די פארשטעלונג ניט געהאט אזוינע ראזע קאלירען: צווישען די, וואס האבען זיי ארומגערינגעלט, איז געוועזען דער גראבער, דער אומזויבערער זאכאר און די אילינסקים גאנצע דינערשאפט; א ריי קארעטען, נייגעריגע פרעמדע געזיכטער. און דערנאך האט ער געזען אין זיין פאנטאזיע עפעס אזוינס, וואס איז געוועזען לאנגווייליג און שרעקליך...

„מען דארף עס ארויסשלאגען פון זאכאר'ס קאפ, אז ער זאל עס האלטען פאר אן אוממעגליכע זאך", האט ער באשלאסען אין א מאמענט, ווען א רגע איז ער געוועזען פיבערהאפט אויפגערעגט און א רגע דערשלאגען, פארטראכט.

אין א שעה ארום האט ער א רוף געטאן זאכאר'ן.

זאכאר האט זיך געמאכט, אז ער הערט ניט ווי מען רופט אים און ער האט גענומען ארויסשארען זיך שטיל פון דער קיך. ער האט שוין געהאט געעפענט די טיר און א סקריפ אפילו, אבער

ער איז מיט א זייט ארייגעפאלען אין איין האלבען טיר און מיט דער פלייצע האט ער פארטשעפעט די צווייטע האלבע טיר אזוי, אז זיי זיינען אויפגעפראלט געווארען מיט א קראך.

— זאכאר! — האט מיט א באפעלענדע שטימע א געשריי געטאן איליא איליטש.

— וואס באפעלט איר? — האט זאכאר זיך אפגערופען פון פאדערהויז.

— קום אהער! — האט אבלאמאוו געזאגט.

— איר ווילט עפעס? טא זאגט מיר, וועל איך עס אייך דערלאנגען! — האט געענטפערט זאכאר.

— קום אהער! — האט באפעלענדיג און ציענדיג די ווערטער ארויסגערעדט איליא איליטש.

— וועז קומסטו שוין, טויט, מיך באפרייען? — האט זאכאר א ברום געטאן, ארייגקריכענדיג אין צימער אריין. — וואס פארלאנגט איר? — האט ער געפרעגט, בלייבענדיג ווי פארשטיינערט אין דער טיר.

— קום אהער דא! — האט אבלאמאוו ארויסגערעדט מיט א געהיימניספול־פייערליכער שטימע, אנווייזענדיג זא־פאר'ן וואו ער זאל זיך שטעלען, און אנגעוויזען האט ער אים אזוי נאענט צו זיך, אז זאכאר'ן וואלט אויסגעקומען זיך צו זעצען אויף דעם פריצ'ס קני.

— וואו וועל איך זיך דארט גענוג אריינשפארען? דארט איז ענג און איך קאן פון דאנען אויך הערען, — האט זיך אפ־גערופען זאכאר, בלייבענדיג איינגעשפארט שטעהן ביי דער טיר.

— דא אהער הייסט מען דיך געהן! — האט אבלאמאוו ארויסגערעדט מיט כעס.

זאכאר האט געמאכט איין טראט און איז געבליבען שטעהן ווי א מאנומענט, קוקענדיג אין פענסטער אויף די ארומלויפענ־דיגע הינער אין הויף און אונטערשטעלענדיג דעם פריץ א האלבע באָרד, ווי א בארשט. פאר דער שעה פון אויפרעגונג איז אבלאמאוו'ס געזיכט ווי אפגעפאלען, זיינע אויגען זיינען אומרואיג ארומגעלאפען.

„איצט חויבט עס זיך אן״, האט א טראכט געטאן זאכאר און גענומען ווערן טרויעריגער און טרויעריגער.

— ווי האסטו געקאנט שטעלן דיין הער אזא אוממעגליכע פראגע? — האט אבלאמאוו געפרעגט.

„איצט געהט עס!״ — האט זאכאר א טראכט געטאן, און מיט טרויער געוואַרט אויף א מבול פון אבלאמאוו׳ס פארפלוכטע ווערטלעך.

— איך פרעג ביי דיר, ווי אזוי האט אזא זאך געקאנט דיר אריינפאלען אין קאפ אריין? — האט אבלאמאוו ווידערהאלט.

זאכאר האט געשוויגן.

— דו הערסט, זאכאר? ווי אזוי האסטו דיר ערלויבט ניט נאר צו טראכטען, נאר אפילו עס ארויסצורעדען?

— אנטשולדיגט, איליא איליטש, איך וועל שוין בעסער אריינרופען אניסיא׳ן... — האט געענטפערט זאכאר און ער האט גענומען שפאנען צו דער טיר.

— איך וויל רעדען מיט דיר און ניט מיט אניסיא׳ן, — האט אבלאמאוו געענטפערט. — ווי אזוי האסטו געקאנט אויסטראכטען אזא זאך?

— ניט איך האב עס אויסגעטראכט, — האט זאכאר געזאגט, — די דינער פון די אילינסקים האבען דאס דערצעהלט.

— און ווער האט עס זיי געזאגט?

— פון וואנען זאל איך וויסען? קאטיא האט עס געזאגט סעמיאנ׳ען, סעמיאן — ניקיטיא׳ן, ניקיטיא — וואסיליסא׳ן, וואסיליסא — אניסיא׳ן און אניסיא האט עס מיר געזאגט... — האט זאכאר דערצעהלט.

— גאט! גאט מיינער! אלע! — האט אבלאמאוו ארויסגערעדט מיט שרעק. — דאס איז א ליגען, דאס איז אן אוממעגליכע זאך, דאס איז רכילות — דו הערסט? — האט קלאפענדיג מיט דער פויסט אן טיש, געזאגט אבלאמאוו. — דאס קאן ניט פאסירען?

— פארוואס קאן עס ניט פאסירען? — האט אים זאכאר איבערגעשלאגען גאנץ גלייכגילטיג. — א חתונה איז א גאנץ

געוועהנליכע זאַך. איר זייט ניט די איינציגע: אַלע האָבען חתונה.

— אַלע! — האָט געזאָגט אָבלאָמאָוו. — דו ביסט אַ קינסטלער אויף צו פאַרגלייכען מיך מיט אַנדערע, מיט אַלע! דאָס קאָן קיינמאָל ניט פּאַסירען! ניין, ניין, ניין! אַ געוועהנליכע זאַך איז עס ביי אים! וואָס איז אַזוינס די חתונה?

זאַכאַר האָט שוין געוואָלט איבערפירען זיין בליק אויף אָבלאָמאָוו'ן, אָבער ער האָט דערזען אַז ער האַלט אויף אים אָנגעשטעלט אַ פּאָר כעס'דיגע אויגען און זאַכאַר האָט אָפּגעווענדט זיין בליק רעכטס, צום ווינקעל צו.

— הער זיך איין, איך וועל דיר ערקלערען וואָס דאָס איז אַזוינס. „אַ חתונה, אַ חתונה", הויבען מיטאַמאָל אָן צו רעדען פאַרשידענע מענשען, אַזוינע וואָס האָבען ניט וואָס צו טאָן, עס רעדען פרויען, עס רעדען קינדער; זיי רעדען אומעטום, רעדען אין דער קיך, אויפ'ן מאַרק, אין קראָמען. מען ווערט אויס איליא איליטש, מען ווערט אויס פּיאָטר פּיעטראָוויטש, מען ווערט „אַ חתן". נעכטען נאָך האָט קיינער ניט געוואָלט קוקען אויף אים, און היינט שטעלט מען אויף אים אָן אויגען, ווי ער וואָלט געווען דער גרעסטער אויסוואורף. ער קאָן רואיג ניט דורכגעהן דאָס טעאַטער, די גאַס. „אָט געהט דער חתן!" סוד'ען זיך אַלע. און וויפיל מענשען עס געהען צו אים צו דורכ'ן טאָג, באַמיט זיך יעדער פון זיי צו מאַכען אַ נאַרישען פּרצוף, פּונקט אַזאַ ווי ביי דיר אַצינד! (זאַכאַר האָט אויף גיך איבערגעפירט זיין בליק צוריק אין הויף אריין) און זאָגען אַ פּאָר נאַרישע ווערטער, — האָט אָבלאָמאָוו ווייטער גערעדט. — דאָס איז דער אָנפאַנג! און דו פּאָר דיר דערווייל, ווי אַ פאַרשאָלטענער, יעדען פרי מאָרגען צו דער כלה, די האַנד־שו — פון שטרוי קאָליר, דאָס אַנצוג — ערשט פון דער נאָדעל ארויס, טאָרסט ניט אויסזען פאַרמאַטערט, טאָרסט ניט אַנשטענדיג אָפּעסען און אָפּטרינקען, נאָר דאַרפסט פּליען, לויפען, דערצו ב־קעטען! און דאָס ציט זיך אַזוי דריי, פיר חדשים! זעסטו שוין? קאָן איך אַזוי לעבען?

אַבלאַמאַוו

אַבלאַמאַוו האָט זיך אָפּגעשטעלט צו זען ווי עס האָט אויף זאַכאַר'ן געווירקט די שילדערונג פון די אַלע אומבאַקוועמליכ־קייטען, וואָס עס ברענגט מיט זיך מיט די חתונה.

— קאָן איך שוין געהן? — האָט געפרעגט זאַכאַר, אומ־קערענדיג זיך צו דער טיר.

— ניין, דו וואַרט צו! דו ביסט אַ קינסטלער אויף צו פאַרשפּרייטען פאַלשע קלאַנגען, וויל איך, אַז דו זאָלסט געוואָר ווערען וואָרום זיי זיינען פאַלש.

— וואָס דאַרף איך געוואָר ווערען? — האָט געזאָגט זאַ־כאַר, באַקוקענדיג די ווענט פון צימער.

— דו האָסט אין גאַנצען פאַרגעסען וויפיל טומלעניש און לויפעניש עס האָבען חתן און כלה. און ווער וואָלט ביי מיר געלאָפען צום שניידער, צום שוסטער, נאָך מעבעל? דו אפשר? איך אַליין קאָן זיך דאָך ניט צורייסען! אַלע אין שטאָדט וועלען געוואָר ווערען. „איר האָט געהערט? אַבלאַמאַוו געהט דאָך חתונה האָבען". — טאַקע? מיט וועמען? ווען איז די חתונה? — האָט גערעדט אַבלאַמאַוו מיט פאַרשידענע שטימען. — מען האַלט אין איין רעדען! פון דעם אַליין וואָלט איך שוין קראַנק געוואָרען, און דיר איז נאָך איינגעפאַלען: חתונה האָבען!

ער האָט ווידער אַ קוק געטאָן אויף זאַכאַר'ן.

— זאָל איך אַריינרופען אַניסיאַ'ן? — האָט זאַכאַר גע־פרעגט.

— צוליב וואָס אַניסיאַ'ן? דו, און ניט אַניסיאַ, האָט זיך דאָך פאַרגעשטעלט, אַז אַזאַ זאַך איז מעגליך.

— פאַר וואָסערע זינד שטראָפט מיך דאָס היינט גאָט? — האָט זאַכאַר אַ מורמעל געטאָן און אַזוי זיך צוזיפצט, אַז די אַקסעל ביי אים האָבען אַ ציטער געטאָן.

— און וואָס פאַר אַ אויסגאַבען! — האָט אַבלאַמאַוו ווייטער גערעדט. — און וואו נעמט מען געלט? דו האָסט געזען וויפיל איך האָב געלט? — האָט אַבלאַמאַוו כמעט מיט כעס אים אַ פרעג געטאָן. — און וואו איז אַ דירה? דאָ דאַרף מען באַצאָלען אַ טויזענט רובל, און דינגען אַ נייע דירה דאַרף קאָס־

טען אַ דריי טויזענט! און וואו זיינען אַנדערע אויסגאַבען! וואו וועל איך דאָס אַלץ נעמען?

— ווי האָבען אַנדערע חתונה, האָבענדיג דריי הונדערט נפשות? — האָט זאַכאַר געענטפערט און גלייך חרטה געקראָגען, וואָרים אָבלאָמאָוו איז אויפגעשפרונגען פון דער שטול און צוגעשפרונגען צו זאַכאַר'ן.

— דו פאַרגלייכסט מיר שוין ווידער מיט א נ ד ע ר ע?

— האָט ער געזאָגט און בייז אַ מאַך געטאָן צו אים מיט'ן פינגער. — אַנדערע וואוינען אין צוויי, העכסטענס אין דריי צימערען, דער זאַל איז ביי זיי דאָס עסצימער און אמאָל שוין דאָס שלאָפצימער אויך. די באַלעבאָסטע אליין געהט אין מאַרק אריין. וועט דען אָלגאַ סערגעיעוונאַ געהן אליין אין מאַרק?

— אין מאַרק וועל איך געהן, — האָט זיך זאַכאַר אָפּגערופען.

— ווייסטו וויפיל איינקונפט מיר האָבען פון אָבלאָמאָווקע? — האָט אָבלאָמאָוו געפרעגט. — דו האָסט געהערט וואָס דער סטאַראָסטאַ האָט געשריבען? עס וועט זיין אַ צוויי טויזענט רובל ווייניגער. און איצט דאַרף מען לייגען אַ שאָסיי, איינאָרדנען שולען, פאָרען נאָך אָבלאָמאָווקע. און דאָרט איז ניטאָ וואו צו וואוינען, מען דאַרף ערשט בויען אַ הויז... טאָ ווי האָט עס דיר געקאָנט איינפאַלען אַ חתונה?

אָבלאָמאָוו האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט זיך אליין דערשראָקען פון די דאָזיגע אויסזיכטען. די רויזען, די פאַרוואונדערונג פון עולם, דער לאַנגער שלייער — דאָס אַלץ איז מיט אַמאָל פאַרשוואונדען געוואָרען.

זיין פנים האָט זיך פאַרענדערט און ער האָט זיך פאַרטראַכט. שפּעטער איז ער ביסלעכווייז געקומען צו זיך, ארומגעקוקט זיך און דערזען זאַכאַר'ן.

— וואָס טוסטו דאָ? — האָט ער געפרעגט.

— איר האָט דאָך מיר געהייסען דאָ שטעהן, — האָט זאַכאַר געזאָגט.

אבלאמאוו

— נעה! — האט אבלאמאוו, אן אומגעדולדיגער, אים א מאך געטאן מיט דער האנט.

זאכאר האט אויף גיך א שפאן געטאן צו דער טיר.

— ניין, ווארט צו! — האט מיטאמאל אים אפגעשטעלט אבלאמאוו.

— דא געה, דא שטעה! — האט געברומט זאכאר, אנ־האלטענדיג זיך מיט דער האנט אן דער טיר.

— ווי אזוי האסטו געוואגט צו פארשפרייטען וועגען מיר אזוינע פאלשע קלאנגען? — האט אבלאמאוו אים געפרעגט מיט א ציטערנדיגען פליסטער.

— ווען האב איך דאס, איליא איליטש, וועגען אייך פאר־שפרייט קלאנגען? ניט איך האב עס געטאן, נאר די דינער פון די אילינסקי'ס האבען געזאגט, אז דער פריץ שדכן'ט זיך...

— ששש — האט אבלאמאוו א מאך געטאן. — שטיל! קיין ווארט ניט! דו הערסט!

— איך הער, — האט זאכאר ארויסגערעדט דערשראקען.

— ועסטו ניט פאנאנדערטראגען די דאזיגע פאלשע קלאנגען?

— ניין, — האט זאכאר געענטפערט שטיל, ניט פארשטע־הענדיג אייגענטליך אין וואס עס האנדעלט זיך.

— און איצט הער זיך איין: קוים דערהערסטו, אז עמיץ רעדט וועגען דעם, זאג אים גלייך, אז עס איז א ליגען, אז עס איז אן אוממעגליכע זאך! — האט אבלאמאוו שעפטשענדיג צונעלייגט.

— גוט! — האט זאכאר אזוי שטיל ארויסגעפליסטערט, אז מען האט קוים געקאנט הערען.

אבלאמאוו האט זיך ארומגעקוקט און אים געדראט מיט'ן פינגער. זאכאר האט געבלינצעלט מיט זיינע דערשראקענע אויגען און אויף די שפיץ פינגער גענומען זיך דערנענטערען צו דער טיר.

— ווער האט דער ערשטער גענומען רעדען וועגען דעם? — האט אבלאמווא, דעריאגענדיג אים, געפרעגט.

— קאַטיאַ האָט געזאָגט סעמיאָנ'ען, סעמיאָן ניקיטאַ'ן, — האָט זאַכאַר געשעפּטשעט, — ניקיטאַ וואַסיליסאַ'ן...

— און דו האָסט עס צופּויקט אין גאַנצען! איך וועל דיר שוין! — האָט אָבלאָמאָוו גענומען צישען פאַר כעס. — רכילות טרייבען אויפ'ן אייגענעם פּריץ!

— וואָס מאַטערט איר מיך מיט אַזוינע רייד? — האָט זאַכאַר געזאָגט. — איך וועל אַ רוף טאָן אַניסיאַ'ן: זי ווייס אַלץ...

— וואָס ווייס זי? גלייך זאָלסטו מיר זאָגען וואָס זי ווייס!

זאַכאַר האָט זיך אַרויסגעשאַרט פון דער טיר און מיט אַן אומגלויביגער שנעלקייט האָט ער געשפּאַנט אין קיך אַריין.

— וואַרף די פאַן און מאַרש צום פּריץ! — האָט ער אַ זאָג געטאָן אַניסיאַ'ן, אָנווייזענדיג איר מיט'ן פינגער אויף דער טיר. — אַניסיאַ האָט די פאָן איבערגעגעבען אַקולינאַ'ן, אַרויסגעריסען פון אונטער דעם גאַרטעל דעם זוים פון קלייד, אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט זיך אין די היפטען און, אָפּווישענדיג זיך מיט דעם צייג-פינגער די נאָז, איז זי אַוועק צום פּריץ. אין פינף מינוט איז איר געלונגען באַרואיגען אָבלאָמאָוו'ן. זי האָט אים געזאָגט, אַז קיינער האָט וועגען קיין שום חתונה ניט גערעדט. זי איז גרייט צו שווערען זיך ביי אַלעם הייליגען, אַז זי הערט איצט וועגען דעם צום ערשטען מאָל. גערעדט האָט מען נאָר אַן אַנדער געשיכטע, אַז דער באַראָן שדכן'ט זיך גאָר צו דער פרייליין.

— דער באַראָן? — האָט אָבלאָמאָוו, אויפשפּרינגענדיג מיטאַמאָל פון אָרט, אַ פרעג געטאָן. אים איז ניט נאָר דאָס האַרץ, נאָר אפילו הענט און פיס זיינען אים פאַרשטיינערט געוואָרען.

— און דאָס איז אויך ניט מער ווי רכילות! — האָט אַנסיאַ אויף גיך אַרויסגערעדט, ווען זי האָט באַמערקט, אַז זי איז פון איין צרה אַריינגעשפּרונגען אין דער צווייטער. — דאָס האָט בלויז קאַטיאַ געזאָגט מאַרפאַ'ן, מאַרפאַ האָט עס איבער-

געגעבען ניקיטיא'ן, און ניקיטיא האט געזאגט, אז עס וואלט גוט געווען ווען אייער פריץ זאל זיך שדכן'ען צו דער פריילין..."

— וואס פאר א בהמה איז דאס דער ניקיטיא! — האט אבלאמאוו באמערקט.

— באמת א בהמה, — האט צוגעשטימט אניסיא, — ווען ער פארט אמאל נאך א קארעט, פארט ער אזוי ווי ער וואלט געשלאפען. וואסיליסא אפילו האט ניט געגלויבט אין דעם, — האט זי שנעל אנגעהויבען צו רעדען ווייטער, — זי האט דער־צעהלט, אז די אם אליין האט איר געזאגט, אז די פריילין טראכט אין גאנצען ניט חתונה צו האבען און איז דען דאס א מעגליכע זאך, האט זי געזאגט, אז אייער פריץ וואלט ביז איצט ניט געהאט געפונען קיין כלה, ווען ער וואלט געוואלט חתונה האבען, און אז זי האט ניט לאנג צוריק געזען סאמוילען, און ער האט זיך אויך אויסגעלאכט דערפון. א חתונה גאר! און עס זעט גאר ניט אויס, ווי מען זאל זיך גרייטען צו א חתונה. שוין גיכער ווי צו א לויה, ווארים דער טאנטע טוט אלץ וועה דער קאפ און די פריילין האלט אין איין וויינען און זי רעדט ניט קיין ווארט, און מען גרייט גאר קיין אויסשטייער ניט, און אז לעצטע וואך האבען זיי פארזעצט דאס זילבער...

„דאס זילבערוואורג פארזעצט? זיי פעלט אויך אוים געלט?" האט אבלאמאוו א טראכט געטאן און מיט שרעק גע־נומען פירען די אויגען איבער די ווענט און אפגעשטעלט זיי אויף אניסיא'ס נאז, ווייל אויף עפעס אנדערש איז ניט געווען זיי אפצושטעלען. עס האט בכלל געמאכט דעם איינדרוק, אז זי האט דאס אלץ ניט גערעדט מיט'ן מויל, נאר מיט דער נאז.

— גיב אכט, רעד ניט קיין נארישקייטען! — האט אב־לאמאוו איר באמערקט און א מאך געטאן מיט'ן פינגער.

— איך? ווי קום איך דערצו! מיר קומט עס אפילו ניט אויף די געדאנקען, אפגערעדט שוין פון רעדען דערפון, — האט אניסיא געמאלדען, — עס איז דאך אין גאנצען א ליגען! איך שווער ביי גאט, אז איך האב דאס היינט צום ערשטען מאל געהערט, פארזונקען זאל איך ווערען, אויב עס איז ניט אמת!

איך בין פאַרוואונדעט געוואָרען, ווען דער פריץ האָט דערפון גערעדט, איך האָב זיך דערשראָקען און אפילו פאַרציטערט געוואָרען! ווי איז דאָס מעגליך! וואָס פאַר א חתונה! קיינעם האָט עס זיך אפילו ניט גע'חלום'ט דערפון! און איך רעד בכלל ניט מיט קיינעם, איך בין שטענדיג פאַרנומען אין דער קיך! מיט אילינסקים מענשען האָב איך זיך שוין א מאָנאַט ניט געזען, פאַרגעסען זייערע נעמען אפילו! און מיט וועמען האָב איך דאָ צו רעדען? מיט דער באַלעבאָסטע רעד איך בלויז וועגען באַלעבאַטישקייט, מיט דער באָבען קאָן מען ניט רעדען: זי האַלט אין איין הוסטען און איז טויבליך אויף איין אויער; אקולינאַ איז א בהמה און דער דוואָרניק איז א שכור; בלייבען בלויז די קינדער, וואָס קאָן מען רעדען מיט קינדער? איך האָב שוין אפילו פאַרגעסען ווי די פריילין זעט אויס.

— געגנוג שוין, געגנוג שוין, געגנוג! — האָט אַבלאָמאָוו געזאָגט און מיט אומגעדולד א מאַך געטאָן מיט דער האַנט, אַז זי זאָל שוין אַרויס.

ווי קען מען דאָס רעדען וועגען דעם, וואָס איז ניטאָ און וועט ניט זיין? — האָט אַניסיאַ, אַוועקגעהענדיג, דערדערט. — און דאָס וואָס ניקיטאַ האָט געזאָגט, ווער איז אים שולדיג, אַז ער האָט געפּלוידערט. מיר קומען אַזוינע זאַכען ניט אַרויף אויפ'ן זינען: א גאַנצען טאָג בין איך פאַרנומען און האָב ניט קיין צייט פאַר רכילות. איין גאָט ווייס... איך קען פאַר דעם הייליגען בילד דאָ אויף דער וואַנט... — און גלייך נאָך דעם איז איר רעדענדיגע נאָז פאַרשוואונדען לינטער דער טיר, אָבער איר שטימע האָט זיך נאָך א ווײַלע געהערט פון הינטער דער טיר.

„אָט ווי עס האַלט! און אַניסיאַ איז זיכער, אַז דאָס איז ניט קיין מעגליכע זאַך!" האָט אַבלאָמאָוו גערעדט צו זיך אין דער שטיל, צוזאַמענלייגענדיג די הענט-פלאַכען צוזאַמען.

„גליק, גליק! — האָט ער אין א ווײַלע שפּעטער גיפטיג אַרויסגערעדט. — אַ, ווי דו ביסט ברעכיג, ווי דו ביסט ניט שטאַנדהאַפטיג! שלייער, קראַנץ, ליבע, ליבע! און וואו

אבלאמאוו

געמט מען געלט? מען מוז דאך האבן מיט וואס צו לעבן! א, אויך דיך דארף מען קויפן, דיך, ליבע, דיך, ריין און געזעצליך גליק".

פון דעם מאמענט אן האבן חלומות און די פארלאזן אבלאמאוו'ן. ער איז שלעכט געשלאפן, ווייניג געגעסן און צוטראגן און פארלארן געקוקט ארום זיך.

ער האט געוואלט אנשרעקן זאכאר'ן און ער האט זיך דערשראקן מער פון אים, ווען ער האט אריינגעקוקט אין דער פראקטישער זייט פון דער חתונה און דערזען, אז עס איז טאקע א פאעטישער, אבער אין דער זעלבער צייט אויך א פראקטישער און אפיציעלער שריט, וואס ליגט ארויף זער שווערע פליכטן.

ער האט זיך אין גאנצן אנדערש פארגעשטעלט זיין געשפרעך מיט זאכאר'ן. ער האט זיך דערמאנט, אז ער האט געוואלט פייערליך וועגן דעם ערקלערן זאכאר'ן, און ער האט זיך פארגעשטעלט, אז זאכאר וועט זיך צוזאמערן פאר פרייד און א ווארף טאן זיך צו זיינע פיס. ער האט זיך געקליבן אים געבן פינף און צוואנציג, און אניסיאן צען רובל...

ער האט זיך אלץ דערמאנט, דאס דאמאלסדיג ציטערן פאר גליק, אלגא'ס האנט, איר ליידנשאפטליכן קוש... און ער איז פארשטיינערט געווארן פאר שרעק: „עס האט פארוועלקט, עס איז פארביי!" האט אינווייניג אין אים עמיץ גערעדט.

— וואס בלייבט איצט?

.5

אַבלאַמאָוו האָט ניט געוואוסט מיט וואָס פאַר אַ פּנים ער זאָל זיך ווייזען פאַר אָלגאַ'ן, וואָס זי וועט רעדען און וואָס ער וועט רעדען, און ער האָט דערפאַר באַשלאָסען, ניט צו זיין ביי איר מיטוואָך, נאָר זונטאָג, ווען ביי זיי זיינען געוועהנליך דאָ אַ סך געסט און עס וועט זיי ניט געלינגען צו בלייבען אויג אויף אויג.

ער האָט ניט געוואָלט איר דערצעהלען דאָס אַלץ וואָס מענשען רעדען וועגען זיי, כדי זי ניט צו קרענקען מיט זאַכען, וואָס קאָנען ניט פאַרריכט ווערען ; ניט דערצעהלען איז אויך קיין פּלאַן ניט. ניט זיין אָפענהאַרציג מיט איר, איז אוממעג־ליך, ווייל זי וועט אַרויסקריגען פון אים אַלץ, וואָס זי וועט נאָר ווילען, מעג ער עס האַלטען באַהאַלטען אין די טיפענישען פון זיין האַרץ.

בלייבענדיג ביים באַשלוס צו זען זיך מיט איר ערשט זונטאָג, איז אים געוואָרען אַ ביסעל לייכטער. ער האָט זיך צו ביסלאַך באַרואיגט און אָוועקגעשיקט אַ בריף אין דאָרף אריין צום שכן און אים זער געבעטען, אַז ער זאָל אַזוי גוט זיין און אים ענטפערען וואָס גיכער.

דערנאָך האָט ער גענומען טראַכטען, אויף וואָס ער זאָל פאַרנוצען דעם לאַנגען און אומערטרעגליכען מיטוואָך, וואָס וואָלט, ווען זאַכער זאָל זיך אַזוי ניט צופלוידערען, באַלעבט געוואָרען דורך אָלגאַ'ס אַנוועזענהייט, דורך דעם געשפּרעך פון זייערע נשמות, ווייט פון פרעמדע אויגען, און דורך איר געזאַנג.

ער האָט באַשלאָסען אַוועקצופאָרען צו איוואַן גערזסימאָ־וויטש'ן און מיטאָגען ביי אים, כדי ער זאָל וואָס וויינינגער שפּי־רען אָט דעם אומערטרעגליכען טאָג. און ביז זונטאָג וועט ער

זיך שוין ווי ניט איז צוגרייטען, אויסער דעם איז מעגליך, אז דאמאלט זאל שוין זיין אן ענטפער פון דארף.

דינסטאג אין דער פרי האט אים אויפגעוועקט א ווילד בילען פון הונט, וואס האט זיך מיט כעס געריסען פון דער קייט. עמיץ איז אריין אין הויף, עמיץ האט וואס עס איז געפרעגט. דער דווארניק האט ארויסגערופען זאכאר'ן. זאכאר האט אריינגעטראגען אבלאמאוו'ן א בריף, וואס איז אנגעקומען מיט דער פאסט.

— פון דער פריילין, — האט זאכאר געזאגט.

— פון וואנען ווייסטו עס? — האט אבלאמאוו אים בייז א פרעג געטאן. — דו ליגנסט!

— זומער צייט פלעגען פון איר שטענדיג אנקומען פונקט אזוינע בריף, — האט זאכאר געטענה'ט דאס זייניגע.

„וואס זאל דאס באדייטען? איז זי כאטש געזונט?" — האט אבלאמאוו געטראכט, אויפעפענדיג דעם בריף.

„איך וויל ניט ווארטען אויף זונטאג (האט אלגא געשריבען): מיר ווערט אזוי לאנגווייליג, ווען איך זע אייך ניט א לאנגע צייט. איך וויל אייך אומבאדינגט זען מארגען און איך וועל ווארטען אויף אייך דריי אזייגער אין זומער-גארטען".

און מער קיין ווארט ניט.

ווידער האט אן אומרואיגקייט באהערשט זיין גאנץ וועזען, ער האט געהאלטען אין איין ווארפען זיך אין יסורים, ווארים ער האט ניט געוואוסט, וואס פאר א מינע ער זאל מאכען, ווען ער וועט זי דערזען, וואס ער זאל איר זאגען.

אבער ער איז ביסלאכווייז רואיג געווארען, ווייל ער האט געהאפט, אז אלגא וועט אהין קומען מיט דער טאנטע, אדער מיט אן אנדער דאמע — מיט מאריא סערגעיעווגא'ן, למשל, וועלכע האט איר אזוי ליב, וואס קען זיך ניט גענוג אנקוקען אויף איר. אין זייער אנוועזענהייט, האט ער געהאפט, ווי ניט איז צו קענען פארבארגען זיין צוטראגענהייט און ער האט זיך געגרייט זיין פריינדליך און רעדעוודיג.

אבער ווי נאר ער איז אריין אין דער לאנגער אליי פון דעם

זומער־גאָרטען, האָט ער דערזען, ווי פון אַ באַנק האָט זיך אויפ־געהויבען און גענומען אים אַנטקעגען גייען אַ פרוי אין אַ שלייער.

ער האָט זי אין קיין פאַל ניט אָנגענומען פאַר אָלגאַ'ן: איינע אַליין! ניין, דאָס איז אוממעגליך! זי וועט זיך ניט דערוועגען און דערצו קען זי ניט האָבען קיין שום אויסרייד אַוועקצוגעהן איצט פון דער היים.

אָבער דאָך... דער גאַנג איז ענליך אויף אירען: אַזוי לייכט און גיך טראָגען זיך די פיס, אַזוי ווי זיי וואָלטען ניט געטראָטען, נאָר באַוועגט זיך; פונקט ווי ביי איר איז דער קאָפּ און דער האַלז געווען אַרויסגעבויגען אויף פאָרענט, אַזוי ווי זי וואָלט עפּעס געזוכט מיט די אויגען ביי זיך לעבען די פיס.

אַ צווייטער וואָלט געקאָנט וויסען לויט'ן קלייד, לויט'ן הוט, אָבער אָבלאָמאָוו האָט געקאָנט אָפּזיצען מיט אָלגאַ'ן אַ גאַנצען פרימאָרגען און ניט באַמערקען וואָסער קלייד אָדער מאַנטעל זי טראָגט.

אין גאָרטען איז כמעט קיינער ניטאָ. עפּעס אַ הער געהט געשווינד הין און צוריק, ווי ער וואָלט עס געטאָן פאַר געזונט־הייטס וועגען, און צוויי... ניט קיין דאַמען, נאָר פרויען, אַ דינסט מיט צוויי קינדער, וועמעס פּנים'ער זיינען געווען בלוי פון קעלט.

די בלעטער זיינען שוין אָפּגעפאַלען. מען קאָן זען דעם גאָרטען דורך און דורך. אומאַנגענעם שרייען די ראָבען אויף די ביימער. אין אַלגעמיין אָבער איז דער טאָג אַ שעהנער, און אויב מען איז גוט אָנגעטאָן, איז ניט קאַלט.

די פרוי אין שלייער קומט צו אַלץ נענטער, נענטער.

— זי! — האָט אָבלאָמאָוו געזאָגט און אין שרעק זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט ניט געגלויבט זיינע אויגען.

— וואָס הייסט? ווי אַזוי? — האָט ער זי געפרעגט און זי גענומען פאַר דער האַנט.

— איך בין אַזוי צופרידען, וואָס דו ביסט געקומען, — האָט זי געזאָגט, ניט ענטפערענדיג אים אויף זיין פראַגע, —

אבלאַמאָוו

איך האָב געמיינט, אַז דו וועסט שוין ניט קומען, איך האָב זיך שוין אָנגעהויבען צו שרעקען.

— ווי אַזוי קומסטו אַהער? — האָט אַבלאַמאָוו זי געפרעגט, פאַרלירענדיג זיך אין גאַנצען.

— לאָז צו רו! צו וואָס די אַלע אויספאָרשונגען? מיך לאַנגווייליגט דערפון! איך האָב דיך געוואָלט זען און בין אַהער געקומען — דאָס איז אַלץ!

זי האָט אים שטאַרק אַ דריק געטאָן די האַנט און פרעהליך און זאָרגלאָז געקוקט אויף אים; זי האָט אַזוי אָפען הנאה געהאַט פון דעם מאָמענט וואָס זי האָט איצט צוגע'גנב'עט ביים שיקזאַל, אַז אים איז אַזש געוואָרען טרויעריג, וואָס אים איז איצט ניט אַזוי פרעהליך ווי איר. דאָך, ניט קוקענדיג אויף זיינע דאגות, האָט ער ניט געקענט ניט פאַרגעסען זיך אויף אַ רגע, ווען ער האָט דערזען איר פּנים.

אין דעם מאָמענט האָט איר פּנים געאָטעמט מיט אַזאַ גלויבען אין דער צוקונפט, אין גליק, אין אים... זי איז געווען זעהר ליב.

— אָ, ווי איך בין צופרידען! אָ, ווי איך בין צופרידען!

— האָט זי געהאַלטען אין איין רעדען. זי האָט געשמייכעלט און געקוקט אויף אים. — איך האָב געמיינט, אַז איך וועל דיך היינט ניט זען. מיר איז נעכטען באַפאַלען אַזאַ טרויער, איך ווייס ניט פאַרוואָס, און איך האָב דיר אָנגעשריבען די פּאָר ווערטער. דו ביסט צופרידען?

זי האָט אים אַריינגעקוקט אין פּנים אַריין.

— וואָס ביסטו היינט אַזוי אָנגעבלאָזען? דו שווייגסט? דו ביסט ניט צופרידען? איך האָב געמיינט, אַז דו וועסט משוגע ווערען פאַר פרייד, און דו מאַכסט גאָר אַ פּנים, ווי דו וואָלסט געשלאָפען. וואַכט אויף, געשעצטער הער, מיט אייך איז אַלגאַ.

און מיט פאַרוואורף האָט זי אים לייכט אָפּגעשטופּט פון זיך.

— וואָס איז מיט דיר ? דו ביסט ניט געזונט ? — איז זי ניט אָפּגעשטאַנען פון אים.

— פאַרקערט, איך בין געזונט און פרעהליך, — האָט ער זיך געאײַלט איר צו זאָגען, כדי זי זאָל זיך ניט נעמען געוואָר צו ווערען, וואָס עס קומט פאָר אין זיין נשמה, — איך האָב בלויז מורא, וואָס דו ביסט אַליין...

— דאָס איז שוין מיין דאגה, — האָט זי אומגעדולדיג אַרויסגערעדט. — וואָלט דען געווען בעסער, ווען מיין טאַנטע וואָלט מיטגעקומען מיט מיר ?

— בעסער, אָלגאַ...

— ווען איך וואָלט עס געוואוסט, וואָלט איך זי געבעטען מיטפאָרען, — האָט אים אָלגאַ מיט א באַליידיגטער שטימע איבערגעשלאָגען און אַרויסגעלאָזען זיין האַנט פון אירער. — איך האָב געמיינט, אַז פאַר דיר איז ניטאָ קיין גרעסער גליק, ווי צו פאַרברענגען מיט מיר.

— ניטאָ און עס קען ניט זיין ! — האָט אָבלאָמאָוו גע־ענטפערט. — אָבער ווי אַזוי ביסטו עס אַליין...

— עס לוינט זיך ניט וועגען דעם אַזוי פיל צו רעדען, לאָמיר בעסער רעדען וועגען עפּעס אַנדערש, — האָט אָלגאַ זאָרגלאָז אַרויסגערעדט.

— הער זיך איין... איך האָב דיר געוואָלט עפּעס זאָגען, נאָר עס איז מיר אַרויס פון זינען...

— איז עס ניט וועגען דעם, וואָס דו ביסט געקומען אַליין ? — האָט ער זי געפרעגט און אומרואיג זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטען.

— ניין, ניין ! דו האָסט בלויז דאָס אין זינען ! ווי דער־עסט עס זיך דיר ניט ! אָבער וואָס האָב איך עס דיר געוואָלט זאָגען ?... זאָל זיין, אפשר וועל איך זיך שפּעטער דערמאָנען. אַ, ווי דאָ איז גוט : אַלע בלעטער זיינען שוין אַרונטערגעפאַלען. — הוגאָ'ס, געדענקסט ? און אָט דאָרט איז די זון, די ניע־וואַ... קום צו דער ניעוואַ, וועלען מיר זיך אַביסעל דורכפאָרען אין א שיפעל...

אבלאמאוו

— גאָט איז מיט דיר! אין אזא קעלט? און איך האָב אויף זיך אזא לייכטען מאַנטעל.

— קיין אומגליק ניט! איך האָב אויך אויף זיך א לייכטען מאַנטעל. קום, קום!

זי האָט גענומען לויפען און אים מיטגעשלעפט מיט זיך. ער האָט זיך איינגעשפּאַרט און געברומט עפּעס אונטער דער נאָז. עס האָט אָבער גאָרנישט ניט געהאָלפען און ער האָט זיך געמוזט אריינזעצען אין א שיפעל אריין.

— ווי אזוי ביסטו איינע אליין אהער געקומען? — האָט אָבלאָמאָוו אומרואיג ווידער אמאָל געפרעגט.

— זאָגען דיר? — האָט זי זיך גערייצט מיט אים, ווען זיי זיינען שוין געווען אין מיטען טייך. — איצט קאָן איך עס דיר שוין זאָגען: פון דאַנען וועסטו דאָך ניט אוועק, און דאָרט וואָלסטו דאָך גענומען און אנטלאָפען.

— נו, נו? — האָט ער געפרעגט מיט שרעק.

— וועסט מאָרגען קומען צו אונז? — האָט זי אים גע־פרעגט שטאָט אַן ענטפער.

„גאָט מיינער! — האָט אָבלאָמאָוו א טראַכט געטאָן ביי זיך אין הארצען. — אזוי ווי זי וואָלט דורכגעלעזען אין מיינע געדאַנקען, אז איך קלייב זיך ניט צו קומען".

— איך וועל קומען! — האָט ער געענטפערט אויפ'ן קול.

— אין־דער־פרי? און אויף א גאַנצען טאָג?

ער האָט געשוויגען.

— וועל איך ניט זאָגען, — האָט זי געזאָגט.

— איך וועל קומען אויף א גאַנצען טאָג.

— אָט זעסטו, — האָט זי אָנגעהויבען ערנסט, — איך האָב דיך היינט אהער גערופען, כדי צו זאָגען דיר...

— וואָס? — האָט ער זי געפרעגט א דערשראָקענער.

— אז דו... אז דו זאָלסט מאָרגען קומען צו אונז.

— אוי, דו גאָט מיינער! — האָט ער זי איבערגעשלאָגען אַן אומגעדולדיגער. — אָבער ווי אזוי ביסטו אהער געקומען?

— אהער? — האָט זי ווידערהאָלט א צוטראַגענע. —

א. א. גאָנטשאַראָוו

ווי אזוי איך בין אהער געקומען? פשוט גענומען און געקומען... וואָס איז דאָ וועגן וואָס צו רעדען!

זי האָט אָנגעשעפּט אַ פולע האַנט וואַסער און אים אַ שפּריץ געטאָן אין פּנים אַריין. ער האָט זיך צוזאַמענגע־קנייטשט, אַ ציטער געטאָן, אָבער זי האָט זיך צולאַכט.

— וואָס פאַר אַ קאַלט וואַסער! די האַנט איז מיר ווי אייז! גאָט מיינער! ווי פריילעך איז דאָ, ווי גוט! — האָט זי ווייטער גערעדט, קוקענדיג אין אַלע זייטען. — מאָרגען וועלען מיר אויך זיך שיפען, אָבער מאָרגען וועל איך שוין קומען גלייך פון דער היים אהער.

— און איצט קומסטו דען ניט גלייך פון דער היים? פון וואַנען דען? — האָט ער זיך געאיילט זי צו פרעגען.

— איך קום איצט פון אַ געשעפט.

— פון וואָס פאַר אַ געשעפט?

— וואָס הייסט פון וואָס פאַר אַ געשעפט? איך האָב דאָך נאָך אין גאָרטען געזאָגט פון וואָס פאַר אַ...

— ניין, דו האָסט ניט געזאָגט, — האָט אָבלאָמאָוו זיך אָפּגערופען מיט אומגעדולד.

— מאָדנע! ניט געזאָגט! פאַרגעסען! איך בין מיט אַמענשען אוועק פון הויז צו אַ יואַוועליר...

— און?...

— נו... זע וואָס פאַר שעהנע קירך... — האָט זי מיט אַמאָל אָנגעוויזען אין דער וויט.

— איז וואָס ווייטער... דו ביסט אוועק צום יואַוועליר... און דאָרט?...

— דאָרט זיינען דאָ וואונדערבאַרע זאַכען... אַך, וואָס פאַר אַ בראַסלעט האָב איך דאָרט געזען!

— עס האַנדעלט זיך איצט ניט וועגן דעם בראַסלעט! — האָט אָבלאָמאָוו זי איבערגעשלאָגען. — וואָס איז געשען ווייטער?

— גאָרנישט, דאָס אַלץ... — האָט זי אַ צוטראַגענע צו־געלייגט און זיך אַרומגעקוקט.

אבלאמאוו

— וואו איז דער מענש? — איז אבלאמאוו ניט אפגע־שטאנען.

— ער איז אהיים געגאנגען, — האט זי קוים וואס גע־ענטפערט, איינקוקענדיג זיך אין די געביידען פון דער צווייטער זייט טייך.

— און ווי ביסטו אהער געקומען?

— א, ווי דארטען איז שעהן! קען מען ניט אהין? — האט זי געפרעגט, אנצייגענדיג מיט דעם שירעם אויף דעם צווייטען זייט פון טייך. — דו וואוינסט דאך דארט!

— יא.

— ווייז מיר די גאס.

— אבער וואס הייסט, דער מענש... — האט אבלאמאוו זי ווייטער געפרעגט.

— גאנץ פשוט, — האט זי נאכלעסיג געענטפערט, — איך האב אים געשיקט נאכ'ן בראסלעט. ער איז אוועק אהיים, און איך אהער.

— וואס הייסט? — האט אבלאמאוו געזאגט, אויסגלא־צענדיג אויף איר א פאר אויגען.

ער האט געמאכט א צושראקען געזיכט. זי האט צופליי־סענס געמאכט אויך אזא געזיכט.

— רעד ערנסט, אלגא! עס איז איצט ניט קיין צייט פאר טרייבען שפאס.

— אויף מיין ווארט, אז עס איז אזוי געווען און איך טרייב ניט קיין שפאס! — האט אלגא רואיג ארויסגערעדט. — מיין טאנטע האט מיר געהייסען געהן צום יוואוועליר און איך האב צופלייסענס פארגעסען אין דער היים דעם בראסלעט. דיר וואלט קיינמאל אזא זאך ניט איינגעפאלען! — האט זי צו־געלייגט מיט שטאלץ.

— און אז דער מענש וועט צוריקקומען?

— האב איך געהייסען אים זאגען, אז ער זאל ווארטען אויף מיר, אז איך בין אין א צווייטען געשעפט געגאנגען, און געקומען בין איך אהער...

— און אויב מאריא מיכיילאָווגא וועט פרעגען אין וועלכען געשעפט דו ביסט עס געוועז?

— וועל איך איר זאָגען, אז איך בין געוועזן ביי דער שניידערין.

— און אויב זי וועט אָנפרעגען די שניידערין?

— און אויב די ניעווא וועט אין גאנצען אריינפליסען אין ים אריין, און אויב אונזער שיפעל וועט זיך איבערקערען, און אויב אונזער גאס און אונזער הויז וועט איינגעזונקען ווערען, און אויב דו וועסט מיך מיט אמאָל אויפהערען ליב צו האָבען...

— האָט זי גערעדט און האָט ווידער אמאָל אָפּגעשפריצט זיין פּנים מיט וואסער.

— דער מענ'ש איז שוין צוריקגעקומען, ער וואַרט שוין אויף דיר... — האָט ער געזאָגט, אָפּווישענדיג זיך דאָס פּנים. — שיפסמאן, גיכער צום ברעג!

— ניין, מען דאַרף ניט! — האָט זי באפוילען דעם שיפסמאן.

— צום ברעג! דער מענש איז שוין זיכער צוריקגעקר־מען! — האָט אָבלאָמאָוו גע'טענה'ט דאָס זייניגע.

— א דאגה! זאָל ער!

אָבער אָבלאָמאָוו איז באשטאנען אויף דאָס זייניגע און גיך געגומען געהן מיט איר דורכ'ן גאָרטען, נאָר אָלגא איז גראָד געגאנגען פּאמעליך און אָנגעשפּאַרט זיך אָן זיין אָרעם.

— וואָס איילסטו זיך אזוי? — האָט זי געזאָגט צו אים.

— וואַרט צו, איך וויל וואָס לענגער פּארבלייבען מיט דיר.

און זי האָט גענומען געהן נאָך פּאמעליכער און זיך נאָך פעסטער צוגעדריקט צו אים; זי האָט זיך צוגעדריקט צו זיין פּלייצע, אריינגעקוקט אים אין די אויגען אריין, אָבער ער האָט איר געהאַלטען אין איין רעדען וועגען פליכטען, און גערעדט האָט ער שווער, לאנגווייליג. צוטראָגען האָט זי זיך איינגע־הערט צו זיינע רייד, אמאָל האָט א טרויעריגער שמייכעל באַ־דעקט איר פּנים און איר קאָפּ האָט זיך איינגעבויגען אָן א זייט,

אבלאמאוו

און ווידער אמאָל האָט זי זיך איינגעקוקט אין זיין געזיכט און געטראכט האָט זי וועגן עפּעס אנדערש.

— הער זיך איין, אָלגא, — האָט אָבלאָמאָוו ענדליך ארויסגערעדט פייערליך, — כאָטש איך האָב מורא, אז איך קען ארויסרופן דערמיט ביי דיר אומצופרידענהייט און פאָרוואורפן, אָבער איך מוז דיר זאָגן, אז מיר זיינען אוועק צו ווייט. עס איז מיין פליכט עס דיר צו זאָגן.

— וואָס זאָגן? — האָט אים אָלגא מיט אומגעדולד געפרעגט.

— אז עס איז זער שלעכט פון אונזער זייט, — וואָס מיר זעען זיך באהאלטענערהייט.

— דאָס האָסטו דאָך מיר נאָך געזאָגט, ווען מיר זיינען נאָך געווען אין דאָרף, — האָט אים אָלגא געזאָגט און איז פארזונקען געוואָרען אין גערדאנקען.

— אָבער דאמאָלט האָב איך עס ניט געמיינט מיט'ן גאנצען הארצען: מיט איין האנט האָב איך אָפּגעשטופּט און מיט דער צווייטער צוגעהאלטען. דו ביסט געווען אזוי צוטרויליך, און איך... איך האָב דיך אזוי וו גענארט... דאמאָלט איז דאָס געפיל נאָך געווען ניי...

— און איצט איז עס שוין ניט מער ניי און דו הויבסט זיך אָן צו לאנגווייליגען...

— וואָס דיר קען איינפאלען, אָלגא! דו ביסט אומגערעכט צו מיר! זאָגענדיג ניי, מיין איך, אז עס איז נאָך ניט געווען קיין צייט, אז מיר האָבען נאָך ניט געהאַט קיין מעגליכקייט צו באזינען זיך. מיין געוויסען מאטערט מיך: דו ביסט אזוי יונג, דו קענסט אזוי ווייניג נאָך די וועלט און די מענשען, דו ביסט אזוי ריין, דו האָסט אזוי ליב, אז דיר איז גאָר אויפ'ן זינען ניט געקומען, ווי מיר ווערען דאָס בארעדט פאר דעם, וואָס מיר טוען, באזונדערס שטארק ווער איך בארעדט.

— וואָס טוען מיר אזוינס? — האָט זי געפרעגט, אָפּשטעלענדיג זיך.

— וואָס הייסט וואָס? דו גענארסט דיין טאנטע, געהסט

בסוד אוועק פון דער היים, זעסט זיך אויג אויף אויג מיט א מאַנספּערזאָן... פּרואוו עס נאָר דערצעהלען ביי זיך אין הויז זונטאָג, ווען עס זיינען פאַראַן געסט, וועסטו זען, וואָס זיי וועלען זאָגען.

— פאַר וואָס זיי ניט זאָגען? — האָט זי רואיג געזאָגט. — גוט, איך וועל עס זיי זאָגען.

— פּרוביר טאַקע, וועסטו זען, אַז דיין טאַנטע וועט פאַלען אין חלשות, די דאַמען וועלען גלייך אַנטלויפען פון הויז, און די מענער וועלען פיל באַדייטענד אַ קוק טאָן אויף דיר...

זי האָט זיך פאַרטראַכט.

— אָבער מיר זיינען דאָך חתן־כלה! — האָט זי גע־ענטפערט.

— יאָ, יאָ, מיין ליבע אָלגאַ, — האָט ער געזאָגט, דריי־קענדיג איר ביידע הענט, — און דערפאַר טאַקע דאַרפען מיר זיין וואָס שטרענגער, זיין פאָרזיכטיג, אַכטונג געבען אויף אונ־זער יעדען ריר. איך וויל דיך קענען פירען מיט שטאָלץ אונ־טער'ן אָרעם אויף דער אַליי אָפען פאַר אַלעמען, און ניט באַ־האַלטענערהייט; אַז אַלע בליקען זאָלען זיין געווענדעט אויף דיר מיט אַכטונג, אַז אין קיינעמס קאָפּ זאָל ניט קענען געבאָרען ווערען אַ פאַרדאַכט, אַז דו האָסט געקאָנט פאַרגעסען זיך און דיין פליכט, דיין ערציאונג...

— איך האָב זיך ניט פאַרגעסען, איך האָב ניט פאַרגעסען מיין פליכט, מיין ערציאונג, — האָט זי געענטפערט מיט שטאָלץ און אוועקגענומען אירע הענט פון זיינע.

— איך ווייס עס, איך ווייס עס, אומשולדיגער מלאך מיינער! אָבער ניט איך זאָג עס, איך זאָג בלויז וואָס מענ־שען וועלען זאָגען, און זיי וועלען עס דיר קיינמאָל ניט מוחל זיין. פאַרשטעה ווי גאָט איז דיר ליב, וואָס איך וויל פון דיר. איך וויל, אַז דו זאָלסט זיין אין די אויגען פון דער וועלט אַזוי ריין און אָן אַ פלעק, ווי דו ביסט אין דער ווירקליכקייט...

און אַ פאַרזונקענע אין געדאַנקען איז זי ווייטער געגאַנגען.

— פאַרשטעה צוליב וואָס איך זאָג עס דיר אַלץ: דו

וועסט זיין אומגליקליך, און אויף מיר אליין וועט ליגען די שולד אין דעם. מען וועט זאגען, אז איך האב דיך פארנארט, צו־פלייסען פארשטעלט דעם תהום. דו ביסט ריין, אבער ווער וועט גלויבען? ווער וועט דיר גלויבען?

— דאס איז אמת, — האט זי געזאגט און א ציטער גע־געבען. — הער זיך איין, — האט זי אנטשלאסען ווייטער גע־רעדט, — מיר וועלען אלץ דערצעהלען דער טאנטע און זאל זי נאך מארגען אונז בענשען...

אבלאמאוו איז בלייך געווארען.

— וואס איז מיט דיר? — האט זי געפרעגט.

— ווארט נאך צו, אלגא, צו וואס דארף מען זיך אזוי איילען, — האט ער שנעל ארויסגערעדט.

— דו אליין האסט דאך מיט צוויי וואכען צוריק מיך געאיילט! — האט אלגא געזאגט און טרוקען און אויפמערק־זאם אריינגעקוקט אים אין געזיכט אריין.

— יא, אבער איך האב מיך ניט פארטראכט וועגען די אלע פארבאריימונגען, און צוגרייטען דארף מען זיך זער! — האט ער געזאגט און א זיפץ געטאן. — לאמיר ווארטען אויף א בריף פון דארף.

— צו וואס דארף מען ווארטען אויף א בריף פון דארף? וועט דען אזא אדער אן אנדער ענטפער האבען א ווירקונג אויף דיין באשלוס? — האט זי געפרעגט און נאך אויפמערקזאמער געקוקט אויף אים.

— וואס איז דאס פאר אן איינפאל! געוויס ניט! אבער דאך דארף מען וויסען דעם ענטפער. מען וועט דאך מוזען זאגען דער טאנטע ווען עס וועט זיין די חתונה. מען וועט דאך ניט רעדען מיט איר איצט וועגען ליבע, נאר וועגען אזוינע זאכען, וועגען וועלכע איך קען נאך איצט ניט רעדען.

— וועסטו דאס זאגען, ווען דו וועסט קריגען דעם בריף, אבער דערווייל זאלען אלע וויסען, אז מיר זיינען חתן־כלה, און מיר וועלען זיך זען אלע טאג. מיר איז לאנגווייליג, — האט זי צוגעלייגט, — עס מאטערען מיך אויס אט די לאנגע

טעג. אַלע באַמערקען, שטעהען צו צו מיר, גיבען אָנצוהערע־נישען אויף דיר... עס האָט זיך מיר שוין דערעסען!

— אָנצוהערענישען אויף מיר? — האָט ער מיט די לעצטע כוחות אַרויסגערעדט.

— דאָס איז אַ דאַנק סאָניטשקאַ'ן.

— אָט זעסטו שוין, זעסטו שוין? דו האָסט זיך ניט איינגעהערט צו מיינע רייד, ביסט נאָך בייז געוואָרען אויף מיר, ווען איך האָב עס דיר געזאָגט.

— וואָס, זעסטו שוין? איך זע גאָרנישט, איך זע בלויז, אַז דו ביסט אַ פּייגלינג... איך האָב זער ווייניג מורא פאַר אָט די אַלע אָנצוהערענישען.

— ניט קיין פּייגלינג, נאָר אַ פאָרזיכטיגער מענש בין איך... אָבער ווי גאָט איז דיר ליב, אָלגאַ, לאָמיר געהן וואָס גיכער פון דאַנען. גיב אַ קוק, אָט דערנענטערט זיך אַ קאַרעט. זיינען דאָס ניט קיין באַקאַנטע? אַך! עס וואַרפט אין היץ און אין קעלט... קום שוין, קום שוין... — האָט ער גערעדט אַ דערשראָקענער און זי אָנגעשטעקט מיט זיין שרעק.

— יאָ, לאָמיר געהן גיכער, — האָט זי שנעל־פּליסטערענ־דיג אַרויסגערעדט.

און ניט רעדענדיג צווישען זיך קיין וואָרט, זיינען זיי כמעט ווי לויפענדיג דורך דורך דער אַליי ביז דער ענד פון גאָרטען. אָבלאָמאָוו האָט זיך אומרואיג אומגעקוקט אויף אַלע זייטען, און זי האָט נידעריג איינגעבויגען דעם קאָפּ און פאַר־דעקט זיך מיט דעם שלייער.

— אַלזאָ, מאָרגען! — האָט זי געזאָגט, ווען זיי זיינען צוגעקומען צום געשעפט, וואו דער מענש האָט געוואַרט אויף איר.

— ניין, זאָל זיין בעסער איבערמאָרגען... ניין, בעסער שוין פרייטאָג, אָדער שבת, — האָט ער געענטפערט.

— פאַר וואָס עפּעס?

— זעסטו, אָלגאַ... איך טראַכט אַלץ... אפשר וועט ביז דאַמאָלט אָנקומען דער ענטפער פון דאָרף.

אבלאמאוו

— עס איז זער מעגליך. אָבער דו קום מאָרגען, צום מיטאָג קום. דו הערסט?

— יאָ, יאָ, איך וועל קומען, — האָט ער איילענדיג איר געענטפערט, און זי איז אין געשעפט אריין.

„אך, גאָט מיינער, ווי ווייט מיר זיינען דאָס פארקראָכען! אָ, ס׳ארא משא איז דאָס אויף מיר ארויפגעפאלען אצינד! וואָס הויב איך איצט אָן צו טאָן? סאָניטשקא! זאכאר! די פראַנטען”...

8

ער האָט ניט באמערקט, אז דער מיטאָג, וואָס זאכאר האָט אים דערלאַנגט איז געווען קאַלט, ער האָט ניט באמערקט, ווי נאָכדעם האָט ער זיך מיטאַמאָל געפונען אין בעט און ער איז איינגעשלאָפען מיט א טיפען שלאָף.

אויפ׳ן צווייטען טאָג האָט ער א ציטער געטאָן פון דעם געדאנק, אז ער דאַרף היינט פאָרען צו אָלגאַ׳ן. ווי איז דאָס מעגליך? ער האָט זיך לעבעדיג פאַרגעשטעלט, ווי אַלע ווע־לען פילבאַדרייטענד קוקען אויף אים.

דער שווייצער באגעגענט אים אזוי אויך עפּעס צו ליב־ליך. סעמיאָן לאָזט זיך לויפען ווי משוגע, ווען ער בעט ביי אים א גלאָז וואסער. קאַטיא און די איבעריגע דינער באגלייטען אים מיט א פריינדליכען שמייכעל.

„דער חתן, חתן!״ שטעהט ביי אַלעמען אויסגעקריצט אויף די שטערען און ער האָט נאָך ניט געבעטען דער טאַנטע׳ס צושטימונג, און ער האָט ניט קיין גראָשען געלט ביי דער נשמה, און ער ווייס ניט, ווען ער וועט האָבען, ער ווייס אפילו ניט וויפיל איינקונפט ער וועט הייַ־יאָר האָבען פון דאָרף. קיין הויז אין דאָרף ניטאָ, מיט איין וואָרט — א ריכטיגער חתן!

ער האָט באַשלאָסען, אז ביז וואַנען ער וועט ניט קריגען א באשטימטען ענטפער פון דאָרף, וועט ער זיך זען מיט אָלגאַ׳ן בלויז אין די זונטאָגס, אין דער אנוועזענהייט פון פרעמדע מענ־שען. דערפאר האָט ער ניט גענומען גלייך אין־דער־פרי זיך גרייטען צו פאָרען צו אָלגאַ׳ן.

ער האָט זיך ניט ראַזירט, ער האָט זיך ניט אָנגעטאָן, פויל האָט ער געבלעטערט פראַנצויזישע זשורנאַלען, וואָס ער האָט לעצטע וואָך גענומען ביי די אילינסקים, ער האָט ניט געקוקט

אבלאַמאָוו

אָן אַן אויפהער אויפ'ן זייגער און זיך ניט געבלאָזען, וואָס דער זייגרע באַוועגט זיך אַזוי פאַמעליך.

זאַכאַר און אַניסיאַ האָבען געמיינט, אַז ער וועט היינט, ווי געוועהנליך, ניט מיטאָגען אין דער היים, און דערפאַר האָבען זיי אים ניט געפרעגט, וואָס זיי זאָלען אַנגרייטען.

ער האָט זיי גוט אַנגעזידעלט און ערקלערט זיי, אַז ניט יעדען מיטוואָך מיטאָגט ער ביי די אילינסקי'ס, אַז דאָס איז אַ „רכילות", אַז געמיטאָגט האָט ער נאָר ביי איוואַן געראַסימאָ־וויטש'ן, און אַז אין דער צוקונפט וועט ער שטענדיג עסען אין דער היים, אויסער אפשר אַמאָל אין אַ זונטאָג.

אַניסיאַ איז אויף גיך געלאָפען אין מאַרק אַריין איינצו־קויפען וואָס פאַר אַ מאָלצייט.

דער באַלעבאָסטע'ס קינדער זיינען אַריין צו אים, ער האָט זיי פאַרהערט. ער האָט זיך איינגעהערט צום געזאַנג פון די פויגעל און ער האָט געקוקט אין דער האַלב אָפענער טיר ווי עס שימערען דורך דער באַלעבאָסטע'ס נאַקעטע עלענבויגענס.

צוביסלאַך האָט זיך איליאַ'ס אויפרעגונג איינגעשטילט און ער איז באַהערשט געוואָרען פון אַ טעמפער פאַרטראַכטקייט. אין אַז צושטאַנד איז ער געוועזן כמעט ביז צום מיטאָג.

נאָכ'ן מיטאָג, ווי נאָר זיין קאָפ האָט זיך גענומען וויגען הין און הער פון שלאָף, האָט זיך די טיר געעפענט און פון דאָרט איז ערשינען די באַלעבאָסטע מיט צוויי פּיראַמידען זאָקען אין די הענט.

זי האָט זיי אַוועקגעלייגט אויף צוויי שטולען. אָבלאָמאָוו איז אויפגעשפרונגען און איר פאָרגעלייגט דעם דריטען שטול, אָבער זי האָט זיך ניט אַוועקגעזעצט דאָס איז געווען געגען איר נאַטור: זי איז שטענדיג אויף די פיס, זי האַלט זיך שטענ־דיג אין באַוועגען.

— איך האָב היינט פאַנאַנדערגעפּאַקט אייערע זאָקען, — האָט זי געזאָגט, — איר האָט פינף און פופציג פּאָר, אָבער כמעט אַלע ניט קיין גוטע.

— אָ, וואָס פאַר אַ גוטע איר זייט! — האָט אָבלאָמאָוו געזאָגט, דערנענטערענדיג זיך צו איר און שפּאַסהאַפט אָננע־מענדיג זי פאַר די עלענבויגענס. זי האָט אַ שמייכעל געטאָן.

— וואָס באַאומרוהיגט איר זיך? איך פיל זיך זער שול־דיג געגען אייך.

— עס איז ניט ווערט צו רעדען וועגען דעם! באַלעבאַ־טישקייט איז דאָך מיין זאַך און איר האָט ניט ווער עס זאָל טאָן פאַר אייך. עס מאַכט ניט! — האָט זי ווייטער גערעדט. — צוואַנציג פאַר זיינען שוין גאַרנישט ניט ווערט: מען קאָן שוין אפילו ניט פאַרריכטען.

— מען דאַרף ניט, וואַרפט זיי אַלע ארוים! צו וואָס פאַרנעמט איר זיך מיט אַזוינע שמאַטעס. מען דאַרף קויפען נייע.

— פאַרוואָס זיי עפּעס ארויסוואַרפען? עס איז פאַראַן צווישען זיי אַ סך, וואָס קענען ווערען פאַרריכט, — און גיך האָט זי גענומען אָפּקלייבען די זאָקען, וואָס קאָנען נאָך פאַר־ריכט ווערען.

— ביטע, זעצט אייך; וואָרום שטעהט איר אַלץ? — האָט איר פאַרגעלייגט אָבלאָמאָוו.

— ניין, אַ שעהנעם דאַנק אייך, איך האָב קיין צייט ניט פאַנאַנדער צולייגען זיך, — האָט זי געזאָגט און ווידער זיך אָפּגעזאָגט פון דער פאַרגעלייגטער שטול. — היינט וואַשט מען און מען דאַרף אָנגרייטען אַלע וועש.

— איר זייט אַ וואונדער און ניט קיין באַלעבאָסטע! — האָט געזאָגט אָבלאָמאָוו, אָפּשטעלענדיג זיינע בליקען אויף איר האַלז, אויף איר ברוסט.

זי האָט אַ שמייכעל געטאָן.

— אַלזאָ, — האָט זי געפרעגט, — זאָל איך אייך אונטער־שטריקען די זאָקען? וועל איך באַשטעלען גאַרען. אַן אַלטע פרוי ברענגט אונז גאַרען פון דאָרף, ווייל דאָ לוינט זיך ניט קויפען, עס איז פאַרפוילטע.

— אויב איר מיינט עס אויף אַן אמת, וועל איך אייך זיין

זער דאנקבאר, — האט אבלאמאוו געזאגט, — אבער מיין גע־וויסען לאזט מיך ניט אייך אזוי באמיען, איר טוט שוין צופיל פאר מיר.

— עס מאכט ניט. וואס דען זאל איך טאן? אט די וועל איך אליין אונטערשטריקען; די, ווידער, וועל איך געבען דער באבען; מארגען קומט די שוועגערין צו גאסט. מיר האבען ניט וואס צו טאן אין די אווענדען, וועלען מיר שטריקען. אפילו מאשא הויבט שוין אן ביי מיר צו שטריקען, נאר די שפיזלעך פאלען איר נאך אלץ ארוים פון די הענטלאך.

— איר לערנט שוין מאשא'ן אויך ווי צו שטריקען? — האט געפרעגט אבלאמאוו.

— יא, איך געוועהן איר שוין צו.

— איך ווייס אליין ניט, ווי אייך צו דאנקען דערפאר, — האט געזאגט אבלאמאוו און געקוקט אויף איר מיט פארגעניגען. איר ווייסט ניט ווי איך בין אייך דאנקבאר, אבער, איך בין זיכער, אז איך וועל אייך ניט בלייבען לאנג קיין בעל חוב, באַ־זונדערס מאשא'ן: איך וועל איר אנקויפען זיידענע קליידלעך, ווי א פופע וועל איך זי אויספוצען.

— ווארום? פארוואס דאנקט איהר עפעס? צו וואס דארף זי זיידענע קליידער? ציצענע קליידלעך זיינען נאך פאר איר צו גוט! זי רייסט אלץ, א שרעק; באזונדערס שיך. איי־דער מען קויפט איר א פאר שיך, זיינען זיי שוין צוריסען.

זי האט זיך אויפגעהויבען און גענומען די זאקען.

— וואס איילט איר זיך אזוי? — האט ער זי געפרעגט.

— זיצט אביסעל, איך בין איצט ניט פארנומען.

— ניט איצט, אן אנדערש מאל, אמאל אין א יום־טוב; און אייך בעטען מיר אויך אמאל צו אונז אויף א גלעזעל קאפע. איך לויף, היינט וואשען מיר, וויל איך זען, צי אקולינא האט זיך שוין גענומען צו דער ארבייט.

— איך וואג אייך ניט צו פארהאלטען, — האט געזאגט אבלאמאוו, נאכקוקענדיג איר אויף דער פלייצע און אויף די עלענבויגענס.

— יאָ, איך האָב ארויסגענומען אייער שלאָפראָק, — האָט זי ווייטער גערעדט, — מען קאָן אים נאָך אויסוואַשען און פאַרריכטען. ס'אַר אַ וואונדערבארע סחורה! ער וועט נאָך לאַנג אַנהאַלטען.

— באַמיט זיך ניט אומזיסט! איך דאַרף אים שוין מער ניט האָבען, איך טראָג אים שוין ניט מער.

— אָבער אויסוואַשען אים מעג מען סיי־ווי־סיי, מעגליך, אַז איר וועט אים נאָך ווען עס איז אָנטאָן... צו דער חתונה!

— האָט זי געזאָגט און שמייכלענדיג צוגעקלאַפּט די טיר.

דער שלאָף איז מיט אַמאָל פאַרשוואונדען פון אים, ער האָט אויפגעשפּיצט די אויערען און אויסגעגלאָצט די אויגען.

„אויך זי ווייסט! אַלע ווייסען! — האָט ער געזאָגט און זיך ארונטערגעלאָזען אין דער שטול, וואָס איז געוועז אָנגעגרייט פאַר איר. — זאַכאַר! זאַכאַר!

און ווידער האָבען זיך גענומען אויף זאַכאַר'ס קאָפּ שיטען פאַרוואורפען, ווידער האָט אַניסיאַ אָנגעהויבען רעדען מיט דער נאָז, אַז „צום ערשטען מאָל הערט זי דאָס איצינד פון דער באַלעבאָסטע וועגען דער חתונה, אַז אין די געשפּרעכען מיט איר האָט זי וועגען דעם קיינמאָל ניט דערמאָנט, און עס וועט דאָך קיין חתונה ניט זיין, און קען דען זיין אַ חתונה? דאָס האָט געמוזט אויסטראַכטען אַ מענשען־פיינט, און אַז די באַלבאָסטע אַליין איז גרייט צו שווערען, אַז זי האָט וועגען פריילין אילינסקאַיאַ אַפילו ניט געהערט, און אין זינען האָט זי געהאַט גאָר עפּעס אַן אַנדער כלה..."

און אַניסיאַ האָט נאָך אַזויפיל גערעדט, אַז אָבלאָמאָוו האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, אַז זי זאָל ארויס. צומאָרגענס האָט זאַכאַר געבעטען, אַז אָבלאָמאָוו זאָל אים אָפּלאָזען אויף אַ פּאָר שעה, ווייל ער וויל געהן צו גאַסט אין זייער אַלטער דירה, אויף גאָראָכאָווער גאַס, צו זען זיך מיט באַקאַנטע, האָט אים אָבלאָמאָוו אַזוי דערלאַנגט, אַז ער איז אַזש אַנטלאָפען פון צימער.

— דאָרט ווייסט מען נאָך ניט, ווילסטו אויך דאָרט פאַנאַנ־

דערשפּרייטען די רכילות! זיץ אין דער היים! — האָט אַב־לאַמאָוו צוגעלייגט מיט כעס.

עס איז אריבער דער מיטוואָך. דאָנערשטאָג האָט אַבלאָ־מאָוו ווידער באַקומען פון אָלגאַ'ן אַ בריף דורך דער פּאָסט. זי האָט זיך אָנגעפרעגט, וואָס זאָל דאָס באַדייטען, וואָס האָט דאָס אַזוינס פּאַסירט, וואָס ער איז ניט געווען ביי זיי. זי האָט גע־שריבען, אַז זי האָט דעם גאַנצען אָוועגד געוויינט און כמעט ניט צוגעמאַכט קיין אויג ביי נאַכט.

„עס וויינט און עס שלאָפט ניט, דאָס דאָזיגע מלאך'ל! — האָט אַבלאָמאָוו אויסגעשריען. — גאָט מיינער! פאַרוואָס האָט זי מיך ליב? פאַרוואָס האָב איך זי ליב? פאַרוואָס האָבען מיר זיך באַגעגענט? אין דעם אַלעם איז שולדיג אַנדרעי: ער האָט אונז אָנגעשטעקט מיט דער ליבע, ווי מיט פּאָקען! און וואָס איז דאָס פאַר אַ לעבען? בלויז אויפרעגונגען, בלויז טומעל! ווען וועט שוין קומען דאָס פרידליכע גליק, די רו?"

און מיט זיפצען האָט ער זיך געלייגט, אויפגעשטאַנען און אפילו ארויסגעגאַנגען אין דער גאַס ארויס. און ער האָט אַלץ ווייטער געטראַכט פון אַ לעבען, וואָס זאָל זיין אינהאַלטסרייך און אין דער זעלבער צייט זאָל עס רוהיג שטראָמען, איין טראָ־פּען נאָכ'ן צווייטען, איין טאָג נאָכ'ן צווייטען. ער האָט ניט געוואָלט זען דאָס לעבען אַלס אַ ברייטען, רוישיג־איילענדיגען טייך, ווי שטאָלץ האָט עס פאָרגעשטעלט.

ער האָט געשריבען אָלגאַ'ן, אַז ער האָט זיך אביסעל צו־געקילט אין זומער־גאָרטען און ער האָט געמוזט זיצען אַ צוויי טעג אין דער היים, און אַז איצט איז שוין אַלץ אריבער און ער האָפט צו זען זי דעם זונטאָג.

זי האָט אים גלייך געענטפערט און געלויבט אים, וואָס ער האָט אויף זיך אַכטונג געגעבען, זי האָט אים געראָטען צו בליי־בען אין דער היים אפילו זונטאָג אויך, אויב זיין געזונט וועט עס נאָר פאָדערען, און זי האָט צוגעלייגט, אַז זי וועט שוין בע־סער זיך לאַנגווייליגען נאָך אַ וואָך, אַבי ער זאָל זיך נאָר ווי געהעריג עס איז אָפּהיטען.

דעם ענטפער האָט געבראַכט ניקיטאַ, דער זעלבער, וואָס איז געווען, לויט אַניסיאַ'ס רייד, דער הויפּט שולדיגער אין די אַלע רכילות. ער האָט געבראַכט פון אָלגאַ'ן אייניגע נייע ביכער מיט'ן אויפטראָג זיי דורכלעזען און איר זאָגען, ווען זיי וועלען זיך זען, צי עס איז ווערט, אַז זי זאָל זיי אויך לעזען.

זי האָט געבעטען, אַז ער זאָל איר גלייך ענטפערען וועגען זיין געזונטהייט. אָבלאָמאָוו האָט איר אויפגעשריבען אַ בריף און אים אָפּגעגעבען ניקיטאַ'ן, און גלייך פון פאָדער־צימער האָט ער אים אַרויסגעפירט אין הויף אַריין און מיט די אויגען אים באַגלייט ביז צו דער פאָרטקע, אַז עס זאָל אים ניט איינפאַלען אָפּצוטרעטען אין דער קיך און דאָרט ווידערהאָלען זיינע „רכילות", און אַז זאַכאַר זאָל ניט געהן אין גאַס אים באַגלייטען.

ער האָט זיך דערפרעהט מיט אָלגאַ'ס פאָרשלאַג אָפּצוהיטען זיך און צוליב דעם ניט קומען צו זיי אפילו דעם זונטאָג, און ער האָט איר געשריבען, אַז כדי ער זאָל פאָלשטענדיג געזונט ווערען איז ווירקליך נויטיג, אַז ער זאָל זיין נאָך אַ פּאָר טעג אין דערהיים.

דעם זונטאָג איז ער געווען מיט אַ וויזיט ביי דער ווירטין, געטרונקען קאָפע, געגעסען הייסען פּיראָג און געשיקט זאַכאַר'ן אויף יענער זייט ניעוואַ נאָך געפרוירענס און קאָנפעקטען פאַר די קינדער.

זאַכער האָט זיך קוים מיט צרות צוריקגעקערט. די ניעוואַ האָט גענומען פאַרפראָרען ווערען, מען האָט צוגענומען די בריקען. אָבלאָמאָוו האָט שוין ניט געקאָנט טראַכטען וועגען זען אָלגאַ'ן אפילו קומענדען מיטוואָך.

געוויס, מען האָט זיך נאָך איצט געקאָנט אַריבערכאַפּען אויף יענער זייט ניעוואַ, באַזעצען זיך ביי איוואַן געראַסימאָוויטש'ן אויף אַ פּאָר טעג און פאַרברענגען, אפילו מיטאָג'ען, יעדען טאָג ביי אָלגאַ'ן.

און עס וואָלט געגאָלטען פאַר אַ ריכטיגען אויסרייד: די ניעוואַ האָט גענומען פאַרפראָרען ווערען און ער האָט ניט דערוויזען אַריבערצוכאַפּען זיך.

אבלאמאוו

און אבלאמאוו׳ן איז דאס טאקע געקומען צום ערשטען אויפ׳ן זינען, האט שנעל ארונטערגעלאזען זיינע פיס אויפ׳ן דיל, אבער, ווען ער האט עס איבערגעטראכט נאכאמאל, האט ער מיט א פארזארגט געזיכט און טיפען זיפץ פאמעליך זיך צוריקגעלייגט אויף זיין פלאץ.

„ניין, זאלען בעסער איינגעשטילט ווערען די אלע ריידע־רייען, זאלען די זייטיגע מענשען, וואס באזוכען אלגא׳ס הויז, א ביסעל פארגעסען זיך אן מיר און דערזען זאלען זיי מיך אלע טאג ערשט דאמאלט, ווען מיר וועלען ערקלערט ווערען חתן־כלה.״

„עס איז שווער, עס איז לאנגווייליג צו ווארטען, אבער מען קאן זיך ניט העלפען״, האט ער צוגעלייגט מיט א זיפץ, נעמענדיג זיך פאר די ביכער, וואס אלגא האט אים צוגעשיקט.

ער האט דורכגעלעזען א פופצעהן זייטען. מאשא איז גע־קומען און אים געפרעגט צי ער וויל ניט געהן צו דער ניעווא, ווייל אלע געהען זען ווי דער טייך וועט זיך שטעלען. ער איז געגאנגען און זיך אומגעקערט ערשט אין אוונד.

אזוי זיינען פאריבער טעג. איליא איליטש האט זיך גע־לאנגווייליגט, האט געלעזען, געגאנגען אין די גאסען שפאצירען, און אין דער היים האט ער פון לאנגווייליגקייט ארייגעקוקט אין דער באלעבאסטע׳ס טיר מיט דער האפענונג, אז אים וועט געלינגען אויסצורעדען א פאר ווערטער. ער האט אפילו איינ־מאל צומאלען דער באלעבאסטע א דריי פונט קאפע מיט אזא פליים, אז דער שטערען איז אים אזש נאס געוואר. זע

ער האט איר שוין אפילו איינמאל פארגעלייגט א בוך צום לעזען. לאנגזאם באוועגענדיג מיט די ליפען האט זי דורכגע־לעזען פאר זיך דעם נאמען פון בוך און, צוריקגעבענדיג אים דאס בוך, האט זי אים געזאגט, אז ארום ניי־יאר וועט זי דאס בוך נעמען ביי אים און וועט מאכען, אז וואניא זאל עס פאר־לעזען אויפ׳ן קול, וועט עס אויך די באבע קאנען הערען, ווייל איצט האט זי דערפאר קיין צייט ניט.

דאס ווילדע בילען פון הונט און זיין רייסען זיך פון דער

קיים באגריסט ניקיטאַ'ן, וואָס איז צום צווייטען מאָל געקומען מיט א צעטעלע פון דער פרייליין וועגען אבלאָמאָוו'ס געזונט־הייט און אויך מיט נאָך ביכער.

אָבלאָמאָוו, מורא האָבענדיג אז אים זאָל ניט אויסקומען דורכצוגעהן די ניעווא, האָט זיך באהאלטען פון ניקיטאַ'ן, און ער האָט געענטפערט אָלגאַ'ן, אז דער האלז איז ביי אים גע־שוואָלען אביסעל און ער האָט נאָך מורא ארויסצוגעהן פון הויז, און אז „דער פינסטערער מזל שטערט אים אויף נאָך א פּאָר טעג דאָס גרויסע פארגעניגען פון צו זען די אומפארגלייכבארע אָלגאַ".

ער האָט שטרענג אָנגעזאָגט זאכאר'ן ניט דערוועגען זיך צו פּלוידערען מיט ניקיטאַ'ן, און ער האָט אים ווידער מיט די אויגען באגלייט ביז דער פּאָרטקע, און ער האָט א מאך געטאָן מיט'ן פינגער אניסיא'ן, ווען זי האָט געהאט ארויסגעשטעלט די נאָז פון דער קיך און געוואָלט שוין ניקיטאַ'ן עפּעס פרעגען.

7.

עס איז אריבער א וואָך.

יעדען אין־דער־פרי האָט אַבלאָמאָוו, ווי נאָר ער האָט זיך אויפגעהויבען, אָן אומרוהיגער זיך נאָכגעפרעגט, צי מען האָט שוין אויפגעשטעלט די בריקען.

— ניין, נאָך ניט! — האָט מען אים געזאָגט און ער האָט זיך רוהיג פארבראכט דעם טאָג, איינהערענדיג זיך צו דעם טיקען פון זייגער, צו דעם גערויש פון קאַפע־מילכעל און צום זינגען פון די קאַנארעקלעך.

די הינדלעך האָבען שוין מער ניט געפּישטשעט, זיי זיינען שוין פון לאנג געוואָרען ערנסטע הינער און זייגען געלעגען באַהאַלטען אין די הינער־שטאַלען. די ביכער, וואָס אָלגאַ האָט אים צוגעשיקט האָט ער ניט דערוויזען דורכצולעזען: אַזוי ווי ער האָט דאָס בוך אוועקגעלייגט אויף דער הונדערט און פיפטער זייט מיט׳ן איינבונד ארויף, אַזוי ליגט עס שוין א פּאָר טעג.

דערפאַר פאַרנעמט ער זיך איצט עפּטער מיט דער באַלעבאַסטע׳ס קינדער וואַניאַ איז זער א פארשטענדיג איגגעל: נאָך דריי מאָל, געדענקט ער שוין אויף אויסוויינינג די הויפּט שטעדט פון אייראָפּאַ, און איליאַ איליטש האָט אים צוגעזאָגט, אַז ווי נאָר ער וועט זיין אויף יענער זייט ניעווא, וועט ער אים פון דאָרט ברענגען א מתנה א קליינעם גלאָבוס. און מאַשאַ האָט אים ארומגעזוימט דריי נאָזטיכלעך, אמת, זי האָט עס געטאָן זער שלעכט, אָבער דערפאַר איז געווען זער קאָמיש צו קוקען, ווי די קליינע הענטלעך האָבען געאַרבייט און ווי זי איז אַלע ווײַלע געלאָפען אים ווייזען ווי ווייט זי האַלט שוין

מיט דער באַלעבאָסטע האָט ער געהאַלטען אין איין שמועסען. ווי נאָר ער האָט דערזען אין דער טיר אירע עלענבויגענס,

האָט ער שוין אָנגעהויבען צו שמועסען. ער איז שוין געווען אַזוי צוגעוועהנט צו אירע עלענבויגענס, אז ער האָט לויט זייערע באוועגונגען געקאָנט וויסען, וואָס זי טוט איצט.

ער האָט שוין אפילו געפּרוּאווט פאַרפירען א שמועס מיט דער באַבע, אָבער זי קאָן אין קיין פאַל ניט דערענדיגען קיין געשפּרעך: פאַרהאַקט זיך אין מיטען וואָרט, שפּאַרט זיך אָן מיט דער האַנט אָן דער וואַנט, קאָרטשעט זיך איין און הויבט אָן צו הוסטען און דערנאָך נעמט זי קרעכצען, און מיט דעם ענדיגט זיך דער גאַנצער געשפּרעך.

בלויז דער באַלעבאָסטע'ס ברודער זעט ער אינגאַנצען ניט, זען זעט ער בלויז אַמאָל ווי עס שימערט דורך דער גרויסער פּאַקעט פאַרביי דעם פענסטער, אָבער אים זעט ער ניט, ווי ער וואָלט אינגאַנצען אין הויז ניט געווען. איינמאָל איז אָבלאָמאָוו אומגערען אַריינגעגאַנגען אין דעם צימער, וואו זיי עסען, האָט דער ברודער אויף גיך אָפּגעווישט זיך מיט די פינגער די ליפּען און פאַרשוואונדען צו זיך אין צימער אַריין.

איינמאָל, ווען אָבלאָמאָוו האָט זיך א זאָרגלאָזער אויפגע־כאַפּט פון שלאָף און גענומען זיך צו דער טאַסע קאַפע, איז אַריינגעקומען זאַכאַר און אים איבערגעגעבען, אז מען האָט אויפ־געשטעלט די בריקען. אָבלאָמאָוו'ס האַרץ האָט א ציטער געטאָן.

„און מאָרגען איז זונטאָג, — האָט ער געזאָגט צו זיך, — מען דאַרף פאָרען צו אָלגאַ'ן און מוטיג א גאַנצען טאָג איבער־טראָגען די נייגעריגע און פילבאַדייטענדע בליקען פון זייטיגע מענשען, דערנאָך איר ערקלערען, ווען איך קלויב זיך איבעררע־דען מיט דער טאַנטע."

און ער געפינט זיך אָבער נאָך אַלץ אויף יענעם פּונקט, וואו ער קען נאָך דערווייל זיך ניט א ריר טאָן פאַראויס.

ווי לעבעדיג האָט ער פאַר זיך געזען, ווי ער ווערט ערקלערט פאַר אָלגאַ'ס חתן, ווי אויף דעם צווייטען און דריטען טאָג קומען צופאָרען פאַרשידענע הערען און דאַמען, ווי ער ווערט מיטאַמאָל א געגענשטאַנד פאַר נייגעריגקייט, ווי עס ווערט געגעבען דער אָפיציעלער מיטאָג, ווי מען טרינקט פאַר זיין געזונטהייט...

אבלאמאוו

דערנאָך... דערנאָך וועט ער מיט דעם רעכט און פליכט פון א חתן ברענגען אָלגאַ'ן א מתנה...

„א מתנה!" האָט ער מיט שרעק ווידערהאָלט און צולאַכט זיך מיט א ביטער געלעכטער.

א מתנה! און אין קעשענע האָט ער ניט מער ווי צוויי הונדערט רובל! און אויב מען זאָל אפילו שיקען געלט פון דאָרף, וועט מען ערשט שיקען ארום ניי־יאָר און אפשר נאָך שפּעטער, ווען זיי וועלען פארקויפען די תבואה, און ווען מען וועט פארקויפען די תבואה און וויפיל וועט מען פאר איר קריגען — דאָס אלץ דאַרף ערקלערען דער בריף, אָבער קיין בריף איז נאָך אלץ ניטאָ. וואָס בלייבט איצט צו טאָן? זיי געזונט מיין צוויי וואָכיגע רו!

און אין מיטען פון די אלע דאגות האָט ער געזען אָלגאַ'ס געזיכט, אירע פּוכיגע, באַוועגליכע ברעמען און אירע גרויליך־בלויע אויגען, איר גאַנץ קעפּעל, און דעם צאָפּ אירען, וואָס זי האָט אזוי נידעריג ארונטערגעלאָזען אויף איר נאַקען און וועלכער האָט אזוי ווי פארענדיגט די נאָבעלקייט פון איר פיגור, אָנהויבענדיג פון איר קאָפּ ביז אירע פּלייצעס און איר טאַליע.

אָבער ווי נאָר ער פלעגט אויפציטערען פאר ליבע, זיינען גלייך אויף אים, ווי א שטיין, ארויפגעפאַלען די פינסטערע געדאנקען: וואָס טוט מען, ווי האנדעלט מען, ווי הויבט מען אָן צו רעדען וועגען דער חתונה, וואו נעמט מען געלט, מיט וואָס וועט ער לעבען שפּעטער?...

„לאָמיר נאָך צו וואַרטען א ביסעל! אפשר וועט מאָרגען אָדער איבערמאָרגען קומען א בריף." און ער האָט גענומען אויסרעכענען ווען עס דאַרף אָנקומען אין דאָרף אריין זיין בריף, ווי לאַנג דער שכן קאָן אויפהאַלטען מיט אַן ענטפער און ווי לאַנג דאַרף געהן דער בריף פון דאָרף.

„אין א דריי, אָדער אם העכסטען פיר טעג דאַרף אָנקומען דער ענטפער; וועל איך צוואַרטען און ערשט דאַמאָלט פאָרען צו אָלגאַ'ן", האָט ער באַשלאָסען. אויסער דעם ווייסט ער דאָך

נאָך ניט אויף זיבער, צי מען האָט שוין אויפגעשטעלט די ברי־קען.

— קאַטיאַ, מען האָט שוין אויפגעשטעלט די בריקען? — האָט אָלגאַ דעם זעלבען טאָג געפרעגט איר שטוב־מיידעל, ווי נאָר זי האָט זיך אויפגעכאַפּט אין־דער־פרי.

— איך ווייס ניט, פריילין. איך האָב היינט נאָך ניט גע־זען ניט דעם קוטשער און ניט דעם דוואָרניק; ניקיטאַ, ווידער, ווייס ניט.

— דו ווייסט קיינמאָל ניט וואָס איך דאַרף וויסען! — האָט אָלגאַ געזאָגט אַן אומצופרידענע, ליגענדיג אין בעט און באַטראַכטענדיג דאָס קייטעל אויף איר האַלז.

— איך וועל גלייך געוואָר ווערען, פריילין. איך האָב פריער ניט געוואַגט אוועקצוגעהן, ווייל איך האָב געמיינט, אַז איר וועט זיך גלייך אויפכאַפּען, ווען ניט וואָלט איך שוין לאַנג געלאָפען געוואָר ווערען. — און קאַטיאַ איז פאַרשוואונדען פון צימער.

און אָלגאַ האָט אַרויסגערוקט די שיפלאַד פון טיש און אַרויסגענומען פון דאָרט אָבלאָמאָוו׳ס לעצטע צעטעלע. „קראַנק, ער איז קראַנק, — האָט זי אַ פאַרזאָרגטע אַ טראַכט געטאָן, — ער איז דאָרט איינער אליין, אים איז לאַנגווייליג, ער בענקט... אַ, גאָט מיינער, וועט נאָך לאַנג . . . ״

און איידער זי האָט נאָך געענדיגט איר געדאַנק, איז די צו־פלאַמטע קאַטיאַ אַריין אין צימער.

— אויפגעשטעלט, היינט ביי נאַכט האָט מען זיי אויפגע־שטעלט! — האָט זי מיט פרייד אַרויסגערעדט און אַ כאַפּ גע־טאָן אויף די הענט אָלגאַ׳ן, וואָס איז שנעל אויפגעשפּרונגען אויפ׳ן בעט, האָט אַ וואָרף געטאָן אויף איר אַ יאַקעל און אונ־טער גערוקט איר די שטעקשיכלעך. אָלגאַ האָט אויף גיך גע־עפענט די שופלאַד, האָט עפּעס פון דאָרטען אַרויסגענומען און עס אַריינגערוקט קאַטיאַ׳ן אין דער האַנט אַריין, און קאַטיאַ האָט איר אַ קוש געטאָן די האַנט. דאָס אַלץ — דער שפּרונג פון גע־לעגער, דאָס אַריינרוקען פון דער מטבע אין קאַטיאַ׳ס האַנט און

אַבלאַמאָוו

דער קוש אין דער פּריילנ'ס האַנט האָט פּאַסירט אין איין סעקונדע. „אַך, ווי דאָס איז געשען פּונקט אין צייט: מאָרגען איז דאָך זונטאָג און ער וועט קומען!" האָט אָלגאַ אַ טראַכט געטאָן און שנעל זיך אַנגעטאָן, זי האָט אויף גיך אויסגעטרונקען אַ גלאָז טיי און איז אַוועק מיט דער טאַנטע עפּעס איינקויפן.

זי האָט געבעטען דער טאַנטע, אַז זיי זאָלן מאָרגען פאָרען אין דער קירך, וואָס אַבלאָמאָוו האָט איר געוויזען, ווען זיי זיינען לעצטענס געפאָרען אין אַ שיפעל אויף דער ניעוואַ.

— גוט, מיין טייערע, — האָט איר געענטפערט די טאַנטע, — אָבער וואָס איז עס דיר איינגעפאַלען עפּעס מיטאַמאָל? עס איז דאָך אַזוי וויים און דערצו ווינטער.

און אָלגאַ'ן איז עס איינגעפאַלען דערפאַר, וואָס אַבלאָמאָוו האָט איר אָנגעוויזען אויף דער קירך. זי האָט אין דער קירך געוואָלט בעטען פאַר אים, אַז ער זאָל געזונט ווערען, אַז ער זאָל זי ליב האָבען, אַז ער זאָל זיין גליקליך מיט איר, אַז... אַז די דאָזיגע אומבאַשטימטקייט, אומענטשלאָסענהייט זאָל וואָס גיכער פאַראיבער... אָרעמע אָלגאַ!

עס איז אָנגעקומען אויך דער זונטאָג. אָלגאַ האָט דעם גאַנצען מיטאָג איינגעאָרדענט לויט אַבלאָמאָוו'ס געשמאַק..

זי האָט אָנגעטאָן אַ ווייס קלייד, זי האָט באַהאַלטען אונטער די שפּיצען דעם בראַסלעט, פאַרקאַמט זיך אַזוי ווי ער האָט ליב. שבת נאָך האָט זי געהייסען אָנשטעלען די פּיאַנאָ און אין־דער־פרי האָט זי געפּראָוווט זינגען. איר שטימע איז היינט פּונקט אַזוי קלאָר, ווי זי איז געווען זומער אין דאָרף. דערנאָך האָט זי גענומען וואַרטען.

ווען דער באַראָן איז געקומען און זי אָנגעטראָפען אין אָט דער ערוואַרטונג, האָט ער געזאָגט אַז זי איז איצט ווידער שעהן געוואָרען ווי זי איז עס געווען זומער־צייט, נאָר איז אַביסעל אָפּגעפאַלען.

— די אָפּוועזענהייט פון דאָרף־לופט און אַ קליינע אומאָרדנונג אין אייער אַרט לעבען, איז צו זען, האָבען געהאַט אַ ווירקונג אויף אייער געזונט, — האָט ער געזאָגט. — פאַר אייער

געזונט, מיין ליבע אָלגאַ סערגעיעווגאַ, דאַרפט איר האָבען די לופט פון דאָרף און פעלד.

ער האָט איר איינינע מאָל געקושט די האַנט, אַז עס זיי־נען געבליבען קליינינקע פלעקלעך אויף אירע פינגער פון זיינע געפאַרבטע וואָנסען.

— יאָ, דעם דאָרף, — האָט זי געענטפערט אַ פאַרזונקענע אין געדאַנקען, אָבער געענטפערט האָט זי ניט אים, עמיצען אַנ־דערש האָט זי געענטפערט.

— אַ פּראָפּאָס וועגען דאָרף, — האָט ער צוגעלייגט, — נעקסטען מאָנאַט ענדיגט זיך אייער פּראָצעס און אין אַפּריל וועט איר שוין קאָנען פאָרען אין אייער גוט אַריין. אייער גוט איז ניט גרויס, אָבער עס ליגט אין אַ וואונדערבאַרער געגענט. איר וועט זיין צופרידען! וואָס פאַר אַ הויז! וואָס פאַר אַ גאָרטען! איין הייזעל איז דאָרט דאָ אויפ'ן באַרג, וואָס איר וועט זער ליב קריגען. פון דאָרט זעט מען דעם טייך.. איר קאָנט דאָס אַלץ ניט געדענקען... איר זייט געווען פינף יאָר, ווען אייער פאָטער האָט פאַרלאָזען דאָס דאָרף און אייך מיטגענומען מיט זיך.

— אָ, ווי איך וועל זיין צופרידען! — האָט זי געזאָגט און פאַרטראַכט זיך.

„איצט איז שוין אַלץ געענדיגט, — האָט זי געטראַכט ביי זיך, — מיר וועלען פאָרען אהין, אָבער ער וועט דערפון פריער ניט געוואָר ווערען, ווי . . . "

— קומענדען מאָנאַט, באַראָן? — האָט זי פלינק אַ פרעג געטאָן. — טאַקע אמת?

— אַזוי אמת, ווי עס איז אמת, אַז איר זייט שטענדיג שעהן און באַזונדערס היינט, — האָט ער געזאָגט און איז אוועק צו דער טאַנטע.

אָלגאַ איז געבליבען שטעהן אויף איר פריערדיגען פּלאַץ און זיך פאַרטראַכט וועגען דעם נאָענטען גליק, אָבער זי האָט באַשלאָסען ניט דערצעהלען אָבלאָמאָוו'ן וועגען דעם און וועגען אירע פּלענער.

זי האָט געוואָלט נאָכפאָלגען ביז צום סוף, ווי די ליבע וועט מאַכען אין זיין פוילער נשמה אַן איבערקערעניש, ווי די משא, וואָס דריקט אים אַזוי, וועט אינגאַנצען אַרונטערפאַלען פון אים, ווי ער וועט ניט קענען איינשטעהן אין אָנגעזיכט פון דעם פאַרשטעהענדיגען גליק, ווי ער וועט דערהאַלטען אַ צופרידענ-שטעלענדען ענטפער פון דאָרף און וועט אַ שטראַלענדער קומען צולויפען, צופליען און וועט אים אַוועקלייגען צו אירע פיס, ווי זיי ביידע וועלען, איבעריאָגענדיג איינער דעם צווייטען, זיך לאָ-זען צו דער טאַנטע, און ווי שפּעטער...

און דערנאָך וועט זי אים פּלוצים זאָגען, אַז זי האָט אויך אַ גוט, אַ גאָרטען, אַ פּאַוויליאָן, אַן אַרויסקוק צום טייך, און אַ הויז, אין וועלכע מען קען זיך אַריינקלייבען, דערפאַר דאַרף מען פריער פאָרען אהער און ערשט שפּעטער קיין אַבלאָמאָווקע.

„ניין, איך וויל ניט, אַז עס זאָל אָנקומען אַ צופרידענשטעל-לענדער בריף פון דאָרף, — האָט זי מיטאַמאָל אַ טראַכט געטאָן, — ער וועט דערמיט אַזוי שטאָלץ ווערען, אַז ער וועט אפילו ניט דערפילען קיין פרייד, וואָס איך האָב אַן אייגען גוט, אַ הויז, אַ גאָרטען... ניין, בעסער זאָל ער קומען צו מיר אַ צוטראָגענער צו-ליב אַ שלעכטען ענטפער, אַז אין דאָרף איז אַן אומאָרדנונג, אַז ער דאַרף אַליין דאָרט זיין. ער וועט לויפען קיין אַבלאָמאָווקע, וועט אויף גיך מאַכען אַלע נויטיגע פאַראָרדנונגען, פילעס וועט ערפאַרגעסען, ניט דערוויזען, איינאָרדנען ווי-ניט-איז און וועט קומען צופליען צוריק, און דאָ וועט ער מיטאַמאָל געוואָר ווערען, אַז עס איז ניט נויטיג געווען דאָס גאַנצע לויפען — עס איז דאָ אַ הויז, אַ גאָרטען און אַ פּאַוויליאָן מיט אַן אַרויסקוק צום טייך, אַז עס איז דאָ וואו צו זיין אויסער זיין אַבלאָמאָווקע... ניין, ניין, זי וועט אים אין קיין פאַל ניט זאָגען אַצינד, זי וועט אויס-האַלטען ביז דער ענדע. זאָל ער אַהין אַרויספאָרען, זאָל ער זיך אביסעל אויפטרייסלען, לעבעדיגער ווערען, און אַלץ פאַר איר, אין נאָמען פון זייער צוקונפטיגען גליק! און אפשר ניט? צו וואָס שיקען אים אין דאָרף אַריין, פאַנאַנדערשיידען זיך אויף אַ צייט? ניין, ווען ער וועט אַ בלייבער, אַ טרויעריגער אין אַ

רייזע אַנצוג קומען געזעגענען זיך מיט איר אויף אַ מאָנאַט צייט, וועט זי אים מיטאַמאָל זאָגן, אַז ביז זומער דאַרף מען ניט פאָרן, און אַז זומער וועלן זיי פאָרן צוזאַמען...

אַזוי האָט זי גע'חלום'ט, און זי איז אַוועקגעלאָפן צום באַראָן און אים געבעטן, אַז ער זאָל דערווייל קיינעם ניט דערצעהלן אָט די נייס, אַבסאָלוט ק י י נ ע ם נ י ט. אונטער אָט דעם ק י י נ ע ם נ י ט האָט זי געמיינט איין אָבלאָמאָוו'ן.

— געוויס, געוויס וועל איך קיינעם ניט זאָגן, און צו וואָס דאַרף מען עס זאָגן? — האָט ער צוגעשטימט. — אפשר בלויז מסיע אָבלאָמאָוו'ן, ווען עס זאָל ארויפקומען אויף די רייד...

אָלגאַ האָט אויסגעהאַלטען און גלייכגילטיג אים געענטפערט:

— ניין, אפילו אים זאָגט אויך ניט.

— אַ געזעץ, ווי איר ווייסט, איז פאַר מיר אייער ווילען...

— האָט דער באַראָן ליבליך צוגעלייגט.

זי איז ניט געווען אינגאַנצען פריי פון כיטרע גענג. ווען איר האָט זיך זער געוואָלט אַ קוק טאָן אויף אָבלאָמאָוו'ן און עס זיינען דערביי געווען מענשען, האָט זי צום ערשטען אַ קוק געטאָן אויף איינעם, אויף אַ צווייטען, אַ דריטען און ערשט שפּעטער האָט זי איבערגעפירט די בליקען אויף אָבלאָמאָוו'ן.

וויפיל איינפאַלען — און דאָס אַלץ פאַר אָבלאָמאָוו'ן! וויפיל מאָל האָבען צוויי רויטע פלעמלעך זיך אָנגעצונדען אויף אירע באַקען! וויפיל מאָל האָט זי אָנגערירט אָט איין, אָט דעם צווייטען קלאַוויש, כדי צו זען צי דער פאָרטעפּיאַן איז ניט צו הויך געשטימט, וויפיל מאָל האָט זי איבערגעלייגט די נאָטען פון איין פּלאַץ אופ'ן צווייטען! און ער איז נאָך אַלץ ניטאָ! וואָס זאָל דאָס באַדייטען?

עס איז שוין דריי, עס איז שוין פיר אַ זייגער, און ער איז אַלץ ניטאָ! האַלב פינף האָט איר שעהנהייט, איר פאַנאַנדערבליהונג גענומען פאַרשווינדען: מען האָט געקאָנט זען, ווי זי נעמט וועלקען און אַ בלייכע האָט זי זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש.

און די איבעריגע מענשען, ווי גאַרנישט וואָלט פּאַסירט: זיי באמערקען עס אפילו ניט, זיי עסען זיך די מאכלים, וואָס זיינען צוגעגרייט געוואָרען פאר אים און פּלוידערען צווישען זיך אזוי פרעהלעך, אזוי גלייכגילטיג.

עס האָט זיך שוין געענדיגט דער מיטאָג, עס איז שוין אָוונט און ער איז אַלץ נאָך ניטאָ. ביז צען א זייגער האָט נאָך געברענט אין איר א האָפנונג, א מורא. צען איז זי אוועק צו זיך אין צימער.

אין אָנפאנג האָט זי אויסגעגאָסען אין געדאנק אויף זיין קאָפּ די גאנצע ביטערניש, וואָס האָט זיך אָנגעקליבען אין איר הארץ. עס איז ניט געווען קיין איין בייסענדער סארקאזם, קיין איין גיפטיגע באמערקונג, וואָס האָבען זיך נאָר געפונען אין איר לעקסיקאָן, אז זי זאָל דערמיט אין די געדאנקען ניט שטעכען אים.

„ער איז קראנק, ער איז איינער אליין... ער קען אפילו קיין בריף ניט אָנשרייבען . . . ” האָט דורכגעבליצט אין איר קאָפּ.

דער געדאנק האָט אינגאנצען באהערשט איר וועזען און האָט איר ניט געלאָזען צומאכען מיט קיין אויג א גאנצע נאכט. אין א פיבערדיגען דרעמעל איז זי געלעגען א צוויי שעה, זי האָט ביי נאכט גערעדט פון היץ, אָבער אין־דער־פרי, ווען זי האָט זיך אויפגעהויבען איז זי געווען רוהיג, אנטשלאָסען, כאָטש איר פּנים איז געווען בלייך.

מאָנטאָג אין־דער־פרי האָט די באַלעבאָסטע אריינגעקוקט אין אַבלאָמאָוו'ס קאבינעט און געזאָגט:

— עפּעס א מיידעל פרעגט אויף אייך.

— אויף מיר? עס איז אוממעגליך! — האָט אַבלאָמאָוו געענטפערט. — וואו איז זי?

— אָט איז זי. זי האָט א טעות געהאט און געקומען אויף אונזער זייט. אריינלאָזען זי?

אַבלאָמאָוו האָט נאָך ניט געוואוסט, וואָס צו באשליסען,

ווי פאר אים איז שוין געשטאנען קאטיא. די באלעבאסטע איז אוועק.

— קאטיא! — האט אבלאמאוו ארויסגערעדט און ער־שטוינטער. — ווי אזוי? ווי קומסטו אהער? וואס זאל דאס באדייטען?

— די פריילין איז דא, — האט זי ארויסגעפליסטערט, — זי האט געהייסען פרעגען...

אבלאמאוו'ס געזיכט האט זיך אינגאנצען פארענדערט.

— אלגא סערגעיעווגא! — האט ער א דערשראקענער ארויסגערעדט. — ניין, דאס קאן ניט זיין, דאס האסטו בלויז געשפאסט מיט מיר, קאטיא, ניט אזוי? זאג שוין, מאטער מיך ניט!

— ערען ווארט, אז עס איז אמת: אין א גערונגענעם קארעט געקומען, אפגעשטעלט זיך אין טיי געשעפט, זיי ווארטען דארט און ווילען באלד אהער קומען. געשיקט האט מיך די פריילין אייך זאגען, אז איר זאלט ערגעץ אוועקשיקען זא־כאר'ן. אין א האלבע שעה ארום וועט די פריילין דא זיין.

— וועל איך שוין בעסער אליין געהן! זי קאן דא אהער ניט קומען! — האט ער געזאגט.

— איר וועט עס ניט דערוויזען. די פריילין קען יעדע מינוט אריינקומען. די פריילן מיינט, אז איר זייט ניט גע־זונט. זייט געזונט, איך לויף: די פריילן איז אליין, זי ווארט אויף מיר...

און זי איז אוועק.

מיט אן אומערהערטער שנעלקייט האט אבלאמאוו אנגעטאן שיך, וועסט און קראגען און א רוף געטאן זאכאר'ן.

— זאכאר, ניט לאנג צוריק האסטו מיך געבעטען, אז איך זאל דיך אפלאזען אויף דער צווייטער זייט, אויף גאראכאווער גאס, דאכט זיך, ווילסט דארט געהן עמיצען באזוכען, צו גאסט געהן, קענסט איצט געהן! — האט אבלאמאוו גערעדט מיט א פיבערהאפטער אויפרעגונג.

אבלאמאוו

— איך וועל ניט געהן, — האט זאכאר ארויסגערעדט אנטשלאסען.

— ניין, דו זאלסט יא געהן! — האט אבלאמאוו געזאגט איינגעשפארטערהייט.

— ווער געהט דאס צו גאסט אין מיטען וואך? איך וועל ניט געהן! — האט זאכאר געזאגט.

— געה דיר, זיי ניט איינגעשפארט, הוליע א ביסעל, ווען דיין פריץ טוט דיר די גנעדיגקייט און לאזט דיך אפ... געה דיר אביסעל צו דיינע פריינד.

— כאפט זיי דאס גוטע יאר, די פריינד מיינע!

— דו ווילסט זיי איינגאנצען ניט זען גאר?

— איינס ווי איינס לומפען, אז עס ווילט זיך אפילו ניט קיין קוק טאן אויף זיי.

— געה שוין, געה שוין אמאל! — האט אבלאמאוו ווי־דערהאלט און דאס בלוט איז אים געקומען אין קאפ ארייין.

— ניין, היינט וועל איך א גאנצען טאג זיין אין דער היים און זונטאג, זעט איר, איז שוין עפעס אנדערש, דאמאלט בין איך גרייט צו געהן! — האט זאכאר זיך אפגעזאגט גאנץ גלייכ־גילטיג.

— איצט! די מינוט! — האט אבלאמאוו אים גענומען טרייבען אן אויפגערעגטער. — דו מוזט!

— וואו וועל איך זיך געהן שלעפען זיבען ווייערסט! — האט אים געענטפערט זאכאר.

— געה דיר אויף א שעה צוויי שפאצירען! לופטער זיך א ביסעל דורך! האסט דאך אזא פארשלאפענע צורה!

— א צורה ווי יעדער פון אונזערע ברידער! — האט גע־זאגט זאכאר און פויל ארויסגעקוקט דורכ'ן פענסטער.

„אוי, גאט מיינער, זי וועט גלייך קומען!" האט אבלאמאוו געטראכט און זיך אפגעווישט דעם שוויים פון שטערען.

— טו א געפעליגקייט און געה דיר א ביסעל שפאצירען, דו זעסט דאך, אז מען בעט דיך! נא דיר צוואנציג קאפיקעס, וועסטו האבען מיט וואס צו טרינקען ביר דו און דיינע פריינד.

— איך וועל שוין ליבערשט מיר זיצען אויפ'ן גאניק. וואו וועל איך זיך געהן שלעפען אין אזא קעלט? איך קען אויך בלייבען זיצען ביים טויער...

—ניין, ווייטער פון טויער, — האט אבלאמאוו שנעל ארויסגערעדט, — אין דער צווייטער גאס זאלסטו געהן, אט דארט, לינקס, אין פארק, אויף יענער זייט...

„וואס איז דאס פאר א נייס? — האט געטראכט זאכאר.

— ער טרייבט גאר געהן שפאצירען. פריער איז דאס קיינמאל ניט געווען".

— איך וועל שוין ליבערשט געהן זונטאג שפאצירען, איליא איליטש.

— דו געהסט צי ניט? — האט אבלאמאוו א געשריי געטאן מיט פארשצירעטע ציין און א טראט געטאן צו זאכאר'ן!

זאכאר איז פארשוואונדען און אבלאמאוו האט א רוף געטאן אניסיא'ן.

— געה אין מארק אריין און קויף איין אלץ וואס מען דארף פאר'ן מיטאג, — האט אבלאמאוו איר געזאגט.

— איך האב שוין אלץ איינגעקויפט; באלד וועט דער מיטאג זיין פארטיג, — האט זי געזאגט אונטער דער נאז.

— האלט דאס מויל און פאלג וואס מען הייסט! — האט אבלאמאוו אזא געשריי געטאן, אז אניסיא איז אזש פארציטערט געווארען.

— קויף . . . קויף שפארגעל, — האט ער דערעדט, ניט וויסענדיג נאך וואס איר צו שיקען.

— וואו וועל איך דאס היינט קריגען שפארגעל, איליא איליטש?

— ארויס! — האט אבלאמאוו א געשריי געטאן און זי איז אנטלאפען. — לויף מיט אלע דיינע כוחות אהין און קוק זיך ניט אום, — האט ער איר נאכגעשריען. — פון דארט אבער זאלסטו שוין געהן פאמעלעך, ניט געאיילט, און פאר צוויי א זייגער זאלסטו ניט וואגען זיך דא ווייזען!

— וואס זאל דאס באדייטען? — האט זאכאר געזאגט

אניסיא'ן, ווען ער האָט זיך אָנגעשלאָגען מיט איר הינטער'ן טויער. — ער האָט מיך ארויסגעטריבען שפּאַצירען, געגעבען צוואַנציג קאָפּיקעס. וואו זאָל איך געהן שפּאַצירען?

—דער פּריץ וויל אזוי, — האָט געענטפערט אניסיא. — דו געה צו דעם גראף'ס קוטשער, ארטעמי, טרינק אים אָן מיט טיי דאָס מאָל, ווייל שטענדיג גיט ער דיר טיי, און איך וועל א לויף טאָן אין מארק אריין.

— וואָס זאָל דאָס באדייטען, ארטעמי? — האָט זאכאר אויך אים געפרעגט. — דער פּריץ האָט מיך ארויסגעטריבען שפּאַצירען און געגעבען נאָך אויף ביר.

— קלייבט ער זיך ניט אליין אָנצו'שכור'ן? — האָט אר־טעמי זיך שאַרפזיניג אָנגעשטויסען. — האָט ער אויך דיר גע־געבען, אז דו זאָלסט ניט מקנא זיין.

ער האָט א ווונק געטאָן זאכאר'ן און א מאַך געטאָן מיט'ן קאָפּ אויף עפּעס א גאַס.

— קום! — האָט זאכאר ווידערהאָלט און אויך א מאַך גע־טאָן מיט'ן קאָפּ אויף יענער גאַס.

„וואָס איז דאָס פאר א נייס: ער טרייבט געהן שפּאַצי־רען!" האָט זאכאר מיט א שמייכעל געזאָגט צו זיך.

זיי זיינען אוועק, אָבער אניסיא, ווי נאָר זי איז אָנגעקומען צו דער ערשטער גאַס, האָט זיך אוועקגעזעצט זען, וואָס דאָ וועט זיין.

אָבלאָמאָוו האָט זיך איינגעהערט און געוואַרט: אָט האָט זיך עמיץ גענומען פאר דער פאַרטקע, אָבער אין דעם מאָמענט האָט זיך דערהערט א פארצווייפעלט בילען פון הונט און א רייסען זיך פון דער קייט.

„א פארשאָלטענער הונט!" האָט אָבלאָמאָוו ארויסגערעדט און א קריץ געטאָן מיט די ציין. ער האָט א כאַפּ געטאָן דעם הוט און איז צוגעלאָפען צו דער פאַרטקע, האָט זי געעפענט און כמעט אין די אָרעמס דערטראָגען אָלגא'ן ביז צום גאַניק.

זי איז געוועזן אליין. קאַטיא האָט געוואַרט אויף איר ניט ווייט פון טויער אין דעם קאַרעט.

— דו ביסט געזונט? דו ליגסט ניט? וואָס איז מיט דיר? — האָט זי גיך געפרעגט און באַטראַכט אים פון קאָפּ ביז די פיס ווען זיי זיינען אַריין אין הויז.

— איצט איז מיר שוין בעסער, די געשווילאַכץ אין האַלז איז שוין אַריבער, — האָט ער געזאָגט, צורירענדיג זיך צום האַלז און געבענדיג אַ לייכטען הוסט.

— טאָ פאַרוואָס ביסטו נעכטען ניט געווען? — האָט זי אים געפרעגט, קוקענדיג אויף אים מיט אַזוינע פאָרשענדע אויגען, אַז ער האָט ניט געקאָנט אַרויסרעדען קיין וואָרט.

— ווי האָסטו זיך, אָלגאַ, באַשלאָסען אויף אַזאַ שריט? — האָט ער מיט שרעק אַרויסגערעדט. — דו גיסט דיר אָפּ אַ רעכענונג, וואָס דאָס הייסט?

— וועגען דעם וועט מען רעדען שפּעטער! — האָט זי אַן אומגעדולדיגע איבערגעשלאָגען. — איך פרעג דאָך דיך: וואָס זאָל דאָס באַדייטען, וואָס מען האָט דיך ניט געזען?

ער האָט געשוויגען.

— דו ביסט ניט געווען קראַנק, דיר האָט דער האַלז ניט וועה געטאָן, — האָט זי געזאָגט אויפהויבענדיג די ברעמען.

— ניט געווען, — האָט אָבלאָמאָוו געענטפערט מיט אַ קול פון אַ שול־אינגעל.

— גענאַרט מיך! — האָט זי אַרויסגערעדט מיט ערשטוינונג. — צו וואָס האָסטו דאָס געטאָן?

— איך וועל דיר אַלץ ערקלערען, אָלגאַ, — האָט ער זיך גענומען פאַרטיידיגען, — אַ וויכטיגע אורזאַך האָט מיר גע־שטערט צו זיין ביי דיר די לעצטע צוויי וואָכען... איך האָב זיך געשראָקען...

— וואָס? — האָט זי געפרעגט, זעצענדיג זיך אויף אַ שטול און אַרונטערנעמענדיג פון זיך דעם הוט און דעם סאַלאָפּ.

ער האָט צוגענומען די זאַכען און אַוועקגעלייגט אויף דער סאָפע.

— פאַר רייד, פאַר רכילות...

— און גאָר זיך ניט געשראָקען דערפאַר, וואָס איך בין

אַבלאָמאָוו

אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפֿען, איין גאָט ווייס וואָס איך האָב איבערגעטראַכט און שיער זיך ניט אַוועקגעלייגט אַ קראַנקע אין בעט אַריין ? — האָט זי געפֿרעגט, אָנשטעלענדיג אויף אים אַ פּאָר דורכדרינגענדיגע אויגען.

— דו ווייסט ניט, אָלגאַ, וואָס עס קומט פֿאָר דאָ ביי מיר, — האָט ער געזאָגט אָנווייזענדיג אויף זיין האַרץ און זיין קאָפּ, — איך ציטער ווי אין פֿיבער. דו ווייסט ניט, וואָס עס האָט פּאַסירט ?

— וואָס נאָך האָט פּאַסירט ? — האָט זי אים קאַלט געפֿרעגט.

— ווי וויים האָבען זיך שוין פֿאַרשפּרייט די קלאַנגען וועגען דיר און מיר ! איך האָב דיך ניט געוואָלט באַאומרואיגען, און דערפֿאַר האָב איך זיך ניט געוויזען פֿאַר דיר !

ער האָט איר דערצעהלט, וואָס ער האָט געהערט פֿון זאַכאַר׳ן, פֿון אַניסיאַ׳ן, ער האָט איר דערמאָנט וועגען די רייד פֿון די פֿראַנטען און ער האָט געענדיגט דערמיט, אַז פֿון דאַמאָלט אָן שלאָפֿט ער ניט, אַז אין יעדען בליק זעט ער אַ פֿראַגע, אַ פֿאָרוואורף, אָדער גאָר געמיינע אָנדייטונגען אויף זייערע צוזאַמענקונפֿטען.

— אָבער מיר האָבען דאָך באַשלאָסען, אַז מיר זאָלען עס ערקלערען דער טאַנטע נאָך לעצטע וואָך, — האָט זי ער-קלערט, — וואָלטען דאָך די קלאַנגען פֿון זיך אַליין אויפֿגע-הערט.

— אמת ; אָבער איך האָב ניט געוואָלט רעדען מיט דער טאַנטע ביז דער היינטיגער וואָך, ביז איך וועל האָבען דעם ענטפֿער פֿון דאָרף. איך ווייס דאָך, אַז זי וועט מיך ניט פֿרעגען וועגען מיין ליבע, נאָר וועגען מיין גוט, וועט וועלען וויסען איינ-צעלהייטען, און וועגען דעם אַלעם קאָן איך איר גאָרנישט ניט זאָגען, איידער איך באַקום פֿון דאָרף דעם ענטפֿער.

זי האָט אָפּגעזיפֿצט.

— ווען איך זאָל דיך ניט קענען, — האָט זי אַ פֿאַרזונ-קענע אין געדאַנקען, אַרויסגערעדט, — ווייס איין גאָט, וואָס

איך וואָלט איבערגעטראַכט! ער האָט מורא געהאַט מיך באַ־אומרואיגען מיט רייד פון לאַקייען, און ער האָט גאָר ניט מורא געהאַט, אַז איך זאָל זיך אויף אַן אמת דערשרעקען! איך הער אויף דיך צו פאַרשטעהן.

— איך האָב געמיינט, אַז זייערע פּלוידערייען וועלען דיך באַאומרואיגען. קאַטיאַ, מאַרפאַ, סעמיאָן און אַט דער אידיאָט ניקיטאַ, איין גאָט ווייס, וואָס זיי האָבען אָנגערעדט.

— איך ווייס שוין לאַנג, אַז זיי רעדען, — האָט אָלגאַ גלייכגילטיג געזאָגט.

— וואָס, דו ווייסט?

— יאָ. קאַטיאַ און די אָם האָבען שוין פון לאַנג דער־טראָגען צו מיר די נייס, זיי האָבען מיך געפרעגט וועגען דיר, באַגריסט מיך...

— שוין באַגריסט דיך אפילו? — האָט מיט שרעק גע־פרעגט אָבלאָמאָוו. — און וואָס האָסטו געזאָגט אויף דעם?

— געדאַנקט זיי. דער אָם האָב איך געשאָנקען אַ טיכעל און קאַטיאַ'ן האָב איך צוגעזאָגט, אַז איך וועל איר צוהעלפען, זי זאָל קאָנען חתונה האָבען מיט'ן קאָנדיטאָר: זי האָט אויך אַ ראָמאַן.

ער האָט געקוקט אויף איר מיט דערשראָקענע און פאַר־וואונדערטע אויגען.

— דו ביסט אַלע טאָג ביי אונז, איז גאַנץ נאַטירליך, אַז מענשען זאָלען רעדען, — האָט זי צוגעלייגט, — זיי זיינען די ערשטע, וואָס הויבען אָן צו רעדען. מיט סאָניטשקאַ'ן איז אויך געווען דאָס זעלבע. וואָס שרעקט עס דיך אַזוי?

— אָט פון וואַנען עס נעמען זיך די קלאַנגען! — האָט אָבלאָמאָוו אַרויסגערעדט, ציענדיג די ווערטער.

— זיינען זיי דען אָן אַ גרונט? זיי זיינען דאָך אמת.

— אמת! — האָט, ניט פרעגענדיג און ניט אָפּלייקענ־דיג, נאָכגעזאָגט אָבלאָמאָוו. — יאָ, — האָט ער אַ ווייל שפּע־טער צוגעלייגט, — דו ביסט גערעכט, אָבער איך וויל ניט, אַז

אבלאמאוו

זיי זאָלען וויסען וועגען אונזערע צוזאַמענקונפטען, און דער־פאַר האָב איך מורא...

— דו האָסט מורא, ציטערסט, ווי אַ אינגעל... איך פאַר־שטעה ניט! דו גנב'עסט דען מיך?

אים איז געוואָרען אומבאַקוועם. זי האָט אויפמערקזאַם געקוקט אויף אים.

— הער זיך איין, — האָט זי געזאָגט, — דאָ איז פאַראַן עפּעס אַ ליגען, עפּעס אַזוינס, וואָס דאַרף ניט זיין... זעץ זיך נעענטער און דערצעהל מיר אַלץ, וואָס עס דריקט דיר אויפ'ן הארצען... ווען עס זאָל זיך האַנדלען בלויז וועגען פּאַרזיכ־טיגקייט, האָסטו געקאָנט טניט זיין ביי מיר איין טאָג, צוויי טעג, זאָל זיין אַ וואָך, אָבער דו וואָלסט יעדענפאַלס געשריבען, געלאָזט וויסען וועגען זיך. דו ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז איך בין שוין ניט קיין קינד און מיך קען מען ניט שרעקען מיט אַזוינע נאַרישקייטען. זאָג, וואָס זאָל דאָס אַלץ באַדייטען?

ער האָט זיך פאַרטראַכט, דערנאָך האָט ער אַ קוש געטאָן איר האַנט און אַ זיפץ געטאָן.

— אָט וואָס, אַלגאַ, דאַכט זיך מיר איז עס באמת, — האָט ער געזאָגט,—מיין געדאַנק איז די גאַנצע צייט אַזוי אָנגעשראָקען וועגען דיר צוליב די אַלע רכילות, איך בין אויסגעמאַטערט פון דאגות, דאָס הארץ איז אין איין אויפרעגונג פון די חלומות און האָפנונגען וואָס זיינען יאָ און ניט מקוים געוואָרען, אַז מיין גאַנצער אָרגאַניזם איז צוטרייסעלט געוואָרען, ער פאָדערט כאָטש אַ צייטווייליגע באַרואיגונג...

— וואָרום איז מיין אָרגאַניזם ניט אַזוי צוטרייסעלט און איך זוך באַרואיגונג בלויז נעבען דיר?

— דו האָסט יונגע, שטאַרקע כוחות און דו האָסט ליב רואיג, קלאָר, אָבער איך... אָבער דו ווייסט דאָך, ווי איך האָב דיך ליב! — האָט ער געזאָגט פאַלענדיג אויפ'ן דיל און קושענ־דיג אירע הענט.

— איך ווייס נאָך אַלץ זער ווייניג! דו ביסט אַזאַ זאָנ־דערבאַרער, אַז איך אַליין ווייס ניט וואָס אויסצוטראַכטען...

א. א. גאַנמשאַראָוו

עס לעשען זיך מיר מיינע האָפנונגען און מיין פאַרשטאַנד...
אײַנגיכען וועלען מיר אויפהערען פאַרשטעהן איינער דעם צווייר־
טען: דאָס איז אַ שלעכטער סימן.

זיי האָבען געשוויגען.

— וואָס האָסטו געטאָן די אַלע טעג? — האָט זי גע־
פרעגט און צום ערשטען מאָל באַקוקט דאָס צימער. — ביי
דיר איז דאָ ניט אַזוי גרויסאַרטיג: וואָס פאַר אַ קליינע צי־
מערען! אַזוינע קליינע פענסטער און אַזוינע אַלטע טאַפּעטען...
וואו זיינען דיינע איבעריגע צימערען?

ער האָט זיך געכאַפּט איר ווייזען זיין דירה, כדי אַזויאַרום
פּטור צו ווערען פון צו ענטפערען איר אויף דער פראַגע, וואָס
ער האָט די אַלע טעג געטאָן. דערנאָך האָט זי זיך געזעצט
אויף דער סאָפע און ער אויפ'ן טעפּיך, ביי אירע פיס.

— וואָס האָסטו געטאָן די גאַנצע צוויי וואָכען? — האָט
זי אים גענומען אויספרעגען.

— געלעזען, געשריבען, געטראַכט וועגען דיר.

— דורכגעלעזען מיינע ביכער? וואו זיינען זיי? איך
וועל זיי נעמען מיט זיך.

זי האָט גענומען פון טיש אַ בוך און אַ קוק געטאָן אויף
דער געעפענטער זייט: די זייט איז געווען פאַרשטויבט.

— דו האָסט ניט געלעזען! — האָט זי געזאָגט.

— ניין, — האָט ער געזאָגט.

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף די צוקנייטשטע קישענס, אויף
דער אומאָרדנונג, אויף די פאַרשטויבטע פענסטער, אויף דעם
שרייב טיש, זי האָט איבערגעקליבען אַ פּאָר בויגען פּאַפּיר, וואָס
זיינען געווען באַדעקט מיט שטויב, זי האָט אַ טרייסעל געטאָן
די פּען אין דעם טרוקענעם טינטער און מיט אַ פאַרוואונדערונג
אַ קוק געטאָן אויף אים.

— וואָס האָסטו פאַרט געטאָן? — האָט זי איבערגע־
חזר'ט איר פראַגע. — דו האָסט ניט געלעזען און ניט געשרי־
בען?

— עס איז קיין צייט ניט געווען, — האָט ער אָנגעהויבען,

אבלאמאוו

שטאמלענדיג, — ווען מען הויבט זיך אויף אין־דער־פרי, נעמען זיי ראמען די צימערען און שטערען דיר דערוויל, דער־נאך הויבט מען אן צו רעדען וועגען מיטאג, דערוויל קומען אריין דער באלעבאסטע׳ס קינדער און בעטען נאכצוקוקען, צי זיי האָ־בען ריכטיג געמאכט די אויפגאבען, דערוויל ווערט פארטיג דער מיטאג... נאכ׳ן מיטאג, ווידער, קען מען דאך ניט לעזען...

— דו פלעגסט דאך שלאפען נאך מיטאג, — האט זי גע־זאגט מיט אזא זיכערהייט, אז נאך א רגע׳דיגער אומבאשטימט־קייט, האט ער שטיל געענטפערט:

— יא.

— ווארום?

— כדי די צייט זאל זיך ניט ציען אזוי לאנג: דו ביסט, אלגא, ניט געווען מיט מיר, און דאס לעבען איז דאך אזוי לאנג־ווייליג, אזוי אומערטרעגליך אן דיר.

ער האט זיך אפגעשמעלט און זי האט שטרענג א קוק גע־טאן אויף אים.

— איליא! — האט זי ערנסט ארויסגערעדט. — גע־דענקסטו, ווי אין פארק, ווען דו האסט מיר געזאגט, אז אין דיר האט אויפגעפלאמט דאס לעבען, און האסט מיך פארזיכערט, אז איך בין דער אידעאל פון דיין לעבען און האסט גענומען מיין האנט און געזאגט, אז זי איז דיינע — געדענקסטו, ווי איך האב צוגעשטימט?

— קען מען דאס פארגעסען? האט דען דאס ניט געהאט קיין אנטשיידענדע ווירקונג אויף מיין לעבען? זעסטו דען ניט, ווי איך בין גליקליך?

— ניין, איז זע עס ניט; דו האסט מיך גענארט — האט זי קאלט ארויסגערעדט, — דו זינקסט ווייטער...

— אפגענארט! ווי שעמסטו זיך ניט אזוינס צו זאגען? איך שווער ביי גאט, אז איך וואלט זיך אצינד געווארפען אין א תהום אריין!...

— יא, ווען דער תהום זאל זיך געפינען נעבען דיינע פיס און טאקע אין דעם מאמענט, — האט זי אים איבערגעשלאגען,

— אָבער ווען מען זאָל עס אָפּלייגען אויף אַ דריי טעג, וואָלסטו זיך איבערגעטראַכט, דערשראָקען זיך, באַזונדערס ווען זאַכאַר אָדער אַניסיאַ וואָלטען גענומען פּלוידערען וועגען דעם... ניין, דאָס איז קיין ליבע ניט!

— דו צווייפעלסט אין מיין ליבע? — האָט אָבלאָמאָוו היים אַרויסגערעדט. — דו מיינסט, אַז איך בין אַזוי לאַנגזאַם אוים מורא פאַר זיך און ניט אוים מורא פאַר דיר? אַז איך פאַרשטעל ניט, ווי אַ וואַנט, דיין נאָמען, אַז איך וואַך ניט, ווי אַ מוטער, אַז די רכילות זאָלען ניט דערגרייכען דיין אויער... אַך, אָלגאַ! פאָדער באַווייזען! איך ווידערהאָל דיר נאָכאַמאָל, אַז אויב דו וואָלסט געקאָנט זיין מיט אַ צווייטען גליקליכער, בין איך גרייט אָפּצוטרעטען אים מיינע רעכט. אויב מען וואָלט געדאַרפט שטאַרבען פאַר דיר, וואָלט איך מיט פרייד געשטאָר־בען! — האָט ער דערענדיגט מיט טרערען.

— דאָס איז אַבסאָלוט ניט נויטיג! קיינער פאָדערט פון דיר ניט דיין לעבען! צו וואָס דאַרף איך דיין לעבען? דו טו נאָר, וואָס מען דאַרף! פאַלשע מענשען האָבען אַ שוואַכקייט פאַרצולייגען קרבנות, וואָס קיינער דאַרף ניט האָבען, אָדער וואָס מען קען ניט ברענגען, כדי צו זיין פּטור פון די, וואָס מען דאַרף. איך ווייס, דו ביסט ניט קיין פאַלשער — אָבער...

— דו קאָנסט דיר גאָרנישט פאָרשטעלען, וויפיל געזונט עס האָבען מיך געקאָסט די אַלע ליידען און זאָרגען! — האָט ער ווייטער גערעדט. — דאָס איז דער איינציגער געדאַנק, וואָס פאַרנעמט מיך זייט איך האָב דיך דערקאָנט... און איך ווידער־האָל, אַז אויך איצט ביסטו מיין איינציגע זאָרג. איך וועל שטאַרבען, איך וועל אַראָפּ פון זינען, אויב דו וועסט ניט זיין מיט מיר! זייט איך האָב דערקענט טראַכט איך, אָטעם איך, לעב איך מיט דיר! טאָ וואָס איז עס פאַר דיר אַ וואונדער, אַז אין די טעג, ווען איך זע דיך ניט, שלאָף איך איין און מיין גייסט זינקט? מיר ווערט אַלץ דערווידער, איך לאַנגווייליג זיך. איך ווער ווי אַ מאַשין: איך געה, טו און ווייס ניט וואָס איך טו. דו ביסט די קראַפט און דער פייער פון דער מאַשין, —

חאָט ער געזאָגט, אוועקשטעלענדיג זיך אויף די קני און אויפ־שטעלענדיג זיך.

זיינע אויגען האָבען אויפגעגלאַנצט, ווי אמאָל אין פּאַרק. ווידער האָבען שטאָלץ און ווילענס־קראַפט אַרויסגעלויכטען פון זיי.

— איך בין איצט גרייט צו געהן, וואו דו וועסט הייסען און טאָן, וואָס דו וועסט באַפעלען. איך פיל, אַז איך לעב, ווען דו קוקסט אויף מיר, ווען דו רעדסט, זינגסט...

אַ פאַרזונקענע אין געדאַנקען, האָט אָלגאַ זיך איינגעהערט צו אָט די ליידענשאַפטליכע אויסגוסען.

— הער זיך איין, איליאַ, — האָט זי געזאָגט, — איך גלויב אין דיין ליבע און אין מיין קראַפט איבער דיר. וואָרום אָבער שרעקסטו מיך מיט דיין אומאַנטשלאָסענהייט און דער־פירסט מיך ביז צווייפעל? דו זאָגסט, אַז איך בין דיין ציל, אָבער דו געהסט צו דיין ציל אַזוי לאַנגזאַם, אַזוי שרעקעדיג; לאַנג איז נאָך דער וועג, וואָס דו דאַרפסט דורכגעהן; דו דאַרפסט ווערען העכער פון מיר. איך וואַרט דאָס פון דיר! איך האָב געזען, ווי גליקליכע מענשען ליבען זיך, — אַלץ ברענט אונטער זייערע הענט, און זייער דו איז ניט ענליך אויף דיינער; זיי לאָזען ניט אַרונטער די קעפּ; זייערע אויגען זיינען ברייט אָפען, זיי שלאָפען כמעט ניט, זיי באַוועגען זיך שטענדיג! און דו... ניין, עס איז ניט ענליך אויף קיין ליבע, עס זעט ניט אויס, אַז איך זאָל זיין דיין ציל...

און מיט צווייפעל האָט זי אַ שאָקעל געטאָן דעם קאָפּ.

— דו, בלויז דו!... — האָט ער גערעדט, קושענדיג אירע הענט אויפגערעגטערהייט. — בלויז דו! גאָט מיינער, וואָס פאַר אַ גליק! — האָט ער גערעדט ווי פון היץ. — און דו מיינסט, אַז עס איז מעגליך דיך צו גענאַרען, אַז עס איז מעג־ליך ווידער איינצודרימלען נאָך אַזאַ ערוואַכונג, אַז עס איז מעג־ליך ניט צו ווערען קיין העלד? איר וועט דערזען, דו און אַנ־דרעי, — האָט ער ווייטער גערעדט, אַרומקוקענדיג זיך מיט באַגייסטערטע אויגען, — צו וואָס פאַר אַ הויכען עס הויבט

אויף א מענשען די ליבע פון אזא פרוי, ווי דו! קוק, גיב א קוק אויף מיר: בין איך דען ניט אצינד אויפגעשטאנען קיין תחית־המתים? קום אוועק פון דאנען! אוועק! אוועק! איך קען דא מער קיין רגע ניט בלייבען; מיר איז דא דערווידער, מיר איז דא ענג! — האט ער גערעדט, ארומקוקענדיג זיך מיט אן אויפריכטיגען עקעל. — לאז מיך דעם היינטיגען טאג אויס־לעבען מיט את דעם געפיל... אך, ווען דאס דאזיגע פייער זאל מיך ברענען מארגען, און שטענדיג, ווי עס ברענט מיך אצינד! אבער ווען איך זע דיך ניט, ווער איך פארלאשען, איך זינק! איצט האב איך אויפגעלעבט, אויפגעשטאנען תחית המתים! מיר דאכט זיך... אלגא, אלגא! דו ביסט שענער פון אלץ אויף דער וועלט, דו... דו...

ער איז צוגעפאלען צו איר האנט מיט'ן פנים און פאר־גליווערט געווארען. דאס מויל האט שוין ניט געקענט ארויס־ברענגען מער קיין ווערטער. ער האט צוגעדריקט די האנט צום הארצען, כדי איינצוהאלטען די אויפרעגונג און ווענדענדיג אויף אלגא'ן זיין לײדענשאפטליכען, פייכטען בליק, איז ער גע־בליבען אומבאוועגליך.

„ער איז צערטליך, צערטליך, צערטליך!" האט אלגא געזאגט צו זיך, אבער זי האט דערביי א זיפץ געטאן און איז ווידער פארזונקען געווארען אין געדאנקען.

— עס איז שוין צייט פאר מיר צו געהן! — האט זי צערטליך ארויסגערעדט, אויפכאפענדיג זיך פון איר פארטראכט־קייט.

ער האט זיך מיטאמאל אויסגעניכטערט.

— גאט מיינער, דו ביסט דאך דא! ביי מיר? — האט ער גערעדט און דער באגייסטערטער בליק איז פארביטען גע־ווארען אויף א גיך ארומקוקען זיך אין אלע זייטען. קיין בא־גייסטערטע ווערטער זיינען שוין מער ניט געגאנגען פון מויל.

ער האט איילינג א כאפ געטאן דעם הוט און דעם סאלאפ און, אין צוטומעלטקייט, האט ער געוואלט איר אנטאן אויפ'ן קאפ דעם סאלאפ.

אבלאמאוו

זי האט זיך צולאכט.

— שרעק זיך ניט פאר מיר, — האט זי אים בארואיגט, — די טאנטע איז אוועקגעפארען אויף א גאנצען טאג. בלויז די אם וויים אז איך בין ניט אין דער היים, אויך קאטיא. באַגלייט מיך.

זי האט אים דערלאנג די האנט. רואיג, מיט דער פולער באוואוסטזיין פון איר אומשולד, איז זי דורכגעגאנגען דעם הויף און געזעצט זיך אין איר קארעט. דער הונט האט זיך געריסען פון דער קייט און ווילד געבולען.

פון די פענסטער פון דער באלעבאסטעס זייט האבען ארויסגעקוקט קעפ; פון הינטער א פלויט האט זיך ארויסגערוקט אניסיא'ס קאפ.

ווען דער קארעט האט זיך פארדרעהט אין דער צווייטער גאס אריין, איז אניסיא געקומען און געזאגט, אז זי איז אויסגעלאפען דעם גאנצען מארק, נאר קיין שפארגעל האט זי ניט געקענט קריגען. זאכאר איז צוריקגעקומען אין א דריי שעה ארום און איז דורכגעשלאפען א גאנצען מעת־לעת.

אבלאמאוו האט לאנג ארומגעשפאנט אין צימער און ער האט ניט געפילט אונטער זיך די פיס, און ער האט ניט געהערט זיינע אייגענע טריט: ער איז געגאנגען אזוי, ווי ער וואלט געשפאנט איבער'ן דיל.

ווי נאר עס איז פארשטומט געווארען דער סקריפ פון דער קארעט, וואס האט אוועקגעפירט זיין לעבען, זיין גליק — איז זיין אומרואיגקייט פארשוואונדען, דער קאפ און דער אקסעל האבען זיך ביי אים אויסגעגלייכט, דער באגייסטערטער גלאנץ האט ווידער באלויכטען זיין געזיכט און זיינע אויגען זיינען געווען פייכט פון גליק, פון פרייד. זיין ארגאניזם האט דורכגעשטראמט א ווארעמקייט, א פרישקייט, ער איז געווארען מוטיג. און פונקט ווי פריער, האט זיך אים איצט געוואלט זיין ווייט: ביי שטאלצ'ן, מיט אלגא'ן אין דארף, אין וועלדעל, אין פעלד, און אט האט זיך אים פארוואלט פאר־

שליסען זיך ביי זיך אין קאַבינעט, דורכפירען אליין דעם שאָ־סיי אין אַבלאָמאָווקע, דורכלעזען אַ נאַר־וואָס ערשינען בוך, וועגען וועלכען אַלע רעדען, און נאָך היינט האָט זיך אים גע־וואָלט זיין אין דער אָפּערע...

יאָ, היינט איז זי געווען ביי אים, ער וועט זיין ביי איר, דערנאָך וועלען זיי זיין אין דער אָפּערע. ס'אַר אַן אינהאַלטס־רייכער טאָג! ווי לייכט אָטעמט זיך אין אָלגאַ'ס נאָנטקייט, אין די שטראַלען פון איר מיידעלשען גלאַנץ, פון איר מוט, פון איר יונגען, אָבער דינעם און טיפען געזונטען פאַרשטאַנד! ער איז געגאַנגען ווי ער וואָלט געשוועבט איבער'ן צימער.

„פּאַראָוים! פּאַראָוים! — זאָגט אָלגאַ — העכער, העכער, צו יענעם פּונקט, וואו דער כוח פון צערטליכקייט און גראַציע פאַרלירט זיין רעכט און עס הויבט זיך אָן די הערשאַפט פון מאַנספּערזאָן!"

ווי קלאָר זעט זי דאָס לעבען! ווי זי לעזט דאָס אין אָט דעם טיפען בוך איר וועג, און מיט'ן אינסטינקט דערפילט אויך זיין וועג! ביידע לעבענס, ווי צוויי טייכען, דאַרפען זיך צוזאַמענגיסען: ער איז איר וועגווייזער, פירער.

זי זעט זיין קראַפט, קען זיינע פעהיגקייטען, ווייס, וואָס ער קאָן טאָן און געדולדיג וואַרט זי אויף זיין הערשאַפט! אָ, הערליכע אָלגאַ! ניט אויפגערעגטע, פּשוט'ע, אָבער אַנטשלאָ־סענע פרוי, נאַטירליך, ווי דאָס לעבען אַליין!

„און אין אמת'ן ווי עקעלדיג דאָ איז! — האָט ער גע־זאָגט, ארומקוקענדיג זיך, — און דער דאָזיגער מלאך האָט זיך אַרונטערגעלאָזען אין אָט דעם קויט, הייליג געמאַכט עס מיט זיין אַנוועזענהייט!"

ער האָט מיט ליבע אַ קוק געטאָן אויפ'ן שטול, וואו זי איז געזעסען און זיינע אויגען האָבען מיט אַמאָל אַ לויכט גע־טאָן: אויפ'ן דיל, לעבען דעם שטול, האָט ער דערזען אַ קליינינקע האַנד־שו.

„אַ משכון! איר האַנט: דאָס איז אַ צייכען, אַן אָנ־

אבלאמאוו

דייטונג! אך!...״ — האט ער א טיפען זיפץ געטאן, צודריי־קענדיג די האנד־שו צו די ליפען.

די באלעבאסטע האט ארויסגעקוקט פון דער טיר און אים באוויזען א שטיק לייווענט, וואס מען האט געבראכט צום פאר־קויפען, און אים געפרעגט צי ער דארף עס ניט.

אבער ער האט איר גאנץ טרוקען גענטפערט, ער האט אפילו קיין טראכט ניט געטאן א קוק צו טאן אויף אירע עלענ־בויגענס און ער האט זיך אנטשולדיגט, ווייל ער איז זער פאר־נומען. דערנאך האט ער זיך פארטיפט אין זכרונות פון דעם לעצטען זומער, ער האט פאנאנדערגעקליבען אין געדאנק אלע איינצעלהייטען, ער האט זיך דערמאנט אן יעדען בוים, בוש, באנק, אן יעדען ארויסגערעדטען ווארט און עס האט איצט אין זיינע אויגען אויסגעזען פיל ליבער, ווי עס איז געווען אין יענער צייט, ווען ער האט זיך דערמיט געלאבט.

ער האט ניט געוואוסט, וואס עס קומט מיט אים פאר. ער האט געזונגען, פריינדליך געשמועסט מיט אניסיא'ן, גע־וויצעלט זיך, וואס זי האט קיין קינדער ניט און ער האט איר צוגעזאגט, אז ער וועט עס טויפען, זאל זי נאר האבען א קינד. מיט מאשא'ן האט ער געמאכט אזא טומעל, אז די באלעבאסטע האט ארויסגעקוקט און אריינגעטריבען מאשא'ן אין הויז אריין, אז זי זאל ניט שטערען אבלאמאוו'ן „פארנעמען זיך״.

דער אנדערער האלבער טאג האט נאך שטארקער געמאכט זיין געהויבענע שטימונג. אלגא איז געווען פרעהליך, זי האט געזונגען, און דערנאך האט מען געזונגען אין דער אפערע, שפע־טער האט ער ביי זיי געטרונקען טיי און ביים טיי איז אנגע־גאנגען אזא אפענהערציגער, אמת'ער געשפרעך צווישען אים, דער טאנטע, דעם באראן און אלגא'ן, אז אבלאמאוו האט זיך געפילט פאר א פאלשטענדיגען מיטגליד פון אט דער קליינער פאמיליע. גענוג שוין געלעבט איינער אליין: איצט האט ער זיין איינען ווינקעל. און ווי גוט איז אים!

ביי נאכט איז ער ווייניג געשלאפען: ער האט דערלעזען

א. א. גאָנטשאַראָוו

די ביכער, וואָס אָלגאַ האָט אים געהאַט צוגעשיקט און ער האָט דורכגעלעזען אַ באַנד און אַ האַלב.

„מאָרגען דאַרף אָנקומען דער ענטפער פון דאָרף", האָט ער געטראַכט, און זיין האַרץ האָט געקלאַפּט... געקלאַפּט... ענדליך שוין!

8.

צומאָרגענס, ווען זאַכאַר האָט אויפגעראַמט דאָס צימער, האָט ער געפונען אויפ׳ן שרייב־טיש אַ קליינע האַנט־שו, ער האָט זי אַ לאַנגע צייט באַטראַכט, אַ שמייכעל געטאָן, דערנאָך זי דערלאַנגט אַבלאָמאָוו׳ן.

— מסתמא האָט עס די פריילין אילינסקאַיאַ פאַרגעסן, — האָט ער געזאָגט.

— טייוועל! — האָט איליאַ איליטש אַרויסגעדונערט, אַרויסרייסענדיג פון זיינע הענט די האַנט־שו. — דו ליגסט! וואָס איז דיר עפּעס איינגעפאַלען, אַז דאָס איז געווען פריילין אילינסקאַיאַ! דאָס איז אַ נעהטאָרין געקומען אָנמעסטען מיר די העמדער! ווי וואַגסטו אויסצוטראַכטען אַזוינע זאַכען?

— וואָס פאַר אַ טייוועל בין איך? וואָס טראַכט איך אויס? מען רעדט דאָך שוין וועגען דעם ביי דער באַלעבאָסטע...

— וואָס רעדט מען? — האָט אַבלאָמאָוו געפרעגט.

— מען רעדט דאָרט, אַז די פריילין איז דאָ געווען מיט אַ מיידעל...

— גאָט מיינער! — האָט מיט שרעק אַרויסגערעדט אַב־לאָמאָוו. — און פון וואַנען קענען זיי פריילין אילינסקאַיאַ? דאָס האָסטו אָדער אַניסיאַ צופּלוידערט...

מיט אַמאָל האָט אַניסיאַ אַרויסגערוקט דעם קאָפּ פון פאָדערצימער.

— ווי שעמסטו זיך ניט, זאַכאַר טראָפימיטש, צו טריי־בען רכילות? גלויבט אים ניט, פריץ, — האָט זי געזאָגט, — קיינער האָט ניט געזאָגט און קיינער ווייס ניט, איך שווער ביי גאָט...

— נו־נו־נו! — האָט אַ ברום געטאָן זאַכאַר און פאַרמאָס־

טען זיך אויף איר מיט'ן עלענבויגען. — וואָס שטופּסט דו זיך, וואו מען בעט דיך ניט...

אַניסיאַ איז פאַרשוואונדען. אַבלאָמאָוו האָט מיטביידע פויסטען אַ מאַך געטאָן אויף זאַכאַר'ן, דערנאָך האָט ער שנעל אָן עפּעס געטאָן די טיר, וואָס האָט געפירט צו דער באַלעבאָסטע'ס צימערען. אַגאַפיאַ מאַטוועיעווגאַ איז געזעסען אויפ'ן דיל און איבערגעלייגט וועש אין אַן אַלטען קופערט. לעבען איר זיינען געלעגען שמאַטקעס, אַלטע קליידער, קנעפלאַך, שטיקלאַך פוטער.

— הערט זיך איין, — האָט אַבלאָמאָוו אָנגעהויבען צו רעדען פריינדליך, אָבער מיט אַן איינגעהאַלטענער אויפרעגונג, — מיינע מענשען טרייבען דאָ גאָט ווייס וואָסערע רכילות, ווי גאָט איז אייך ליב, גלויבט זיי קיין וואָרט ניט.

— איך האָב קיין שום זאַך ניט געהערט, — האָט געזאָגט די באַלעבאָסטע. — וואָס פּלוידערען זיי דאָס?

— אַט וועגען דעם נעכטיגען וויזיט, — האָט אַבלאָמאָוו ווייטער גערעדט, — זיי זאָגען, אַז עס איז דאָ געווען אַ געוויסע פרייליין...

— וואָס איז דאָס אונזער דאגה, ווער עס קומט צו אַ שכן?

— האָט געזאָגט די באַלעבאָסטע.

— אָבער איך בעט אייך זער, אַז איהר זאָלט ניט גלויבען: עס איז אַ געמיינער ליגען! קיין שום פרייליין איז דאָ ניט געווען: עס איז געקומען אַ נעהטאָרין, וואָס נעהט פאַר מיר העמדער, זי איז געקומען אָנמעסטען די העמדער.

— וואו האָט איר זיך באַשטעלט העמדער? ווער נעהט עס פאַר אייך? — האָט די באַלעבאָסטע שנעל אַ פרעג געטאָן.

— אין פראַנצויזישען מאַגאַזין...

— ווייזט זיי מיר, ווען זיי וועלען זיי אייך ברענגען. איך האָב צוויי מיידלאַך, מאַכען זיי אַזוינע דינע שטעך, וואָס קיין שום פראַנצויזין וועט עס ניט מאַכען. איך האָב געזען זייער אַרבייט, זיי נעהען פאַר'ן גראַף מעטלינסקי: קיינער קאָן ניט נעהען אַזוי ווי זיי. ווי קומען די, וואָס איר טראָגט צו זייערע!

— אויב איך וועל נאָר ניט פאַרגעסען. אָבער ווי גאָט איז אייך ליב, מיינט ניט, אַז דאָס איז געוועזען פריילײַן...

— וואָס איז דאָס מיין דאגה, ווער עס קומט צוגעהן צו מיין שכן? — האָט געזאָגט די באַלעבאָסטע, ווען ער האָט גע־נומען אַרויסגעהן. — טאָ פאַרגעסט ניט, אַז ווען איר וועט דאַר־פען זיך לאָזען נעהען העמדער, צו זאָגען מיר, און מיינע באַ־קאַנטע וועלען עס פאַר אייך מאַכען... איינע רופט מען ליזאַ־וועטאַ ניקאָלאַוונאַ און די צווייטען — מאַריאַ ניקאָלאַוונאַ.

— גוט, גוט, איך וועל ניט פאַרגעסען, אָבער איר זייט אַזוי גוט און מיינט ניט, אַז...

און ער איז אַרויס, דערנאָך האָט ער זיך אָנגעטאָן און אוועקגעפאָרען צו אָלגאַ'ן.

קומענדיג ביי נאַכט אַהיים, האָט ער ביי זיך אויפ'ן טיש געפונען אַ בריף פון דאָרף, פון זיין שכן דעם באַפולמעכטיגען. ער האָט זיך געכאַפּט צום בריף — און ער איז אָפּהענטיג גע־וואָרען.

„איך בעט זער, די פולמאַכט איבערגעבען אימיצען אַנ־דערש (האָט געשריבען דער שכן), וואָרים איך האָב אַזוי־פיל אַרבייט, אַז איך קאָן ניט, רעדענדיג אָפענהערציג, אַכטונג גע־בען אויף אייער גוט ווי עס דאַרף צו זיין. אם בעסטען וואָלט געווען, אַז איר זאָלט קומען אַהער, און נאָך בעסער וואָלט גע־ווען, אַז איר זאָלט זיך אין גאַנצען באַזעצען אין אייער גוט. איר האָט אַ גוט גוט, אָבער עס איז זער פאַרלאָזען, די פויערים זיינען צובאַלעוועט געוואָרען, פאָלגען ניט דעם נייעם סטאַראָ־סטאַ און דער אַלטער איז אַ דרעה־קאָפּ, מען דאַרף אויף אים אַכטונג געבען. עס איז שווער צו באַשטימען, ווי גרויס אייער איינקונפט קאָן זיין. ביי דער איצטיגער אומאָרדנונג, גלויב איך ניט, אַז איר קאָנט קריגען מער ווי אַ דריי טויזענט רובל און דאָס ערשט, אויב איר וועט דאָ זיין. אויב איר וועט אַליין אַכטונג געבען ביים פאַרקויפען די תבואה, וועט איר האָבען געלט אַרום אַפּריל. בארעם איז איצט אפילו קיין גראָשען געלט ניטאָ. וואָס אַנבאַלאַנגט, ווידער, דעם וועג איבער ווערכליעוו, האָב

איך, ניט קאַנענדיג זיך דערוואַרטען אויף אייער ענטפער, צו־זאַמענגערעדט זיך מיט אַדאַנצאָוו׳ן און ביעלאָוואַדאָוו׳ן וועגען דורכפירען אַ וועג דורך געלקי, אַזוי אַרום וועט אַבלאַמאָווקע בלייבען ווייט אָן אַ זייט. און צום שלוס, בעט איך אייך ווידער צו קומען וואָס גיכער: אין אַ צייט פון אַ דריי מאָנאַט וועט אייך קלאָר ווערען, וואָס איר האָט צו ערוואַרטען פון אייער דאָרף פאַר׳ן נעקסטען יאָר. אַ פּראָפּאָס, איצט זיינען וואַלען: וואָלט איר ניט ווען ארויסשטעלען אייער קאַנדידאַטור פאַר אַ באַצירקס־ריכטער? אײַלט זיך צו. אייער הויז איז אין אַ זער שלעכטען צושטאַנד, איך האָב געהייסען דעם קוטשער אין די צוויי אַלטע מוידען, וואָס האָבען דאָרט געוואוינט, אַז זיי זאָלען זיך אַרויסקלייבען, ווייל עס איז געפערליך דאָרט צו זיין״.

צום בריף איז געווען צוגעלייגט אַ צעטעל, וואו עס איז געווען אויסגערעכענט וויפיל מען האָט ארונטערגענומען תבואה, וויפיל מען האָט געמאָלען, וויפיל מען האָט אריינגעשאָטען אין די שייערס, וויפיל עס איז באַשטימט צום פאַרקויף, און ענליכע קליינינקייטען וועגען באַלעבאַטישקייט.

„קיין גראָשען געלט וועט ניט זיין קיין גאַנצע דריי מאָ־נאַטען, קומען אַליין אין דאָרף, אַליין פאַרנעמען זיך מיט די פויערים, פאַרנעמען זיך מיט וואַלען״ — אַזוי ווי געשעפּענסטער זיינען די דאָזיגע ווערטער באַפאַלען אָבלאָמאָוו׳ן. ער האָט זיך געפילט, ווי ער וואָלט מיט אַמאָל פאַרוואָרפען געוואָרען אין אַ וואַלד, וואו אונטער יעדען בוים און בוש איז געלעגען באַ־האַלטען אַ גזלן, אַ מת, אַ ווילדע חיה.

„ניין, איך וועל זיך ניט אונטערגעבען, דאָס וואָלט געווען אַ שאַנדע!״ האָט געזאָגט צו זיך אָבלאָמאָוו, וועלענדיג באַקע־נען זיך מיט אָט די אַלע געשפּענסטער און שאָטענס, פונקט ווי אַ פייגלינג, וואָס באַמיט זיך דורך האַלב־פאַרמאַכטע אויגען אַ קוק צו געבען ביי נאַכט אין חושך אריין און אַלץ וואָס ער פילט איז אַ קעלט ביים האַרצען, אַ פאַר׳חלש׳טקייט אין די הענט און אין די פיס.

און אויף וואָס אָבלאָמאָוו האָט אַלץ געהאָפט! אָבלאָמאָוו

האָט געמיינט, אַז אין בריוו איז באַשטימט געזאָגט וויפיל איינ־קונפט ער וועט האָבען און, פאַרשטעהט זיך, וואָס מעהר, אַ זעקס־זיבען טויזענט, למשל; אַז דאָס הויז איז נאָך גוט, אַז אין פאַל פון נויט קאָן מען נאָך אין אים וואוינען פאַר דער צייט, וואָס עס וועט געבויט ווערען דאָס נייע הויז; און, שליסליך, אַז דער באַפולמעכטיגער וועט גלייך צושיקען אַ דריי־פיער טויזענט רובל — מיט איין וואָרט, אַז אין דעם בריוו וועט ער געפינען דעם זעלבען געלעכטער, דעם זעלבען שפּיל פון לעבען און ליבע, וואָס איז אָלגאַ'ס בריוו.

ער האָט שוין מער ניט געשוועבט איבער'ן צימער, ער האָט שוין מער ניט געשפּאַסט מיט אַניסיאַ'ן, ער האָט זיך שוין מער ניט געררייצט מיט האָפנונגען אויף גליק: דאָס אַלץ האָט מען געדאַרפט אָפּלייגען אויף דריי מאָנאַטען; אָך, ניין! אין דריי מאָנאַטען ארום וועט ער ערשט קאָנען באַקענען זיך מיט זיין גוט, און וועגען דער חתונה...

„פריער ווי אין אַ יאָר ארום טאָר מען גאָרניט טראַכטען וועגען דער חתונה, — האָט ער דערשלאָגען ארויסגערעדט, — יאָ, יאָ, אין אַ יאָר ארום ערשט און ניט פריער!" דערצו דאַרף ער נאָך דערענדיגען זיין פּלאַן, ערשט דערנאָך... דערנאָך...

ער האָט אַ זיפץ געטאָן.

„לייען ערגעץ געלט!" האָט דורכגעבליצט דורך זיין קאָפּ, אָבער ער האָט גלייך אָפּגעשטויסען פון זיך אָט דעם געדאַנק.

„ווי אַזוי קאָן איך דאָס טאָן? און אויב די געשעפטען וועלען געהן שלעכט און איך וועל ניט האָבען אָפּצוגעבען, וועט מען דאָך אויף מיר אָנגעבען אין געריכט און דער נאָמען אָבלאָמאָוו, וואָס איז ביז איצט געווען אומבאַפלעקט, ריין..." זאָל גאָט מיך אָפּהיטען דערפון! דאַמאָלט וואָלט ער זיך שוין געדאַרפט געזעגענען מיט זיין רו, מיט זיין שטאָלץ... ניין, ניין! לייט, וואָס לייען, דרעהען זיך, מוזען ארבייטען אָן אַן אויפהער, שלאָפען ניט, פונקט ווי אַ טייוועל וואָלט געזעסען אין זיי! יאָ — אַ חוב איז אַ טייוועל, אַ ניט־גוטער, וואָס מען קאָן פון אים ניט פּטור ווערען מיט קיין אַנדער מיטעל, ווי מיט געלט.

פאראן חברה־לייט, וואס לעבען דאס גאנצע לעבען אפ אויף יענעמ'ס רעכענונג, כאפּען רעכטס און לינקס און עס ארט זיי ניט! ווי אזוי זיי קאנען רואיג איינשלאפען, רואיג עסען — איז אומפארשטענדליך! א חוב! און די פאלגען פון א חוב זיינען דאך — ארבייטען ווי א קאטארזשניק, אדער אנווערען די ערע.

פארזעצען אפשר אבלאמאווקע? אבער איז דען דאס ניט קיין חוב? האלט אין איין צאלען, יעדעס יאר צאל, אז עס וועט שוין ניט בלייבען מיט וואס צו לעבען.

אויף נאך א יאר איז דאס גליק אוועקגערוקט געווארען! אבלאמאוו האט פיינליך צוזיפצט זיך און אווארף געטאן זיך אויפ'ן בעט, אבער ער האט זיך באדענקט און אויפגעהויבען זיך. און וואס האט געזאגט אלגא? און זי גלויבט אין זיינע כוחות! און זי ווארט, אז ער וועט געהן פאראויס און וועט דערגעהן צו יענער הויך, וואו ער וועט איר אויסשטרעקען די האנט און וועט זי פירען נאך זיך, און וועט איר ווייזען איר וועג! יא, יא, אבער פון וואס הויבט מען אן?

ער האט געטראכט, געטראכט, דערנאך האט ער זיך מיט־אמאל א קלאפּ געטאן אין שטערען און איז אוועק אין דער באַ־לעבאסטע'ס דירה.

— אייער ברודער איז אין דער היים? — האט ער גע־פרעגט די באלעבאסטע.

— ער איז אין דער היים, אבער ער שלאפט שוין.

— וועט איר אזוי גוט זיין און אים בעטען מארגען אפּ־צוטרעטען ביי מיר, — האט אבלאמאוו געזאגט, — איך דארף אים זען.

.9

אויף דעם זעלבען אופן וואָס דאָס ערשטע מאָל, איז דער באַלעבאָסטע'ס ברודער איצט אריין אין צימער, ער האָט זיך פונקט אזוי פּאַרזיכטיג אוועקגעזעצט אויף א שטול, די הענט אריינגערוקט אין די ארבעל און געוואַרט, וואָס איליאַ איליטש וועט זאָגען.

— איך האָב געקראָגען א זער אומאַנגענעמען ענטפער אויף דער פולמאכט, וואָס איך האָב געשיקט צו מיינס א שכן, — האָט אָבלאָמאָוו געזאָגט. — זייט אזוי פריינדליך און לעזט עס דורך.

איוואַן מאַטוועיאיטש האָט גענומען דעם בריף און מיט די אויגען דורכגעלאָפען די שורות; דער בריף האָט געציטערט אין זיינע פינגער. ווען ער האָט געענדיגט, האָט ער דעם בריף אוועק־געלעגט אויפ'ן טיש און די הענט האָט ער באהאַלטען אויף דער פּלייצע.

— וואָס איז אייער מיינונג וועגען דעם? — האָט אָבלאָ־מאָוו אים געפרעגט.

— זיי ראַטען אייך אהין צו פאָרען, — האָט געזאָגט איוואַן מאַטוועיאיטש. — צוועלף הונדערט ווערסט איז ניט אזוי שרעקליך! אין א וואָך ארום וועט זיך איינשטעלען דער וועג, וועט איר פאָרען.

— אָבער איך בין אינגאנצען אָפּגעוועהנט פון צו פאָרען; איך בין זיך מודה, אז אזוי ווי איך בין אָפּגעוועהנט פון פאָרען און דערצו איז איצט ווינטער, וואָלט מיר שווער געווען, וואָלט זיך מיר זער ניט געוואָלט... דערצו איז אייגעם אליין אין דאָרף זער לאַנגווייליג.

— וויפיל פּויערים צאָלען איך שטייער? — האָט איוואַן מאַטוועיאיטש געפרעגט.

— איך... איך ווייס ניט: שוין לאַנג אין דאָרף ניט גע־וועז.

— דאָס דאַרף מען וויסען. אַן דעם קאָן מען ניט וויסען וויפיל איר דאַרפט קריגען פון דאָרף.

— געווים דאַרף מען, — האָט אָבלאָמאָוו נאָכגעזאָגט.

— דער שכן שרייבט אויך דאָס זעלבע, דאַרף זיך אונטעררוקען דער ווינטער.

— דאַכט זיך... עס דאַרף ערגעץ זיין ביי מיר... שטאָלץ האָט אַמאָל אַלץ פאַרשריבען, אָבער עס איז שווער צו געפינען: זאַכאַר האָט עס מסתמא ערגעץ־וואו פאַרשטעקט... איך וועל עס אייך שפּעטער ווייזען... דאַכט זיך, אַז דרייסיג רובל פון אַ משפּחה...

— וואָס פאַר אַ פּויערים זיינען אייערע? ווי לעבען זיי? — האָט איוואַן מאַטוועיאיטש געפרעגט. — זיינען זיי רייך, אָרעם?

—הערט זיך איין, — האָט אָבלאָמאָוו געזאָגט, צוגעהענדיג צו אים און אָננעמענדיג אים צוטרוילין פאַר די לאַצען פון זיין ראָק.

איוואַן מאַטוועיאיטש האָט אויף שנעל זיך אויפגעהויבען, אָבער אָבלאָמאָוו האָט אים צוריקגעזעצט אויף זיין שטול.

— הערט זיך איין, — האָט אָבלאָמאָוו ווידערהאָלט כמעט שעפּטשענדיג, — איך ווייס גאָרנישט וועגען דאָרף, איך ווייס ניט ווען מען זעעט, ווען מען שניידט, ווען מען פאַרקויפט, איך ווייס ניט וואָס איז האָבער און וואָס איז ווייץ; איך ווייס ניט צי איך בין רייך, אָדער אָרעם, צי איך וועל אין אַ יאָר אַרום זיין זאַט, אָדער הונגעריג — איך ווייס גאָרנישט ניט! — האָט ער מיט טרויער פאַרענדיגט, ארויסלאָזענדיג איוואַן מאַטוועי־איטש'עס לאַצען און מאַכענדיג אַ טריט אויף צוריק, —דער־פאַר דאַרפט איר רעדען און ראָטען מיר, ווי מען ראָט אַ קינד...

—וואָס הייסט? מען דאַרף וויסען, אַן דעם קאָן מען קיין

באלעבאטישקייט ניט פירען, — האט איוואן מאטוועיאיטש געזאגט מיט אן אונטערטעניק שמייכעל. און אויפשטעלענדיג זיך, האט ער איין האנט פארלייגט אויף הינטען און די צווייטע אונטער'ן בוזעם. — א גוטבאזיצער דארף קענען זיין גוט און וויסען ווי אומצוגעהן דערמיט... — האט ער ארויסגערעדט באלערענדיג.

— אבער איך וויים ניט. לערנט מיך אויס, אויב איר ווייסט ווי.

— איך אליין האב זיך מיט דעם געגענשטאנד ניט פארנומען. מען דארף זיך בעראטען מיט מענשען, וואס וויסען וועגען דעם. אט שרייבט מען אייך אין בריף, — האט איוואן מאטוועיאיטש ווייטער גערעדט, אנצייגענדיג מיט'ן נאגעל פון מיטעלסטען פינגער אויף א פלאץ אין בריף, — אז איר זאלט ווערען א ריכטער, א גרויסארטיגער פלאן! איר וואלט דארט געלעבט, געדינט אין געריכט און אין דער זעלבער צייט באקענט זיך מיט דער פארוואלטונג פון דארף.

— איך הויב ניט אן צו וויסען, וואס אזוינס איז א באצירקס געריכט, וואס מען טוט אין אים! — האט שארף, אבער מיט א שטילער שטימע ארויסגערעדט איליא איליטש, צוטרעטענדיג כמעט צו איוואן מאטוועיאיטש'עס נאז.

— איר וועט זיך צוגעוועהנען. איר האט דאך דא אין א דעפארטמענט געדינט: אומעטום איז די זעלבע ארבייט, בלויז א קליינע אונטערשיד אין דער פארם... ווען איר זאלט האבען א גוטען סעקרעטאר, וואס בלייבט אייך דאמאלט צו טאן? אונטערשרייבען בלויז. אויב איר ווייסט נאר ווי אין די דעפארטאמענטען ווערט די ארבייט געטאן...

— איך וויים ניט ווי די ארבייט ווערט געטאן אין די דעפארטאמענטען, — האט אבלאמאוו מאנאטאן געזאגט.

איוואן מאטוועאיטש האט געווארפען א בליק אויף אבלאמאוו'ן און געשוויגען.

— איר האט אפנים געהאלטען אין איין לעזען ביכער?—

האָט מיט דעם זעלבען אונטערטעניגען געלעכטערל באַמערקט דער באַלעבאָסטעס ברודער.

עס האָט אויסגעפעלט מוט און עס איז אויך ניט נויטיג געווען אַנטפּלעקען זיך פאַר אָט דעם באַאַמטען ביז דער טיפעניש פון דער נשמה.

„איך ווייס גאַרנישט וועגען ביכער", איז צוגעקומען צו זיין קעל, אָבער עס איז ניט אַרונטער פון צונג און עס איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ טיפען זיפץ.

— מען דאַרף זיך מיט עפּעס פאַרנעמען, — האָט רואיג צוגעלייגט איוואַן מאַטוועיאיטש, אַזוי ווי ער וואָלט דורכגעלעזען אין אָבלאָמאָוו'ס אויגען דעם ענטפער וועגען די ביכער, — עס איז זאָוממעגליך, אַז...

— עס איז מעגליך, איוואַן מאַטוועאיטש, און אָט האָט איר אַ לעבעדיגען ביישפּיל — מיך! ווער בין איך? וואָס בין איך אַזוינס? געהט און פרעגט ביי זאַכאַר'ן און ער וועט אייך זאָגען: „אַ פריץ!" יאָ, איך בין אַ פריץ און איך קאָן גאַרנישט ניט טאָן! טוט איר עס, אויב איר קאָנט, העלפט מיר, אויב איר ווייסט ווי, און פאַר אייער מי נעמט זיך וויפיל איר ווילט אליין... צוליב דעם איז דאָך די וויסענשאַפט.

ער האָט גענומען שפּאַנען איבער'ן צימער. איוואַן מאַטוועאיטש איז געשטאַנען אויף איין אָרט און אַלע ווייל̇ע האָט ער זיך אַ קער געטאָן מיט'ן גאַנצען קערפּער אין יענעם ווינקעל, וואו אָבלאָמאָוו איז אוועק. אַ ווייל̇ע האָבען זיי ביידע געשוויגען.

— וואו האָט איר זיך געלערענט? — האָט אָבלאָמאָוו געפרעגט, בלייבענדיג שטעהן פאַר אים.

— איך האָב אָנגעהויבען אין גימנאַזיום, אָבער דער פאָטער האָט מיך אַרויסגענומען פון זעקסטען קלאַס. וואָס איז ווערט אונזער גאַנץ וויסען? לעזען, שרייבען, אַ ביסעל רעכענען, דאָס אַלץ. אָבער איך האָב זיך איינגעאיבט אין מיין אַרבייט און איך שלאָג זיך ווי ניט איז דורך. ניט ווי

אבלאַמאָוו

איר: איר זייט דאָך דורכגעגאַנגען אמת'ע וויסענשאַפטען...

— אמת, — האָט אַבלאַמאָוו באַשטימט מיט אַ זיפץ.

— איך בין דורכגעגאַנגען העכערע אַלגעברע, פּאָליטישע עקאָ־נאָמיע, רעכט־וויסענשאַפט, אבער דאָך טויג איך ניט פאַר אַט דער אַרבייט. איך בין געקומען אין דאָרף אַריין, אַרומ־געקוקט זיך אַ ביסעל ווי עס פירט זיך ביי אונז אין הויז און אין גוט און אין אַרום אונז — אַבער דאָ האָט זיך אַלץ געפירט נאָך אַנדערע געזעצען. איך בין געקומען אַהער און געהאָפט מיט מיין פּאָליטישע עקאָנאָמיע דערשלאָגען זיך צו עפּעס... אַבער מען האָט מיר געזאָגט, אַז מיינע קענטשאַפטען וועלען מיר אפשר צוניץ קומען אויף דער על־טער, אַבער פריער פאַר אַלעם דאַרף איך קריגען אַ ראַנג, און צו דעם איז נויטיג בלויז איין קענטשאַפט — שרייבען פאַ־פּירען. איך האָב זיך ניט געטויגט דערפאַר און בין געוואָרען אַ פּריץ, אַבער איר האָט זיך יאָ אויסגעטויגט דערצו, זייט דערפאַר אַזוי גוט און זאָגט מיר וואָס זאָל איך טאָן אַצינד?

— יאָ, מען קאָן, — האָט איוואַן מאַטוועיאַיטש ענדליך אַרויסגערעדט.

אַבלאַמאָוו האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר אים און געוואַרט וואָס ער וועט זאָגען.

— יאָ, מען קאָן עס אָנפאַרטרויען אַ מענשען, וואָס וועט די זאַך און די פולמאַכט איבערמאַכען אויף זיין נאָ־מען, — האָט צוגעלייגט איוואַן מאַטוועאַיטש.

— אַבער וואו געפינט מען אַזאַ מענשען? — האָט אַבלאַמאָוו געפרעגט.

— פאַראַן ביי אונז אַ באַאַמטער, איסאַי פאָמיטש זאַטערטי. ער שטאַמעלט אַ ביסעל, אַבער זער אַ טעטיגער מענש. דריי יאָהר צייט איז ער געווען פאַרוואַלטער פון אַ גרויס דאָרף, און דער גוט־באַזיצער האָט אים אָפּגעזאָגט בלויז דערפאַר, וואָס ער שטאַמעלט אַ ביסעל. ער וועט אַנ־קומען צו אייך.

— קאָן מען זיך אויף אים פאַרלאָזען?

— די ערליכקייט אליין! איר האָט זיך ניט וואס צו באַאומריאיגען! ער וועט אַלץ טאָן כדי צופרידענצושטעלען זיין באַלעבאָס. שוין צוועלף יאָר ווי ער דינט ביי אונז.

— ווי אַזוי וועט ער קאָנען פאָרען, אויב ער דינט? — האָט נעפרעגט אַבלאָמאָוו.

— דאָס מאַכט ניט. ער וועט נעמען אורלויב אויף פיר חדשים. איר באַשליסט זיך נאָר, וועל איך אים שוין אַהער־ברענגען. ער וועט דאָך ניט פאָרען אומזיסט...

— נעווים ניט, — האָט אַבלאָמאָוו באַשטעטיגט.

— איר באַשטימט אים רייזע אויסגאַבען, טעגליכע הוצאות און אַ סומע אַלס באַלוינונג, וועל ער וועט ענדיגען די אַרבייט. ער וועט פאָרען!

— איך בין אייך זער דאַנקבאַר: איר האָט מיך באַ־פרייט פון אַ סך דאגות, — האָט אַבלאָמאָוו געזאָגט, דער־לאַנגענדיג אים די האַנט. — וואָס איז זיין נאָמען?

— איסאַי פאָמיטש זאַטערטי, — האָט געזאָגט איוואַן מאַטוועיאיטש, אַפווישענדיג אויף גיך די האַנט אין אַרבעל פון דער צווייטער האַנט, און, נעמענדיג אויף אַ רגע אַבלאָ־מאָוו׳ס האַנט, האָט ער גלייך זיינע באַהאַלטען אין אַרבעל אריין. — איך וועל מאָרגען איבעררעדען מיט אים און אים אַהער ברענגען.

— און זייט ביי מיר אויף מיטאָג, וועלען מיר אַלץ דורכרעדען. איך בין אייך זער, זער דאַנקבאַר! — האָט אַבעלאָמאָוו געזאָגט, באַגלייטענדיג איוואַן מאַטוועיאיטש׳ן צו דער טיר.

10.

און אין דעם זעלבען אָווענט זיינען איוואַן מאַטוועיאיטש און טאַראַנטיעוו געזעסען אין אַ צימער פון צווייטען שטאָק אין אַ צוויי שטאָקיג הויז, וואָס איין זייט פון אים איז אַרויסגעגאַנגען צו דער גאַס, וואו אַבלאָמאָוו האָט געוואוינט און די צווייטע צום ברעג.

דאָס איז געווען אַ מין קרעטשמע, וואו ביי דער טיר זיינען שטענדיג געשטאַנען אַ צוויי־דריי ליידיגע דראָשקעס און די קוטשערס זיינען געזעסען אין אונטערשטען שטאָק פון דער קרעטשמע מיט גלעזלעך אין די הענט. דער אויבער־שטער שטאָק איז געווען באַשטימט פאַר די „הערען" פון ווי־בורגער קוואַרטאַל.

פאַר איוואַן מאַטוועיאיטש'ען און טאַראַנטיעוו'ן איז גע־שטאַנען אַ פלאַש ראָם און טיי.

— אמת'ר יאַמייקער, — האָט איוואַן מאַטוועיאיטש געזאָגט, אָנגיסענדיג זיך מיט אַ ציטערדיגער האַנט ראָם אין גלאָז אריין, — זאָג זיך ניט אָפּ, ברודער, פון אַזאַ כיבוד.

— זיי זיך מודה, אז עס איז דאָ פאַר וואָס צו שטעלען ראָם, — האָט זיך טאַראַנטיעוו אָפּגערופען. — דאָס הויז וואָלט פאַרפוילט געוואָרען און אויף אַזאַ שכן וואָלט עס זיך אַלץ ניט דערוואַרט.

— אמת, אמת, — האָט אים איוואַן מאַטוועיאיטש איבערגעשלאָגען. — און אויב עס זאָל אונז געלינגען און זאַטעדטי זאָל פאָרען אין דאָרף אריין, וועט שוין זיין פאַר וואָס צו טרינקען!

— אָבער דו ביסט קאַרג, ברודער: מען דאַרף זיך מיט

דיר דינגען, — גיסט אין גאַנצען פופציג רובל פאַר אַזאַ שכן!

— איך האָב מורא, ער זאָגט אַלץ, אַז ער וועט זיך אַרויסקלייבען, — האָט איוואַן מאַטוועיאַיטש באַמערקט.

— דו וועסט נאָך דאַרפען לאַנג וואַרטען ביז ער וועט זיך אַרויסקלייבען! דו וועסט אים אפילו ניט קאָנען אַרויס־טרייבען!

— און דאָס וואָס ער האָט חתונה? מען זאָגט דאָך, אַז ער וועט אין גיכען חתונה האָבען!

— ער וועט חתונה האָבען? ווילסט זיך מיט מיר וועטען, אַז ער וועט ניט חתונה האָבען? — האָט טאַראַנ־טיעוו געענטפערט — ער קאָן דאָך אָן זאַכאַר'ן ניט געהן שלאָפען, וועט ער גאָר נעמען און חתונה האָבען! ביז איצט האָב איך אים אין אַלץ אַרויסגעהאָלפען, זיין וואָלטע־טער געווען: אָן מיר וואָלט ער שוין לאַנג פון הונגער גע־שטאָרבען, אָדער געזעסען אין א תפיסה. ווען דער נאַד־זיראַטעל קומט, ווען דער באַלעבאָס פון הויז וויל עפעס פון אים געוואָר ווערען, קאָן ער דאָך קיין מויל ניט עפענען — אַלץ איך! ער האָט גאָר קיין קאָפּ ניט אויף זיך...

— זער אַן אָריגינעלער מענש: וואָס עס טוט זיך אין באַצירקס געריכט, ווייס ער ניט, וואָס עס קומט פאַר אין דעפּאַרטאַמענט, ווייס ער אויך ניט; וואָס פאַר א פויערים האָט ער — געדענקט ער ניט. וואס פאַר א קאָפּ דאָס האָט! איך האָב זיך שיער ניט צולאַכט! — האָט געזאָגט איוואַן מאַטוועיאַיטש.

— און וואָס פאַר א קאָנטראַקט האָט מען דאָס מיט אים געמאַכט! — האָט טאַראַנטיעוו זיך איבערגענומען. — א קינסטלער ביסטו, איוואַן מאַטוועיאַיטש אויף צו שרייבען קאָנטראַקטען, ערען וואָרט א קינסטלער! אַמאָל האָב איך אויך געקאָנט, אָבער שוין ניט איצט. אונטערגעשריבען ניט געלעזענערהייט! און אין קאָנטראַקט זיינען פאַראַן סטרער, פערד — שטאַלען און שייערם!

אבלאמאוו

— אזוי לאנג ווי אין רוסלאנד וועלען זיין נאראנים, וואס וועלען אונטערשרייבען קאנטראקטען ניט געלעזענער־הייט, וועט זיך אונזער א ברודער נאך קאנען ווי־ניט־איז דורכשלאגען. ווארים אזוי, איז זער שלעכט געווארען! וואס האב איך אפגעשפארט נאך פינף און צוואנציג יאר דינען? מען קאן נאך דורכלעבען די יארען אויף וויבורגער קווארטאל, ווען מען זאל ניט ארויסווייזען די נאז אויף גאטס וועלט. עס זיינען שוין אוועק די צייטען, ווען מען האט געקאנט חתונה האבען מיט א רייך מיידעל, האבען א הויז מיט טעפיכער, אויסגעבען גוט די קינדער! און דו זעסט שוין ניט אויס ווי מען דארף, און די פינגער זיינען רויט, דאס אלץ איז פון דעם וואס דו טרינקסט שנאפס, און ווי זאל מען קיין שנאפס ניט טרינקען? פרואוו נאר ניט טרינקען! אונזער לעבען איז אצינד ערגער ווי פון א לאקיי: א לאקיי וועט איצטיגע צייטען ניט אנטאן אזוינע שטיוועל, און א העמד בייט ער אלע טאג. און אין אלץ זיינען שולדיג די נייע: ברעכען זיך, לעזען ביכער, רעדען פראנצויזיש....

— אבער קיין ארבייט קאנען זיי ניט טאן, — האט טאראנטיעוו זיך אפגערופען.

— ניין, פארקערט, זיי ווייסען יא, וואס זיי ווילען. איצט איז שוין אן אנדערע צייט, מען זוכט וואס פשוט'ער, וואס מער זיך איינצוברענגען.

— אבער דער קאנטראקט איז דאך שוין אונטערגע־שריבען! — האט געזאגט אבלאמאוו.

— יא, ברודער, און לאמיר טאקע אויסטרינקען! איצט וועט זאטערטי אויסזויגען א ביסעל אין אבלאמאווקע. אבער איך האב אלץ מורא, אז ער זאל ניט חתונה האבען.

— איך זאג דאך דיר, אז דו האסט ניט וואס מורא צו האבען. געדענק מיין ווארט.

— ווירקליך? — האט איוואן מאטוועיאיטש פרעהליך

געענטפערט. — און ער ווארפט דאך אויגען אויף מיין שוועסטער... — האט ער פליסטערענדיג צוגעלייגט.

— מיינסט עס אויף אן אמת? — האט טאראנטיעוו געפרעגט אן ערשטוניטער.

— האלט נאר ס'מויל! ערעןווארט, אז עס איז אזוי...

— דאס, ברודער, — האט טאראנטיעוו א פארוואונ־דערטער ארויסגערעדט, ווען ער איז געקומען צו זיך פון דער איבערראשונג, — מיר וואלט דאס קיינמאל אויפ'ן זינען ניט געקומען! נו, און זי?

— וואס זי? דו קענסט דאך איר.

ער האט א זעץ געטאן מיט דער פויסט אן טיש.

—וויים זי דען ווי צו פארטיידיגען אירע אינטערעסען? א בהמה, אן אמת'ע בהמה: שלאג איר, נעם איר ארום, זי וויים נאר איינס... שמייכעלט... א צווייטע אויף איר ארט וואלט שוין... אבער איך וועל קיין אויג ניט ארונטערלאזען, דו פארשטעהסט דאך, מיט וואס דאס שמעקט!

11.

„פיר חדשים! נאָך פיר חדשים פון זען זיך אין געהיים, פון פאַרדעכטיגע פּנים׳ער, שמייכלען! — האָט אַבלאַמאָוו גע־טראַכט, געהענדיג אויף די טרעפּען צו די איליִנסקים. — גאָט מיינער, ווען וועט עס זיך שוין ענדיגען? און אָלגא וועט אײַלען: היינט, מאָרגען. עס איז אוממעגליך זי איבערציי־גען, זי איז איינגעשפּאַרט...״

אַבלאָמאָוו איז שוין כמעט צוגעקומען צו אָלגאַ׳ס צי־מער און ער האָט נאָך קיינעם ניט באַגעגענט. אָלגא איז גע־זעסען אין איר קליינעם זאַל, וואָס איז געווען פאַר איר שלאָפ־צימער און איז געווען פאַרטיפט אין לעזען עפּעס א בוך.

ער האָט זיך מיטאַמאָל באַוויזען פאַר איר, אַז זי האָט אַזש אויפגעציטערט, דערנאָך האָט זי פריינדליך, מיט א שמיי־כעל דערלאַנגט אים די האַנט, אָבער די אויגען האָבען נאָך אַזוי ווי דערענדיגט לעזען דאָס בוך: זי האָט אויסגעזען זער צוטראָגען.

— דו ביזט אַליין?

— יאָ, די טאַנטע איז אַוועקגעפאָרען אין צאַרסקאָיע סיעלאָ. זי האָט געוואָלט, אַז איך זאָל מיטפאָרען. מיר וועלען מיטאָגען כמעט אַליין: בלויז מאַריא סעמיאָנאָוונא וועט צו־קומען; אַז ניט, וואָלט איך דיך ניט געקאָנט היינט אויפ־נעמען. דו וועסט היינט ניט קאָנען רעדען מיט דער טאַנטע. אַך, ווי טרויעריג איז דאָס! דערפאַר אָבער מאָרגען... — האָט זי צוגעלייגט און א שמייכעל געטאָן. — וואָס וואָלסטו געזאָגט, ווען איך וואָלט היינט מיטגעפאָרען מיט דער טאַנטע?

— האָט זי געפרעגט, וויצלענדיג זיך.

ער האט געשוויגן.

— דו ביסט פארזארגט?

— איך האב היינט באקומען א בריף פון דארף, — האט ער איינטאניג ארויסגערעדט.

— וואו איז דער בריף? האסט אים מיט זיך?

ער האט איר דערלאנגט דעם בריף.

— איך וועל זיך דא ניט קאנען פאנאנדערקלייבן, — האט זי געזאגט, — א קוק טוענדיג אויף דער האנטשריפט.

ער האט גענומען דעם בריף און אים פארגעלעזן איר אויפ׳ן קול. זי האט זיך פארטראכט.

— וואס בלייבט איצט צו טאן? — האט זי געפרעגט, שווייגענדיג א ווילע.

— איך האב זיך היינט בעראטען מיט דער באלעבאס־טעס ברודער, — האט אבלאמאוו געענטפערט, — און ער האט מיר רעקאמענדירט א באפולמעכטיגטען, איסאי פאמיטש זא־טערטי, איך וועל אים איבערגעבען, אז ער זאל דאס אלץ ברענ־גען אין ארדנונג.

— א פרעמדען, אומבאקאנטען מענשען! — האט אל־גא זיך אנגערופען אן ערשטוינטע. — צוזאמענצונעמען שטיי־ערען, אכטונג געבען ביים פארקויפען די תבואה!...

— ער זאגט, אז דאס איז די ערליכקייט אליין, אז שוין צוועלף יאר דינגט ער מיט אים צוזאמען... בלויז וואס ער שטמעלט אביסעל...

— און וואס איז פאר א מענש דער באלעבאסטעס ברו־דער? דו קאנסט אים?

— ניין; אבער ער מאכט דעם איינדרוק פון א מענ־שען א טעטיגען און אויף וועלכען מען קאן זיך פארלא־זען, און אויסער דעם וואוין איך דאך ביי אים אין הויז, וועט ער זיך שעמען מיך אפצונארען!

זי איז געזעסען און געשוויגען, האלטענדיג די אויגען ארונטערגעלאזען.

— אז ניט וועט דאך מיר אויסקומען צופארען, — האט

אבלאמאוו

אבלאמאוו געזאגט, — און איך בין זיך מודה, אז איך וואלט עס ניט וועלען. איך בין ניט צוגעוועהנט צו שלעפען זיך איבער וועגען, און באזונדערס נאך ווינטער... איך בין בכלל קיינמאל ניט געפארען.

זי האט אלץ געהאלטען די אויגען ארונטערגעלאזען און באוועגט מיט דער נאז פון איר שוך.

— און ווען איך זאל אפילו פארען, — האט אבלאמאוו ווייטער גערעדט, — וועט סיי־ווי־סיי גארנישט ניט ארויסקומען דערפון, ווייל איך וועל זיך ניט קאנען פאנאנדערקלייבען אין די אלע זאכען. די פויערים וועלען מיך נארען, דער סטאראסטא וועט זאגען וואס אים וועט נאר איינפאלען — און איך וועל מוזען אלץ גלויבען, ער וועט געבען געלט וויפיל אים וועט זיך נאר וועלען. אך, ווען אנדרעי וואלט דא געוועזען, וואלט ער אלץ באזארגט, — האט ער א טרויעריגער פארענדיגט.

אלגא האט א שמייכעל געטאן, אייגענטליך האבען בלויז אירע ליפען א שמייכעל געטאן און ניט איר הארץ: אויפ'ן הארצען איז איר געוועזן זער ביטער. זי האט גענומען ארויסקוקען פון פענסטער, פארמאכענדיג אויף העלפט איין אויג און נאכקוקענדיג יעדען פארבייפארענדיגען קארעט.

— און מיין באפולמעכטיגער איז שוין געוועזן א פארוואלטער פון א גרויס גוט, — האט ער ווייטער גערעדט, — אבער דער גוטבאזיצער האט אים אוועקגעשיקט בלויז דערפאר, וואס ער שטאמעלט. איך האב אים געגעבען א פולמאכט, איבערגעגעבען מיינע פלענער: ער וועט איינקויפען אלע נויטיגע מאטעריאלען פאר'ן בויען פון הויז, ער וועט צוזאמענגעמען די שטייערען, פארקויפען די תבואה, ברענגען געלט, און דאמאלט... א, ווי איך בין צופרידען מיין ליבע אלגא, — האט ער געזאגט, קושענדיג איר האנט, — וואס איך דארף דיך ניט פארלאזען! איך וואלט ניט איבערגעטראגען צו זיין ווייט פון דיר! צו זיין איינער אליין אין א דארף איז דאך א שרעק! אבער איצט דארפען מיר זיין זער פארזיכטיג!

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אַ פּאָר גרויסע אויגען און געוואַרט.

— יאָ, — האָט ער אָנגעהויבען רעדען לאַנגזאַם, כּמעט שטאַמלענדיג, — מיר דאַרפען זיך זען, וואָס זעלטענער. נעכטען האָט מען שוין וועגען אונז גערעדט אפילו ביי דער באַלעבאַסטע מיינער... און איך וויל עס ניט... ווי נאָר אַלץ וועט איינגעאָרדענט ווערען, דער באַפולמעכטיגטער וועט באַזאָרגען דאָס בויען פון הויז און וועט ברענגען געלט... דאָס אַלץ וועט מער ניט נעמען ווי אַ יאָר צייט... דאַמאָלט וועלען מיר מער זיך ניט צושיידען, וועלען זאָגען דער טאַנטע, און... און...

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף אָלגאַ'ן: זי איז געפאַלען אין אוממאַכט. איר קאָפּ איז געווען אַרונטערגעלאָזען אויף אַ זייט, און פון די אַרונטערגעהאַנגענע ליפּען האָבען זיך ארויסגעזען ציין. אין איבערפלוס פון פרייד און פאַנטאַזיעס, האָט ער ניט באַמערקט, אַז ביי די ווערטער „ווען אַלץ וועט איינגעאָרדענט ווערען", איז אָלגאַ בלייך געוואָרען און האָט שוין ניט געהערט דעם סוף פון דער פראַזע.

— אָלגאַ!... גאָט מיינער, זי איז געפאַלען אין חלשות!

— האָט ער געזאָגט און אַ צי געטאָן דאָס גלעקעל.

— די פרייליין פילט זיך שלעכט, — האָט ער געזאָגט צו דער אריינלויפנדיגער קאַטיאַ. — ברענג וואַסער, גיכער!... שפּירט...

— גאָט מיינער! אַ גאַנצען פרי־מאָרגען איז די פרייליין געווען אַזאַ פרעהליכע... וואָס האָט מיט איר פּאַסירט? — האָט געמורמעלט קאַטיאַ, ברענגענדיג פון דער טאַנטעס טיש דעם שפּירט און אַ גלאָז וואַסער.

אָלגאַ האָט אויפגעעפענט די אויגען, מיט דער הילף פון קאַטיאַן און אַבלאָמאָוו'ן איז זי אויפגעשטאַנען פון דער שטול און וואַקלענדיג איז זי אוועק צו זיך אין שלאָפצימער.

— עס וועט איבערגעהן, — האָט זי מיט אַ שוואַכער שטימע ארויסגערעדט, — שוואַכע נערווען... איך בין שלעכט

געשלאָפען די נאַכט. קאַטיא פאַרמאַך די טיר, און איר וואָרט צו, איך וועל באַלד ארוים צו אייך.

אָבלאָמאָוו איז געבליבען אליין, ער האָט צוגעלייגט דעם אויער צו דער טיר, אריינגעקוקט דורכ'ן לאָך פון שליסעל, אָבער ער האָט גאָרנישט ניט געזען, גאָרנישט ניט געהערט.

אין א האַלבער שעה ארום האָט ער געפרעגט קאַטיא'ן:

— וואָס מאַכט די פריילין?

— ווי פריער, — האָט געזאָגט קאַטיא, — זי האָט זיך געלייגט און מיך ארויסגעשיקט; שפּעטער בין איך נאָכ־אמאָל אריינגעגאַנגען, האָב איך זי געטראָפען זיצען אין א שטול.

אָבלאָמאָוו איז ווידער אריינגעגאַנגען אין זאַל אריין, ווידער געקוקט אין דער שפּאַלט פון דער טיר — מען הערט קיין שום זאַך ניט.

ער האָט קוים־קוים אָנגעקלאַפּט אין דער טיר — קיין ענטפער.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און פאַרטראַכט זיך. א סך זאַכען האָט ער איבערגעטראַכט אין די דאָזיגע אַנדערהאַלבען שטונדען, נייע באַשלוסען האָט ער אָנגענומען, אויף א סך זאַכען האָט ער גענומען איצט אַנדערש קוקען. ענד־ליך האָט ער באַשלאָסען, אז ער וועט אליין מיטפאָרען מיט'ן באַפולמעכטיגען אין דאָרף אריין, אָבער פריער פון אַלץ וועט ער בעטען די צושטימונג פון דער טאַנטע, וועט חתונה האָ־בען מיט אָלגאַ'ן, וועט בעטען איוואַן געראַסימאָוויטש'ן גע־פינען פאַר זיי א דירה און וועט אפילו לייען געלט... א קליין ביסעל, וויפיל עס איז נויטיג אויף א חתונה.

דעם דאָזיגען חוב וועט ער באַצאָלען מיט דעם געלט, וואָס ער וועט קריגען פון פאַרקויפען די תבואה. טאָ צו וואָס האָט ער געדאַרפט אזוי אָפּהענגיג ווערען? אָ, גאָט מיינער! ווי אַלץ קען זיך בייטען אין איין רגע! און דאָרט, אין דאָרף, וועט ער מיט דעם באַפולמעכטיגטען זיך שוין א עצה געבען. און אז ער וויל, קאָן ער דאָך שרייבען שטאָלץ'ן וועט ער אים

אויסליינגען געלט און דערנאָך וועט ער קומען און אים איינ־
אָרדנען אַבלאָמאָווקע, אויפ'ן בעסטען אופן. ער וועט דורכ־
פיהרען וועגען, וועט אויפשטעלען בריקען, איינפירען שולען...
און ער מיט אָלגאַ'ן!... אַט דאָס איז דאָך דאָס גליק! ווי
אזוי איז דאָס אלץ אים פריער ניט געקומען אויפ'ן זינען!

מיטאמאָל איז אים געוואָרען לייכט, פרעהליך; ער האָט
גענומען שפאַנען פון ווינקעל צו ווינקעל און צוקנאַקען מיט די
פינגער; ער האָט שיער ניט אויסגעשריען פאַר פרייד און
איז צוגעגאַנגען צו אָלגאַ'ס טיר און זי אַ רוף געטאָן מיט אַ
פרעהליכער שטימע.

— אָלגאַ, אָלגאַ! איך געה אייך עפּעס זאָגען, — האָט
ער ארויסגערעדט, צולייגענדיג די ליפען צו דער טיר, — וואָס
איר האָט קיינמאָל ניט ערוואַרט!

ער האָט געהאַט באַשלאָסען ניט אוועקצופאָרען פון איר
היינט איידער ער וועט האָבען דורכגערעדט מיט דער טאַנ־
טע. „אוועקפאָרען פון דאַנען וועל איך שוין אלס חתן."

עס האָט זיך געעפענט די טיר און אָלגאַ האָט זיך באַ־
וויזען: ער האָט אַ קוק געטאָן און פאַרלאָרען דעם מוט;
זיין פרייד איז אזוי ווי אין וואַסער אריין: אָלגאַ איז מיט־
אמאָל עלטער געוואָרען. זי איז בלייך, נאָר די אויגען גלאַנ־
צען, אין די צוגעשלאָסענע ליפען, אין איר יעדען שטריך
ליגט פאַרבאָרגען אַן אינערליך אָנגעשטרענגט לעבען, וואָס איז
געווען געשמידט, ווי מיט אייז, פון אַ געמאַכטער רו און אומ־
באַוועגליכקייט.

אין איר בליק האָט ער דורכגעלעזען אַן ענטשלוס, אָבער
וועלכען — האָט ער ניט געוואוסט. אָבער דאָס הארץ האָט
אין אים אַזאַ קלאַפּ געטאָן, ווי עס האָט נאָך קיינמאָל ניט גע־
קלאַפּט. אַזוינע מאָמענטען האָט ער נאָך ניט געהאַט אין זיין
לעבען.

— הער זיך איין, אָלגאַ, קוק ניט אויף מיר אזוי, מיר
ווערט שרעקליך! — האָט ער געזאָגט. — איך האָב איבער־
געטראַכט און בעקומען צום באַשלוס, אז מען דאַרף די זאַך

אין גאנצען אנדערש איינאָרדנען... — האָט ער ווייטער גע־רעדט; ביסלעכווייז איז זיין קול געוואָרען שטילער, ער האָט זיך אַלע ווײַלע אָפּגעשטעלט און געוואָלט אַריינדרינ־גען אין דעם געדאַנק פון אירע אויגען, ליפּען און רעדענדיגע ברעמען, וואָס איז געווען אין גאַנצען ניי פאַר אים. — איך האָב באַשלאָסען מיטצופאָרען מיט'ן באַפולמעכטיגטען אין דאָרף אריין... כדי דאָרט... — און שעפּטשענדיג האָט ער איר דערזאָגט.

זי האָט געשוויגען און געקוקט אויף אים אָנגעשטרענגט.

ניט זיכער, אומקלאָר, אָבער ער האָט זיך פאָרט פאָרגע־שטעלט, וואָס פאַר אַ אורטייל עס ערוואַרט אים, און ער האָט גענומען דעם הוט, אָבער ער האָט זיך אַלץ אָפּגעהאַלטען צופרעגען: אים האָט געשראָקען צו הערען איר אורטייל, גע־גען וועלכען מען האָט שוין אפשר ניט געקאָנט אַפּעלירען. ענדליך האָט ער געקראָגען מוט.

— האָב איך דיך ריכטיג פאַרשטאַנען?... — האָט ער געפרעגט מיט אַ פאַרענדערטער שטימע.

זי האָט פאַמעליך און מילד איינגעבויגען דעם קאָפּ אין צייכען פון איינשטימיגקייט. כאָטש ער האָט שוין פריער געהאַט פאַרשטאַנען איר מיין, אָבער דאָך איז ער בלייך גע־וואָרען און ניט גערירט זיך פון אָרט.

זי איז געווען אביסעל פאַרמאַטערט, אָבער זי האָט אויס־געזען אזוי רואיג און אומבאַוועגליך, ווי זי וואָלט געווען אַ שטיינערנע סטאַטוע. דאָס איז געווען יענע איבערנאַטירליכע רו, וואָס דאָס באַליידיגטע געפיל גיט מיטאַמאָל דעם מענ־שען, אז ער זאָל האָבען כוח, איינצוהאַלטען זיך, אָבער דאָס איז בלויז אויף איין רגע. זי האָט אויסגעזען ווי אַ פאַר־וואונדעטער, וואָס האָט איינגעהאַלטען די וואונד מיט דער האַנט, כדי צו זאָגען, וואָס ער דאַרף און דערנאָך שטאַר־בען.

— דו ועסט מיך ניט פיינט קריגען? — האָט ער גע־פרעגט.

— פאַר וואָס? — האָט זי שוואַך אַרויסגערעדט.
— פאַר אַלץ, וואָס איך האָב געטאָן מיט דיר...
— וואָס האָסטו געטאָן?
— איך האָב דיך ליב געהאַט: דאָס איז אַ באַליידי־גונג!

זי האָט מיט רחמנות אַ שמייכעל געטאָן.

— פאַר דאָס, — האָט ער גערעדט מיט אַן אַרונטערגע־לאָזענעם קאָפּ, — וואָס דו האָסט געהאַט אַ טעות... עס איז מעגליך, אַז דו וועסט מיר מוחל זיין, ווען דו וועסט זיך דערמאָנען, אַז איך האָב דיך געוואָרענט, אַז וועסט זיך שע־מען אויפהויבען די אויגען, ווען דו וועסט אָנהויבען חרטה צו קריגען...

— איך האָב ניט קיין חרטה. אָבער מיר טוט עס אַזוי וועה, אַזוי וועה... — האָט זי געזאָגט און אָפּגעשטעלט זיך, כדי צו כאַפּען דעם אָטעם. — איך ווער איצט באַשטראָפט פאַר מיין שטאָלץ, — האָט זי געזאָגט, — איך האָב זיך שוין צופיל פאַרלאָזען אויף מיינע כחות, און דאָס איז געווען מיין טעות, און ניט דאָס פאַר וואָס דו האָסט מורא גע־האַט. איך האָב גע׳חלום׳ט, אַז איך וועל דיך אויפלעבען, אַז דו קאָנסט נאָך לעבען פאַר מיר, — אָבער דו ביסט שוין פון לאַנג אַ מת. איך האָב ניט פאָראויסגעזען מיין טעות, איך האָב אַלץ געהאָפט, געוואַרט... און אָט האָב איך עס!... — האָט זי מיט אַ זיפץ פאַרענדיגט.

זי איז אַנטשוויגען געוואָרען און דערנאָך האָט זי זיך אַוועקגעזעצט.

— איך קאָן ניט שטעהן: עס ציטערען מיר די פיס. אַ שטיין וואָלט לעבעדיג געוואָרען דערפון, וואָס איך האָב גע־טאָן, — האָט זי ווייטער גערעדט מיט אַ פאַרמאַטערטער שטימע. — איצט וועל איך שוין מער קיין זאַך ניט טאָן, איך וועל אפילו אין זומער־גאָרטען ניט געהן: עס וועט שוין קיין זאַך ניט העלפען: דו ביסט טויט! ביסט איינפאַר־שטאַנען מיט מיר, איליאַ? — האָט זי צוגעלייגט, נאָך דעם

אבלאמאוו

ווי זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן. — וועסטו מיר קיינמאָל ניט פאָרוואָרפן, אַז איך בין זיך מיט דיר צוגאַנגען צוליב קאַפּריז, אָדער צוליב מײַן שטאָלץ?

ער האָט אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ אויף ניין.

— ביסטו זיכער, אַז אונדז איז גאָרנישט ניט געבליבן, קיין שום האָפענונג ניט?

— יאָ, — האָט ער געזאָגט, — דאָס איז אַן אמת... אָבער, עס איז מעגליך... — האָט ער אומאָנטשלאָסן אַ ווײַלע שפּעטער צוגעלייגט — אין אַ יאָר אַרום...

ער האָט ניט געהאַט גענוג מוט אײַן זיך צו דערלאַנגען אַ טויט קלאַפּ זײַן גליק.

— מיינסטו אויף אַן אמת, אַז אין אַ יאָר אַרום וועט דיר געלינגען אײַנצואָרדנען דײַן לעבן און דײַנע געשעפטן? — האָט זי געפרעגט. — טראַכט עס נאָכאַמאָל איבער!

ער האָט אַ זיפץ געטאָן און פאַרטראַכט זיך, ער האָט געקעמפט מיט זיך. זי האָט אויף זײַן פּנים דורכגעלעזן דעם דאָזיגן קאַמף.

— הער זיך אײַן, — האָט זי געזאָגט, — איך האָב איצט אַ לאַנגע צײַט געקוקט אויף מײַן מוטער'ס פּאָרטרעט, און מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב פון אירע אויגן אַרויסגעלעזן אַן עצה און אָנגעשעפּט זיך מיט כוחות... אויב דו וועסט איצט ווי אַן ערליכער מענש... געדענק, איליא, מיר זײַנען שוין ניט קיין קינדער און מיר שפּאַסן איצט ניט: עס איז אַ פראַגע וועגן אונזער לעבן! פרעג זיך ערנסט אין בײַ דײַן געוויסן און זאָג מיר — איך וועל דיר גלויבן, איך קען דיך. ענטפער מיר: וועסטו זײַן פאַר מיר דאָס, אין וואָס איך נויטיג זיך? דו קאָנסט מיך, פאָלגליך, פאַרשטעהסטו, וואָס איך וויל זאָגן. אויב דו וועסט אָפן און איבערגעטראַכטערהייט זאָגן י אָ, נעם איך צוריק מײַן באַשלוס. אָט האָסטו מײַן האַנט און איך וועל געהן מיט דיר וואו דו וועסט נאָר וועלן, אין דאָרף אַרײַן, קיין אויסלאַנד, אפילו אין וויבורגער קוואַרטאַל!

ער האט געשוויגען.

— ווען דו וואלסט וויסען, ווי איך האב דיך ליב...

— איך ווארט איצט ניט אויף קיין ליבעס־ערקלערונגען, נאר אויף א קורצען ענטפער, — האט זי אים כמעט טרוקען איבערגעשלאגען.

— מאטער מיך ניט, אלגא! — האט זיך אבלאמאוו ביי איר געבעטען א טרויעריגער.

— זאג, איליא, בין איך גערעכט צי ניט?

— יא, — האט ער ארויסגערעדט קלאר און אנטשלא־סען, — דו ביזט גערעכט.

— איז שוין צייט, אז מיר זאלען זיך פאנאנדערגעהן, — האט זי באשלאסען, — איידער מען האט דיך דא געטראפען און געזעהן ווי איך בין צוטראגען.

ער איז אלץ ניט געגאנגען.

— און אויב דו וואלסט אפילו חתונה געהאט, וואס וואלט געווען שפעטער? — האט זי געפרעגט.

ער האט געשוויגען.

— דו וואלסט וואס א טאג אלץ טיפער פארזונקען געווא־רען אין דיין שלאף — ניט אמת אפשר? און איך? דו זעסט דאך וואס פאר א מענש איך בין? איך וועל קיינמאל ניט אלט ווערען, איך וועל קיינמאל ניט אויפהערן צו לעבען. און מיט דיר וואלט מיר אויסגעקומען צו לעבען אן אומעטיג לעבען. פון איין יום טוב ווארטען אויפ'ן צווייטען, פארען צו גאסט, טאנצען און ניט טראכטען וועגען קיין שום זאך; מיר וואל־טען זיך געלייגט שלאפען און געדאנקט גאט, וואס דער טאג איז אזוי גיך אריבער, און אויפגעהויבען וואלטען מיר זיך מיט דער האפנונג, אז דער היינט זאל זיין ענליך אויפ'ן נעכטען... דאס איז דאך אונזער צוקונפט... אמת? איז דען דאס — לע־בען? איך וועל איינגעטרוקענט ווערען, איך וועל שטארבען... און וועסטו דען זיין גליקליך?

ער האט פיינליך איבערגעפירט די אויגען איבער'ן באלקען, ער האט געוואלט אויפהויבען זיך פון זיין ארט, אנטלויפען,

אָבער די פּיס האָבען ניט געפאָלגט. ער האָט עפּעס געוואָלט זאָגען, איז אָבער אין מויל אים געווען טרוקען, דער צונג האָט זיך ניט באַוואויגען, קיין קול איז פון דער ברוסט ניט אַרויס־געגאַנגען. ער האָט איר אויסגעצויגען די האַנט.

— הייסט דאָס... — האָט ער אָנגעהויבען מיט אַ דער־שלאָגענער שטימע, אָבער ער האָט ניט דערענדיגט און בלויז מיט'ן בליק האָט ער דערזאָגט: „זיי געזונט!"

אויך זי האָט געוואָלט עפּעס זאָגען, נאָר זי האָט גאָרנישט ניט געזאָגט, זי האָט אויסגעצויגען איר האַנט צו אים, אָבער איר האַנט איז אַרונטערגעפאַלען, ניט אָנרירענדיג זיינע. זי האָט אויך געוואָלט זאָגען: „זיי געזונט", נאָר איר קול האָט זיך אין מיטען פון וואָרט איבערגעריסען, האָט אָנגענומען אַ פאַלשען קלאַנג. איר פּנים האָט אָנגעהויבען צו צוקען, זי האָט איר האַנט און קאָפּ אַוועקגעלייגט אויף זיין פּלייצע און צוויאָ־מערט זיך. דאָס געווער איז אַזוי ווי אַרויסגעפאַלען פון אירע הענט. עס איז פאַרשוואָונדען געוואָרען די חכמה און עס האָט זיך באַוויזען די אומבאַשיצטע פרוי.

— זיי געזונט, זיי געזונט... — האָט זיך יאָמערענדיג אַרויסגעריסען פון איר האַרץ.

ער האָט געשוויגען און אַ דערשראָקענער זיך איינגעהערט צו אירע טרערען, ניט וואַגענדיג צו שטערען איר. ער האָט ניט געפילט קיין רחמנות צו איר, ניט צו זיך. ער האָט אין גאַנצען געמאַכט אַ קלעגליכען איינדרוק. זי האָט זיך אַרונטער־געלאָזען אין שטול אַריין און אָנשפּאַרענדיג זיך אָן טיש, האָט זי ביטער געוויינט. די טרערען האָבען ניט געפלאָסען, ווי אַ הייסער שטראָם, וואָס רייסט זיך מיטאַמאָל אַרויס אַ דאַנק אַ פּלוצליכען און צייטווייליגען וועהטאָג, ווי דאַמאָלט אין פּאַרק, נאָר זיי האָבען זיך געגאָסען ווי אַ טרויעריגער קאַלטער הערבסט־רעגען.

— אָלגאַ, — האָט ער ענדליך אַרויסגערעדט, — וואָרום פּייניגסטו זיך? דו האָסט מיך ליב, דו וועסט ניט קאָנען אײ־

בערטראָגען, אַז מיר זאָלען זיין צושיידט. נעם מיך אַזוי ווי איך בין, האָב ליב דאָס גוטע אין מיר.

ניט אויפהויבענדיג דעם קאָפּ, האָט זי אים געשאָקעלט אויף ניין.

— ניין... ניין... — האָט זי זיך געמיט שפּעטער אַרויס־רעדען, — פּאַר מיר און פּאַר מיינע ליידען האָסטו ניט וואָס צו זאָרגען. איך קען זיך גוט: איך וועל מיין אומגליק אויס־וויינען און מער וועל איך שוין ניט וויינען. אָבער איצט שטער מיר ניט צו וויינען... געה אַוועק... אַך, ניין, וואַרט צו אַ ווײַלע!... דאָס שטראָפט מיך גאָט!... מיר טוט וועה, אוי, ווי מיר טוט וועה... אָט דאָ, דאָ, ביים האַרצען...

זי האָט ווידער גענומען שלוכצען.

— און אויב דער וועהטאָג וועט ניט פאַרגעהן, — האָט ער געזאָגט, — און דיין געזונט וועט שוואַכער ווערען? אַזוינע טרערען זיינען גיפטיג. אָלגאַ, מלאך מיינער, וויין ניט... פאַרגעס אָן דעם אַלעם...

— שטער מיר ניט, לאָז מיך וויינען! איך וויין ניט אויף דער צוקונפט, איך וויין אויף דער פאַרגאַנגענהייט... — האָט זי מיט די לעצטע כוחות אַרויסגערעדט, — עס איז אַוועק, עס איז פאַרוועלקט געוואָרען... ניט איך וויין דאָס, דאָס ווייַ־נען די עררינערונגען! דער זומער... דער פּאַרק... דו געַ־דענקסט זיי? מיר טוט וועה דאָס האַרץ אויף אונזער אַליי, אויף אונזער בעז... דאָס אַלץ איז צוגעוואַקסען געוואָרען צום האַרצען און עס טוט וועה עס אָפּצורייסען!...

און אַ פאַרצווייפעלטע האָט זי געשאָקעלט דעם קאָפּ און געיאָמערט און ווידערהאָלט:

— אָ, ווי דאָס איז פּיינליך, פּיינליך!

— דו קאָנסט דאָך נאָך שטאַרבען! — האָט ער מיט־אַמאָל אַרויסגערעדט אַ דערשראָקענער. — האָב אין זינען, אָלגאַ...

— ניין, — האָט זי אים איבערגעשלאָגען, אויפהויבענ־דיג דעם קאָפּ און מיענדיג זיך אַ קוק צו טאָן אויף אים דורך

אבלאמאוו

די טרערען. — איך בין ערשט איצט געוואר געווארען, אז איך האב ליב געהאט אין דיר בלויז דאס, וואס איך האב גע־וואלט, אז עס זאל זיין אין דיר, וואס שטאלץ האט מיר אנ־געוויזען, וואס מיר ביידע האבען אויסגעטראכט. איך האב ליב געהאט דעם צוקונפטיגען אבלאמאוו! דו ביסט זאנפט, דו ביסט ערליך, איליא; דו ביסט צערטליך... א טויב; דו באהאלטסט דעם קאפ אונטער דעם פליגעל — און מער וויל־סטו שוין גארנישט ניט. אבער איך בין ניט אזא: דאס איז פאר מיר ווייניג, איך דארף האבען נאך עפעס, אבער וואס — ווייס איך ניט. קאנסטו מיר אפשר זאגען, וואס איז דאס אזוינס, וואס עס פעלט מיר, קאנסטו עס אפשר געבען מיר...

אבלאמאוו'ן האבען זיך אזוי ווי אונטערגעזעגט די פיס; ער האט זיך אוועקגעזעצט אויף א שטול און אפגעווישט מיט א טיכעל דעם שטערען.

דאס ארויסגערעדטע ווארט איז געווען גרויזאם. עס האט טיף געטראפען אבלאמאוו'ן: אינווייניג אין אים האט עס אים אזוי ווי א ברי געטאן און פון דרויסען האט עס א וועה געטאן אויף אים מיט קעלט. אלס אן ענטפער האט ער אזוי רחמנות'דיג, קרענקליך־שעמעוודיג געשמייכעלט, ווי אן ארעמאן, וואס מען ווארפט אים פאר זיין נאקעטקייט. ער איז געבליבען זיצען מיט אט דעם שמייכעל פון אוממעכ־טיגקייט, א פארמאטערטער פון אויפרעגונג און באליידיגונג. זיין פארלאשענער בליק האט קלאר גערעדט: „יא, איך בין קארג, קלעגליך, ארעם... שלאגט מיך, שלאגט!...״

אלגא האט מיטאמאל דערזען וויפיל גאל עס איז געווען אין אירע ווערטער. זי האט זיך אווארף געטאן צו אים.

— אנטשולדיג מיר, פריינד מיינער! — האט זי ארויסגערעדט צערטליך, אזוי ווי דורך טרערען. — איך ווייס ניט וואס איך רעד, איך בין א משוגע'נע! פארגעס עס! זאל אלץ בלייבען ווי עס איז פריער געווען.

— ניין! — האט אבלאמאוו ארויסגערעדט, אויפשטעלענ־

דיג זיך מיטאמאָל און מיט אַן אַנטשלאָסענעם זשעסט איינ־שטילענדיג איר אויסברוך. — עס וועט ניט בלייבען ווי פריער! באַאומרואיג זיך ניט דערפאַר, וואָס דו האָסט געזאָגט דעם אמת. איך בין עס ווערט... — האָט ער פאַר־צאָגט צוגעלייגט.

— איך האַלט אין איין חלום'ען, פאַנטאַזירען! — האָט זי געזאָגט. — איך האָב אַן אומגליקליכען כאַראַק־טער. וואָרום זיינען אַנדערע, וואָרום איז סאָניטשקאַ אַזוי גליקליך?

זי האָט זיך צוואויינט.

— געה אוועק! — האָט זי באַשלאָסען, רייסענדיג דאָס נאָסע טיכעל מיט דער האַנט. — איך וועל ניט אויסהאַלטען; מיר איז נאָך טייער די פאַרגאַנגענהייט...

זי האָט ווידער פאַרדעקט דאָס פּנים מיט'ן טיכעל און געמיט זיך איינצוהאַלטען דאָס יאָמערען.

— וואָרום איז דאָס אַלץ אוועק? — האָט זי מיט־אַמאָל אַ פרעג געטאָן, אויפהויבענדיג דעם קאָפּ. — ווער האָט דיך פאַרשאַלטען, איליאַ? וואָס האָסטו אַזוינס גע־טאָן? דו ביסט גוט, קלוג, צערטליך, איידעל... און... געהסט אונטער! וואָס האָט דיך אומגעבראַכט? עס האָט אפילו קיין נאָמען ניט דאָס דאָזיגע אומגליק...

— עס האָט, — האָט ער געזאָגט אַזוי שטיל, אַז מען האָט קוים געקאָנט הערען.

און מיט אויגען, וואָס זיינען געוועזן פול מיט טרערען האָט זי פרעגענדיג אַ קוק געטאָן אויף אים.

— אָבלאָמאָוויזם! — האָט ער אַרויסגעפליסטערט, דער־נאָך האָט ער גענומען איר האַנט, געוואָלט אַ קוש טאָן, נאָר ער האָט ניט געקאָנט, ער האָט בלויז זי שטאַרק צוגעדריקט צו די ליפּען און הייסע טרערען האָבען גענומען טריפען אויף אירע פינגער. ניט אויפהויבענדיג דעם קאָפּ, ניט ווייזענדיג איר זיין פּנים, האָט ער זיך אומגעדרעהט און איז אַרויס.

.12

איין גאָט ווייס, וואו ער האָט זיך ארומגעשלעפּט, וואס ער האָט געטאָן דעם גאנצען טאָג, אהיים איז ער געקומען שפּעט ביי נאכט. די באלעבאָסטע האָט די ערשטע דער־הערט דעם קלאפּ אין טויער און דאָס בילען פון הונט, און אויפוועקענדיג זאכאר׳ן און אניסיא׳ן, האָט זי זיי געזאָגט, אז דער פּריץ איז אהיים געקומען.

איליא איליטש האָט כמעט ניט באמערקט, ווי זאכאר האָט אים אויסגעטאָן, ארונטערגעשלעפּט פון אים די שטיוועל און ארויפגעוואָרפען אויף אים דעם שלאָפראָק.

— וואס איז דאָס אזוינס? — האָט ער געפרעגט, א קוק טוענדיג אויף דעם שלאָפראָק.

— די באלעבאָסטע האָט אים היינט געבראכט: זי האָט אים אויסגעוואשען און פאררעכט, — האָט זאכאר געזאָגט.

אזוי ווי אָבלאָמאָוו האָט זיך אוועקגעזעצט אזוי איז ער שוין געבליבען זיצען.

אלץ ארום איז פארזונקען געווארען אין שלאָף און אין פינסטערניש. ער איז געזעסען אונגעלעהנט אָן די הענט און ניט באמערקט די פינסטערנים און ניט געהערט דאָס שלאָגען פון זייגער. זיין שכל איז פארזונקען אין כאָאָס פון אמקלאָ־רע, אומפארשטענדיגע געדאנקען; זיי האָבען זיך געטראָגען, ווי וואלקען אין הימעל, אָן א ציל און אָן א צוזאמענבונד צוויי־שען זיך — ער האָט ניט געקאָנט כאפּען קיין איינציגען גע־דאנק.

זיין הארץ איז געווען דער׳הרג׳עט: דאָס לעבען האָט אין אים אויפגעהערט צו פולסירען און דער צוריקקער צום לעבען

דורכ'ן אנזאמלען פון פרישע כוחות איז אנגעגאנגען זער לאנג־זאם.

אבלאמאוו האט אויף זיך ניט געפילט קיין קערפער, ער האט ניט געפילט קיין שום מידקייט, קיין שום פארלאנג. ער האט געקאנט ווי א שטיין אפליגען גאנצע טעג, אדער גאנצע טעג ארומגעהן, פארען, באוועגען זיך, ווי א מאשין.

אבער ביסלעכווייז, א דאנק שווערער אנשטרענגונג, אר־בייט זיך אוים ביים מענשען אדער אן אונטערטעניגקייט צום שיקזאל — און דאמאלט ערהאלט זיך דער ארגאניזם בים־לעכווייז, פאמעליך, — אדער דאס אומגליק דערשלאגט דעם מענשען און ער הויבט זיך שוין מער ניט אויף. דאס איז אפהענגיג פון דער שטארקייט פון אומגליק און אויך פון מענש.

אבלאמאוו האט ניט געדענקט וואו ער איז געזעסען, און צי ער איז בכלל געזעסען: ער איז אן געפילען געזעסען און ניט באמערקט ווי עס האט אנגעהויבען צו טאגען; ער האט יא און ניט געהערט, ווי עס האט זיך דערהערט דער זקנה'ס טרוקענער הוסט, ווי דער דווארניק האט גענומען האקען האלץ אין הויף, ווי אלץ האט גענומען טומלען אין הויז; ער האט יא און ניט געזען ווי די באלעבאסטע און אקולינא זיינען געגאנגען אין מארק אריין, ווי עס האט פארבייגעשימערט דער ווייסער פאקעט פארביי דעם פלויט.

ניט דאס קרעהען פון האן, ניט דאס בילען פון הונט און ניט דאס סקריפען פון דער טיר האבען אים געקאנט ארויס־נעמען פון זיין פארשטארטקייט. עס האט זיך דערהערט דער קלאנג פון גלעזער, דאס זידען פון סאמאוואר.

ענדליך האט זאכאר ארום צען אזייגער געעפענט די טיר מיט דער טאץ, ער האט, לויט זיין געוועהנהייט, א קלאפ געטאן מיט'ן פוס אויף צוריק, כדי צו פארמאכען די טיר און, ווי געוועהנליך, ניט געטראפען, א גליטש געטאן זיך, אבער ער האט דערהאלטען די טאץ א דאנק זיין לאנג־יעריגער פראק־טיק און אויך ווייל ער האט געוואוסט, אז הינטער אים אין

דער טיר שטעהט אניסיא, און זאָל נאָר עפּעס ארונטערפאַלען, וועט זי עס גלייך אונטערכאַפּען און פארשעמען אים.

אָבער ער האָט בשלום דערטראגען די טאַץ ביז צום געלעגער; ער האָט שוין געוואלט אוועקשטעלען די טאַץ אויף דער שטול לעבען בעט און אויפוועקען אָבלאָמאָוו'ן, אבער ער האָט מיטאַמאָל דערזען, אז דער פּריץ איז ניטאָ, אז דאָס געלעגער איז נים צוקנייטשט.

ער האָט א צאַפּעל געטאָן און א גלאָז איז ארונטער־געפאַלען און גלייך נאָכ'ן גלאָז א צוקער פּושקע. ער האָט גענומען כאַפּען די זאכען אין דער לופט און ער האָט באַ־וואויגען מיט דער טאַץ אזוי, אז נאָך אנדערע זאכען האָבען גענומען פאלען. אלץ וואס אים איז געלונגען צו דערהאַלטען אויף דער טאַץ איז געווען א לעפעלע.

— וואס פאר אן אומגליק איז דאָס? — האָט ער גע־זאָגט, קוקענדיג ווי אניסיא קלייבט צוזאמען שטיקלאך צוקער, ברויט און די שערבעלעך פון די גלעזער. — וואו קען זיין דער פּריץ.

און דער פּריץ זיצט זיך אין א שטול. זאכאר האָט א קוק געטאָן אויף אים און צועפענט דאָס מויל.

— ווארום האָט איר זיך עפּעס, איליא איליטש, נים גע־לייגט אין בעט אריין, נאָר איר זייט אפגעזעסען א גאנצע נאַכט אין שטול? — האָט ער געפרעגט.

אָבלאָמאָוו האָט ביסלעכווייז אויסגעדרעהט צו אים דעם קאָפּ, צוטראָגען געקוקט אויף זאכאר'ן, אויף דער אויסגעגאָסע־נער קאַפע, אויף דעם צוקער, וואס האָט זיך געוואלגערט אויפ'ן דיל.

— און ווארום האָסטו צובראכען די גלעזער? — האָט ער געפרעגט, דערנאָך איז ער צוגעגאנגען צום פענסטער.

עס איז געפאַלען א שווערער שניי און האָט פארדעקט די ערד.

„שניי, שניי, שניי!" — האָט ער אומזיניג געהאלטען

אין איין ווידערהאָלען, קוקענדיג אויף דעם שניי, וואָס האָט אלץ פארדעקט. — ער האָט אלץ פארשאָטען! — האָט ער שפעטער פארצווייפעלט א מורמעל געטאָן, געלייגט זיך אין בעט און איז איינגעשלאָפען מיט א שווערען שלאָף.

עס איז געווען נאָכמיטאג, ווען א סקריפ פון דער טיר האָט אים אויפגעוועקט; פון דער טיר האָט זיך ארויסגע־רוקט אן אנטבלויזטע האנט מיט א טעלערל.

— היינט איז זונטאג, — האָט ליבליך גערעדט די שטי־מע, — מיר האָבען געבאקען פּיראָגען; וועט איר זיין אזוי פריינדליך און פארזוכען?

אָבער ער האָט גאָרניט ניט געענטפערט: ער האָט געפיבערט.

פערטער טייל.

1.

עס איז פאראיבער אַ יאָר זייט איליאַ איליטש איז קראַנק געווארען. גרויסע ענדערונגען האָט דאָס יאָר געבראַכט אין פֿאַרשידענע טיילען פון דער וועלט: איין לאַנד האָט אויפֿגעשטורעמט און דאָס צווייטע איז איינגעשטילט געווארען; אין איין לאַנד האָט אויפגעלויכטען אַ נייער שטערן און אין אַ צווייטען — פארלאָשען געווארען; אין איין אָרט האָט די מענשהייט אויפגעדעקט און באַזיגט נאָך אַ זייט פונ׳ם זיין, און אין אַ צווייטען זיינען חרוב געווארען גאַנצע דורות. דאָרט, וואו דאָס אַלטע לעבען איז אונטערגעגאַנגען האָט זיך, ווי גראָז, דורכגעשלאָגען אַ וועג אַ נייַ לעבען.

און אין וויבורגער קוואַרטאַל, אין דעם הויז פון דער אַלמנה פשעניצין, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס די טעג און די נעכט פליסען זיך דאָרט רואיג, טראָגען ניט אַריין קיין אומערוואַרטעטע, שטורמישע ענדערונגען אין דעם איינטיגען לעבען, כאָטש די פיר צייטען פון יאָר זיינען פארבייגעגאַנגען דאָס יאָר פונקט אַזוי ווי פאַראַיאָרען, אָבער דאָס לעבען איז פֿאָרט ניט געבליבען שטעהן אויף איין אָרט, דאָס לעבען האָט אָנגענומען אַנדערע פאַרמען, אָבער אַזוי לאַנגזאַם, אַז מען האָט קוים געקאָנט באַמערקען.

איליאַ איליטש איז געזונט געווארען. דער באַפּולמעכטיגטער זאַטערטי איז אַוועק אין דאָרף, האָט צוגעשיקט דאָס גאַנצע געלט, וואס ער האָט איינגענומען פון דעם פארקויף פון דער תבואה און פון דעם געלט איז אים באַצאָלט געווארען די רייזע אויסגאַבען און באַלוינונג פאַר זיין מי.

אבלאמאוו

וואָס אָנבאַלאַנגט די שטייערען, האָט זאַטערטי געשריבען, אַז דאָס געלט איז אוממעגליך צוזאַמענצוקלייבען, ווייל א טייל פויערים זיינען אָרעם געוואָרען און א טייל איז אוועק ערגעץ אַנדערש, און וואו זיי געפינען זיך — איז אומבאַקאַנט, און אַז ער קלייבט צוזאַמען אויפ׳ן אָרט ידיעות, וועגען אַלץ, וואָס האָט צו טאָן מיט׳ן גוט.

וועגען א נייעם שאָסיי, וועגען בריקען, האָט ער געשריבען, אַז די צייט וועט ניט אַנטלויפען, אַז די פויערים ווילען ליבערשט זיך שלעפען איבער׳ן בארג און וועלדעל, איידער זיך איצט געהן פאַרנעמען מיט דער אַרבייט פון א נייעם וועג און בריקען.

מיט איין וואָרט, די ידיעות און דאָס געלט איז געווען צופרידענשטעלענד און איליא איליטש האָט מער ניט געזען קיין שום נויטווענדיגקייט אַליין צו פאָרען אין דאָרף אריין און אַלץ איז אַזוי אַרום געווען באַזאָרגט ביז׳ן נעקסטען יאָר.

דער באַפולמעכטיגטער האָט אויך באַזאָרגט אַלץ, וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט׳ן בויען פון הויז: צוזאַמען מיט׳ן גובערנסקען אַרכיטעקט האָט ער באַשטימט די צאָל פון אַלע נויטיגע מאַטעריאַלען. ער האָט באַפוילען דעם סטאַראָסטאַ, אַז מיט׳ן אָנקומען פון פרילינג, זאָל ער נעמען האַקען דעם וואַלד און געהייסען האָט ער אים אויך, אַז ער זאָל אויפשטעלען א שייער פאַר די ציגעל, אַזוי אַז אבלאָמאָוו האָט זיך רואיג געקאָנט קומען צופאָרען אין הערבסט און אָנהויבען בויען דאָס הויז. ביז יענער צייט האָט מען אויך געהאָפט איינצומאָנען די שטייערען.

אין דער ערשטער צייט נאָך דעם ווי איליא איליטש איז קראַנק געוואָרען, איז ער געווען טרויעריג, ער האָט זיך גאַנצע שעה׳ען געפונען אין א קרענקליכער פאַר׳חלומ׳טקייט און ער האָט טיילמאָל אין גאַנצען ניט געענטפערט אויף זאַכאַר׳ס פראַגען, ער האָט ניט באַמערקט, ווי עס פאַלען ביי זאַכאַרן די טעלער פון דער טאַץ און ווי ער שטויבט ניט אָפּ דעם טיש,

א. א. גאנטשאראוו

און ווען די באַלעבאָסטע פּלעגט אַריינקומען צו אים אין אַ זונטאָג מיט׳ן פּיראָג, פּלעגט זי אַ׳ם אָפטמאָל טרעפן זיצן אַ פאַרוויינטען.

בּיסלעכווייז, מיט דער צייט האָט דעם פּלאַץ פון דעם לעבעדיגען טרויער פאַרנומען אַ שטומע גלייכגילטיגקייט. גאַנצע שטונדען איז איליאַ איליטש געזעסען און צוגעקוקט ווי עס פאַלט דער שניי, ווי ער דעקט צו בוימער, דעם צאַם, דעם הינער־שטאַל, ווי אַלץ איז געשטאָרבען און ליגט אנגעטאָן אין ווייסע תכריכים.

ער האָט זיך געקאָנט אַ לאַנגע צייט איינהערען צו דעם רוישען פון דעם קאַפע־מילכעל, צו דעם הונדם בילען און זיין רייסען זיך פון דער קייט און צו דעם גלייכמעסיגען קלאַפּען פון זייגער.

ווי פריהער, איז אויך איצט צו אים פון צייט צו צייט אַריין די באַלעבאָסטע מיט אַ פאָרשלאַג צו קויפען עפּעס, אָדער עפּעס פאַרזוכען; ווי פריער, זיינען צו אים געלאָפען דער באַ־לעבאָסטעס קינדער, ער האָט זיי געצערטעלט, פאַרהערט זיי, און פויל און אומגערען האָט ער געשמייכעלט איינהערענדיג זיך צו זייערע קינדישע פּלוידערייען.

בּיסלעכווייז איז אָבלאָמאָוו צוריק אַריין אין זיין פריהער־דיגען אַרט לעבען.

דער פרילינג, זומער און ווינטער זיינען פאַראיבער פויל, לאַנגווייליג. אָבלאָמאָוו האָט ווידער געוואַרט אויפ׳ן פרילינג און ער האָט גע׳חלומ׳ט וועגען אַ רייזע אין דאָרף.

אין אָנפאַנג פרילינג האָט ער גענומען שפּאַצירען איבער׳ן סאָד. מען האָט פאַרזעעט פאַרשידענע גערמיזען, עס זיינען אָנגעקומען פאַרשידענע יומים־טובים.

ווידער האָט זיך דערהערט אונטערן פענסטער דאָס קוואַ־קען פון די הינער און דאָס קוויטשען פון דעם יונגען דור הינדלעך; עס האָבען זיך באַוויזען פּיראָגען מיט הינדלאַך און

אבלאָמאָוו

פרישע שוואָמען; באַלד איז אויך אָנגעקומען די צייט פון יאַגדעס.

די באַלעבאַטישקייט אין הויז פון דער אלמנה פשעניצין האָט ניט נאָר דערפאַר אזוי געבליט, וואָס אגאפיא מאַטוועי־עוונא, איז געווען אן אויסגעצייכענטע באַלעבאָסטע, וואָס פירען א הויז איז געווען איר בארוף, נאָר אויך דערפאַר, וואָס איוואַן מאַטוועיאיטש איז געווען, וואָס אָנבאַלאַנגט גאַסטראָ־נאָמיע, א גרויסער עפּיקורייער. ער איז געווען מער ווי נאָכ־לעסיג אין זיין קליידונג: א מלבוש האָט ער געטראָגען א וועלט מיט יאָרען און מיט עקעל און ערגערניש האָט ער אויס־געגעבען געלט אויף קויפען א ניי, און ליגען פלעגען ביי אים די קליידער אין א ווינקעל, צוזאַמענגעוואָרפען, וועש האָט ער געביטען בלויז איינמאָל א וואָך; אָבער וואָס אָנבאַלאַנגט דעם טיש האָט ער ניט געוואוסט פון שפּאָרען, געגעבען מיט א ברייטער האַנט.

ער האָט זיך געפירט אזוי טיילווייז דערפאַר, וואָס נאָך אין דער צייט ווען ער האָט אָנגעהויבען צו דינען, האָט ער זיך באַשאַפען אזא מין לאָגיק: „וואָס עס טוט זיך אין בויך זעט מען ניט און דערפאַר וועט מען ניט פּלוידערען, אין דער צייט וואָס א קייטעל צום זייגער, א נייער פראַק, העלע שיך רופען אַרויס צופיל אויפמערקזאַמקייט.”

אָבלאָמאָוו, זעענדיג ווי די באַלעבאָסטע נעמט אזא נאָענ־טען אָנטייל אין זיין באַלעבאַטישקייט, האָט אַמאָל, אין א שפּאַס, איר פאָרגעלייגט, אז זי זאָל אים אין גאַנצען שוין באַפרייען פון איבעריגע זאָרג און נעמען אויף זיך די פאַר־וואַלטונג פון זיין באַלעבאַטישקייט.

א פרייד האָט זיך צוגאָסען איבער איר פּנים. עס איז ברייטער געוואָרען איר טעטיגקייטס פעלד: שטאָט איין באַ־לעבאַטישקייט וועט זי איצט האָבען צוויי, אָדער איינס א גרויסעס. אויסער דעם קריגט זי צו אַניסיאַ׳ן.

די באַלעבאָסטע האָט זיך צוזאַמענגערעדט מיט׳ן ברו־

דער, און צומאָרגנס איז אַלץ פון אָבלאָמאָוו'ס קיך איבער־געשטעלט געוואָרן אין איר קיך; זיין זילבערוואַרג און געפעס איז איבערגעשטעלט געוואָרן אין איר בופעט.

און פון איצט אָן איז דאָס איינקויפן פון צוקער, טיי, פּראָוויאַנט, דאָס זייערן אוגערקעס, דאָס מאַכן איינגעמאַכטס, אָוועקגעשטעלט געוואָרן אויף אַ ברייטן פוס.

אַגאַפיאַ מאַטוועיעווגאַ איז אויסגעוואַקסן, אַניסיאַ האָט פאַנאַנדערגעשפּרייט אירע הענט, ווי אָן אָדלערין אירע פליגעל, און דאָס לעבן האָט גענומען רוישן ווי אַ גרויסער טייך.

אָבלאָמאָוו האָט געמיטאָגט צוזאַמען מיט דער גאַנצער משפּחה אַרום דריי אַזייגער, בלויז דער ברודער האָט געגעסן באַזונדער. ער האָט געגעסן ערשט שפּעטער און מערסטענס אין דער קיך, ווייל ער פלעגט קומען אַהיים שפּעט פון דער קאַנצעלאַריע.

טיי און קאַפע האָט פון איצט אָן אָבלאָמאָוו'ן דערלאַנגט די באַלעבאָסטע אַליין און ניט מער זאַכאַר.

זאַכאַר, אַז ער האָט געוואָלט, האָט ער אַמאָל אָפּגעווישט דעם שטויב, און אַז עס האָט זיך אים ניט געגלוסט, איז ווי אַ שטורעם אַריינגעפלויגן אַניסיאַ, און צוטייל מיט'ן פאַרטוך, און צוטייל מיט דער הוילער האַנט, כמעט מיט דער נאָז, בלאָזט זי אַמאָל אַרונטער, ווישט אָפּ, ראַמט אויף און פאַרשווינדט. אויב זי טוט עס ניט, טוט עס די ווירטין אַליין. ווען אָבלאָמאָוו געהט אַרויס אין גאָרטן, גיט זי אַ קוק צו אים אין צימער אַריין, און געפינט זי דאָרט אָן אומאָרדנונג, גיט זי אַ שאָקל מיט'ן קאָפּ און ברומענדיג עפּעס אונטער דער נאָז, ברענגט זי אַלץ אין אָרדנונג.

אָבער ביסלעכווייז האָט דאָס לעבן זיך גומען ענדערען. באַזונדערס זיינען אַריינגעטראָטען ענדערונגען אין אַגאַפיאַ מאַטוועיעוונאַ'ס לעבן, וואָס קיינער האָט זיי ניט באַמערקט, און ווינציגער פון אַלעמען — זי אַליין. זיי זיינען באַמערקט

געוואָרען ערשט שפּעטער לויט די אומערוואַרטעטע פאָלגען, וואָס זיי האָבען געבראַכט מיט זיך.

וואָרום איז זי אין דער לעצטער צייט געוואָרען אזוי, אז עס איז זי שווער צו דערקענען?

וואָרום פריער, ווען עס פלעגט זיך צוברעכען דאָס געבראָטענס, אָדער מען האָט פאַרגעסען אַריינלייגען גרינס אין דער סוף, פלעגט זי רואיג, אָבער מיט ווירדע, פאָרוואַרפען אַקולינאַ'ן און גלייך פאַרגעסען אָן דעם אינגאַנצען, אָבער איצט, ווען דאָס טרעפט זיך, שפּרינגט זי אויף פון דער שטול, לויפט גלייך אין דער קיך אַריין, גיסט אויס איר ביטער האַרץ אויף אַקולינאַ'ס קאָפּ און נעמט זיך אפילו בלאָזען אויף אַניסיאַ'ן, און צומאָרגענס גיט זי שוין אַליין אַכטונג, צי מען האָט ווידער ניט פאַרגעסען וואָס.

מען קען זאָגען, אז זי שעמט זיך ווייזען אין די אויגען פון אַ פרעמדען מענשען פעלערהאַפט אין אַזאַ געגענשטאַנד, אויף וועלכען עס איז קאָנצענטרירט איר זעלבסטליבע און איר גאַנצע טעטיגקייט.

מעגליך. אָבער פאַרוואָס פלעגען פריער אירע אויגען זיך נעמען קלעפּען אַרום אַכט אַזייגער אין אָוונט, און אַזייגער צען, ווען זי האָט איינגעשלעפערט די קינדער און נאָכגעקוקט צי עס איז פאַרלאָשען דאָס פייער אין דער קיך, צי דער קוימען איז פאַרמאַכט, צי אַלץ איז אויף זיין פּלאַץ, האָט זי זיך געלייגט און קיין שום האַרמאַט איז ניט געווען בכוח זי אויפצואוועקען?

איצט אָבער, ווען אָבלאָמאָוו פאָרט אין טעאַטער, אָדער פאַרזיצט זיך ביי איוואַן געראַסימאָוויטש'ן ביז שפּעט אין דער נאַכט, קאָן זי ניט איינשלאָפען, זי וואַרפט זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער, צלמ'ט זיך, זיפצט, פאַרמאַכט די אויגען, אָבער עס שלאָפט זיך איר אַלץ ניט!

אָבער ווי זי דערהערט נאָר אַ גערויש אויף דער גאַס, הויבט זי אויף דעם קאָפּ, טיילמאָל שפּרינגט זי אויף פון גע־

לעגער, עפּענט דעם לופּטשיק און הערט זיך איין, צי עס איז ניט אמאָל ער.

אויב מען קלאַפּט אָן אין טויער, וואַרפט זי אַרויף אויף זיך אַ קליידעל און לויפט אין דער קיך אַריין, דאָרט נעמט זי טרייסלען זאַכאַר'ן און אַניסיאַ'ן און שיקט זיי עפענען דעם טויער.

מען קען אפשר זאָגן, אַז אין דעם האָט זיך אַרויסגעוויזן די געוויסענהאַפטע באַלעבאָסטע, וואָס וויל ניט, אַז אין איר הויז זאָל זיין אַן אומאָרדנונג, אַז איר שכן, זאָל וואַרטען ביי נאַכט אויף דער גאַס ביז דער שכור'ער דוואָרניק וועט דערהערען און וועט אים עפענען, און דערצו קאָן נאָך אַ לאַנג קלאַפּען אויפוועקען די קינדער.

מעגליך. אָבער פאַרוואָס, ווען אָבלאָמאָוו איז קראַנק געוואָרען האָט זי קיינעם ניט אַריינגעלאָזען צו אים אין צימער אַריין, און זי איז אין כעס געוואָרען — זי, אַזאַ גוטע און מילדע — ווען אירם אַ קינד האָט אַ געשריי געטאָן, אָדער צו־לאַכט זיך אויפ'ן קול?

און פאַרוואָס איז זי גאַנצע נעכט, מורא האָבענדיג זיך צו פאַרלאָזען אויף זאַכאַר'ן אָדער אַניסיאַ'ן, אָפּגעזעסען לעבען זיין בעט ביז אין דער פרי און פון דאָרט אַוועק אין דער קירך און אויף די קני געבעטען פאַר אים? פון דאָרט איז זי אַוועק אין מאַרק אַריין און מיט שרעק האָט זי זיך אומגעקערט אַהיים און עפענענדיג די טיר, האָט זי געפרעגט אַניסיאַ'ן שעפּ־טשענדיג:

— נו?

מען וועט זאָגן, אַז דאָס איז ניט מער ווי מיטגעפיל, רחמנות, די הערשענדע עלעמענטען אין דער פרוי'ס נשמה.

לאָמיר זאָגן, אַז עס איז טאַקע אַזוי. אָבער פאַרוואָס, ווען אָבלאָמאָוו איז געזונט געוואָרען און זייענדיג נאָך דעם אַ גאַנצען ווינטער טרויעריג, האָט ער זעלטען גערעדט מיט איר, ניט אַריינגעקוקט צו איר, ניט אינטערעסירט זיך מיט איר, ניט געוויצעלט זיך מיט איר, ניט געלאַכט מיט איר — פאַרוואָס

אבלאמאוו

איז זי אפגעפאלען, פארוואס איז אויף איר ארויפגעפאלען אזא קאלטקייט, אזא אפאטיע צו אלץ? זי מאלט קאפע און ווייסט ניט וואס זי טוט, אדער זי לייגט אן אזויפיל ציקאריע, אז מען קען די קאפע ניט טרינקען, זי פילט קיין טעם ניט, ווי זי וואלט אין גאנצען קיין צונג ניט געהאט; דערקאכט ניט אמאל אקולינא די פיש, אז איר ברודער ווערט בייז און געהט אוועק פון טיש, זיצט זי זיך ווייטער, ווי זי וואלט גארנישט ניט באמערקט.

פריער האט קיינמאל ניט פאסירט, אז עמיץ זאל זי טרעפען אמאל א פארטראכטע, און איר פאסט גארנישט צו זיין פארטראכט. זי פלעגט שטענדיג ארומגעהן, באוועגען זיך, צו אלעם קוקט זי זיך איין און זי זעט אלץ, וואס קומט פאר ארום איר, און מיטאמאל, ווערט זי ווי פארשלאפען, דרעהט זיך ארום ווי אין חלום.

אבער ווי נאר אבלאמאוו איז לעבעדיגער געווארען, ווי נאר עס האט זיך צוריק באוויזען דער שמייכעל אויף זיין פנים, ווי נאר ער האט אנגעהויבען צו קוקען אויף איר, און ווי אין די אלטע צייטען פריינדליך אריינקומען צו איר, שפאסען מיט איר, איז זי גלייך פולער געווארען, די ארבייט האט ווידער גענומען ברענען אונטער אירע הענט.

בכלל האט דאס באלעבאטישקייט געקראגען ביי איר א נייעם זין, א נייעם ציל: די רו און די באקוועמליכקייט פון איליא איליטש. פריער האט זי אין דער באלעבאטישקייט געזען א פליכט און איצט — פארגעניגען.

אבער זי האט ניט געוואוסט וואס עס קומט מיט איר פאר, זי האט זיך קיינמאל ניט געשטעלט קיין פראגען, נאר זי האט אנגענומען דעם דאזיגען זיסען יאך אן וועלכע עס איז טענות, אן וועלכער עס איז אויפרעגונג און שרעק, און ציטער־נישען, אן ליידענשאפט, און געהיימניספולע פארגעפילען, און דעם שפיל און מוזיק פון די נערוועז.

זי האט זיך געפילט אזוי ווי זי וואלט מיט אמאל איבער־געגאנגען אין א ניי גלויבען און גענומען האלטען פון דעם

גלויבען, ניט פארטראכטענדיג זיך וואס עס שטעלט אייגענטליך מיט זיך פאר, נאר בלינד זיך אונטערוואַרפענדיג אונטער אלע זיינע געזעצען.

עס איז אזוי ווי אליין געקומען פון זיך, אן איר הילף, און זי האט ליב געקראגען אבלאמאוו'ן פשוט, נאטירליך, פונקט ווי זי וואלט זיך פארקילט און באקומען אן אומהיילבארע קראנקהייט.

און זי האט עס אליין ניט פארדעכטיגט: ווען מען זאל דאס איר זאגען, וואלט עס געווען פאר איר א נייס, — זי וואלט א שמייכעל געטאן און פארשעמט זיך.

זי האט זיך אויסגעלערענט די פיזיאנאמיע פון זיין יעדער עמד, געוואוסט וועלכער זאק זיינער האט א לעכעל, געוואוסט מיט וועלכען פוס ער קריכט ארויס פון בעט, זי האט באַמערקט, ווען עס האט זיך אים געקליבען א גערשטען אויפ'ן אויג, וואס פאר א מאכלים ער האט אם ליבסטען און וויפיל ער קאן עסען פון זיי; זי האט באמערקט צי ער איז פרעהליך אדער טרויעריג, צי ער איז א סך געשלאפען אדער ניט, און געטאן האט זי עס אזוי, ווי זי וואלט עס געטאן דאס גאנצע לעבען, און זי האט זיך ניט געפרעגט: צו וואס? וואס גע־הערט זיך מיר אן אבלאמאוו? וואס טומעל איך זיך אזוי ארום אים?

ווען מען זאל זי פרעגען צי זי האט ליב אבלאמאוו'ן, וואלט זי ווידער א שמייכעל געטאן און באשטעטיגט, אבער זי וואלט דאך פונקט אזוי געענטפערט, ווען מען וואלט עס זי געפרעגט אין דער ערשטער וואך, ווען אבלאמאוו האט זיך אריינגעקליבען צו איר.

וואס איז די אורזאך, פארוואס האט זי אים אייגענטליך ליב געקראגען מיטאמאל? פארוואס האט זי אן ליבע חתונה געהאט, אן ליבע אפגעלעבט זיך ביז א דרייסיג יאר, און דא מיטאמאל איז עס אויף איר אנגעפאלען?

כאטש די ליבע ווערט אנגערופען א קאפריז, אן אומ־

אַבלאָמאָוו

פאַראַנטוואָרטליך געפיל, וואָס באַפאַלט דעם מענשען, ווי אַ קראַנקהייט, האָט זי אָבער דאָך אירע אורזאַכען און געזעצען, און אויב ביז איצט זיינען זיי ווייניג אויסגעפאָרשט געוואָרען, איז דאָס דערפאַר, וואָס דער מענש, וואָס ווערט באַפאַלען פון דער ליבע, האָט בילכערע דגות, ווי פאַרנעמען זיך מיט שטודירען, ווי אַזוי האָט דאָס דאָזיגע געפיל זיך אַריינגעגנב'עט אין זיין האַרצען, ווי אַזוי עס באַהערשט, ווי דער שלאָף, די געפילען, פון וואָס פאַר אַ מאָמענט עס הויבט אָן דער פולס, און גלייך נאָך אים דאָס האַרץ שטאַרק צו קלאַפען, ווי עס וואַקסט פלוּ־צים אויף אַ געפיל מקרב צו זיין זיך, ווי בּיסלעכווייז נעמט פאַרשווינדען דער אייגענער איך און געהט איבער אין אים אָדער אין איר, ווי דער שכל ווערט מיטאַמאָל אויסערגעוועהנ־ליך טעמפּ, אָדער שאַרף, ווי דיין ווילען פאַרלאָזט דיך, ווי עס הויבט זיך אָן צו בויגען דער קאָפּ, ציטערען די קני, ווי עס באַווייזען זיך טרערען, פיבער...

אַגאַפיאַ מאַטוועיעוונאַ האָט פריער געזען ווייניג אַזוינע מענשען ווי אָבלאָמאָוו, און אויב זי האָט שוין יאָ אַמאָל געזען, איז עס געווען פון דער ווייטען. מעגליך, אַז זיי זיינען איר געפעלען געוואָרען, אָבער זיי האָבען געלעבט אין אַ צווייטער, ניט אין איר קרייז, און זי האָט ניט געהאַט קיין שום מעג־ליכקייט נאָענט צו ווערען מיט זיי.

איליאַ איליטש איז ניט געגאַנגען אַזוי ווי עס איז געגאַנ־גען איר פאַרשטאָרבענער מאַן, דער קאָלעגיען־סעקרעטער פּשע־ניצין, וואָס איז כמעט ווי געלאָפען, ער האַלט ניט אין איין שרייבען קיין פּאַפּירען, ער ציטערט ניט פאַר שרעק, אַז אָט־אָט פאַרשפּעטיגט ער, ער קוקט ניט אויף יעדען און אַלעמען אַזוי ווי ער וואָלט געבעטען, אַז מען זאָל אים איינשפּאַנען און רייטען אויף אים, נאָר ער קוקט פריי און שטאָלץ, ווי ער וואָלט געפאָדערט אונטערטעניגקייט צו זיך.

זיין פּנים איז ניט גראָב, ניט רויטליך, נאָר בלייך, איידעל; זיינע הענט זיינען ניט ענליך אויף די הענט פון

איר ברודער — זיי ציטירען ניט, זיינען ניט רויט, נאָר ווייס, קליין. און זעצט ער זיך, און לייגט ער אַריבער איין פוס איבער׳ן צווייטען, שפּאַרט אָן דעם קאָפּ מיט דער האַנט, טוט ער עס אַזוי פריי, רואיג, שעהן; ער רעדט אַזוי, ווי עס רעדט ניט איר ברודער, ווי עס רעדט ניט טאַראַנטיעוו, ווי עס האָט ניט גערעדט איר פאַרשטאָרבענער מאַן. פילע האַנדלונגען זיינע פאַרשטעהט זי ניט, נאָר זי פילט, אַז עס איז שעהן, קלוג, אומגעוועהנליך; אפילו דאָס, וואָס זי פאַרשטעהט פון זיינע רייד, רעדט ער אויך אַנדערש פון אַנדערע מענשען.

וועש טראָגט ער דינע, בייט אַלע טאָג, וואַשט זיך מיט שמעקעדיגען זייף, פּוצט זיך די נעגעל. און אין גאַנצען איז ער אַזאַ ריינער, אַזאַ גוטער, ער איז אין די לאַנגע גאָרניט צו טאָן, און ער טוט טאַקע גאָרנישט, אַנדערע טוען פאַר אים: ער האָט זיך זיין זאַכאַר און נאָך דריי הונדערט זאַכאַרס!

ער איז אַ פריץ, ער לויכט, גלאַנצט! דערצו איז ער אַזאַ גוטער: ווי איידעל ער געהט, ווי איידעל זיינען זיינע באַוועגונגען, רירט ער זיך צו צו דער האַנט, איז עס אַזוי ווי עס וואָלט געווען סאַמעט, און האָט זיך צוגערירט מיט דער האַנט אַמאָל איר מאַן, איר יעדער ריר געווען ווי אַ קלאַפּ, אַ זעץ! און ער רעדט און ער קוקט אַזוי ווייך, מיט אַזויפיל גוטסקייט...

זי האָט ניט געטראַכט וועגען דעם, זי איז אין דעם ניט קלאָר געווען, נאָר אויב עמיצען וואָלט איינגעפאַלען צו ערקלערען דעם איינדרוק, וואָס אויף איר נשמה האָט געמאַכט אָבלאָמאָוו, וואָלט ער געמוזט אַזוי ערקלערען און ניט אַנדערש.

איליא איליטש האָט געוואוסט די ווירקונג וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט אין אָט דעם ווינקעל, אָנהויבענדיג פון איוואַן מאַטוועיאַטש׳ען און ענדיגענדיג מיט׳ן הונט, וואָס האָט, זייט ער איז אַהער געקומען, אָנגעהויבען באַקומען דריי מאָל אַזויפיל ביינער, אָבער ער האָט גאָר קיין אַנונג ניט געהאַט וואָס פאַר אַ טיפע ווירקונג ער האָט געהאַט אויף דער באַלע־

אבלאמאוו

באסטע און וואס פאר א זיג ער האט אפגעהאלטען אויף איר הארץ.

אין איר זארג וועגען זיין טיש, זיין וועש, זיינע צימערען האט ער בלויז געזען די הויפט־שטריכען פון איר כאראקטער, וואס ער האט שוין געהאט באמערקט אין איר ביי זיין ער־שטען באזוך דא, ווען אקולינא האט פלוצים אריינגעבראכט אין צימער אריין א האן, און ניט קוקענדיג אויף דער באלע־באסטעס אומצופרידענהייט מיט אקולינא'ס אויפפיר, האט זי דאך באוויזען איר צו זאגען, אז ניט דעם, נאר דעם צוויי־טען האן זאל זי פארקויפען.

אגאפיא מאטוועיעוונא האט ניט נאר ניט געקאנט קא־קעטירען מיט אבלאמאוו'ן, ווייזען אים אויף וועלכען עס איז וועג, וואס עס קומט פאר מיט איר, נאר זי האט, ווי געזאגט, עס אפילו ניט רעכט באגריפען, זי האט שוין אפילו געהאט פארגעסען, אז מיט א צייט צוריק פלעגט דאס מיט איר קיינ־מאל ניט פאסירען, און איר גאנצע ליבע האט זיך אויסגע־דריקט בלויז אין איר אומגעהייערער איבערגעבענהייט.

אבלאמאוו איז ניט קלאר געווען דער אמת'ער כאראק־טער פון אירע באציאונגען צו אים, און ער האט עס אנגענומען פאר איר נאטור. און דאס געפיל פון דער אלמנה פשעניצין, אזא נאטירליך און ריין געפיל איז געבליבען א סוד פאר אב־לאמאוו'ן, פאר די מענשען, וואס האבען זי ארומגערינגעלט און פאר איר אליין.

און עס איז באמת געווען אן אומאייגענוציג געפיל, ווארים, ווען זי האט געשטעלט א ליכטעל פאר אים אין דער קירך, איז עס געווען בלויז פאר זיין געזונטהייט און ער איז קיינמאל דערפון ניט געוואר געווארען. זי האט קיינמאל שפעטער ניט דערמאנט, ניט גערעדט וועגען דעם, אז זי איז געזעסען די נעכט ביי זיין בעט און ערשט אוועקגעגאנגען באגינען.

זיינע באציאונגען צו איר זיינען געווען פיל פשוט'ער:

אין אירע זיך אייביג באַוועגנדע עלענבויגענס, אין אירע אוי־גען, וואָס האָבען זיך אָפּגעשטעלט פאַרזאָרגטערהייט אויף אַלץ, אין איר שטענדיגען באַוועגען זיך, אין איר קלאָר זיין אין יעדער הויזליכער און ווירטשאַפטליכער באַוקוועמליכקייט, האָט ער געזען דעם פאַרקערפּערטען אידעאַל פון ארואיג לע־בען, אַ לעבען, וואס ער האָט עס איינגעזאַפּט אין זיך נאָך אין דער היים, אין פאָטערס הויז.

אַזוי ווי אין דער היים זיין פאָטער, זיין זיידע, די קינ־דער, די אייניקלאך און געסט זיינען זיך געזעסען אָדער געלע־גען אין אַ פוילער רו, וויסענדיג, אַז אַרום זיי אין הויז איז דאָ אַן אויג, וואָס גיט אַכט אויף זיי, הענט, וואָס ווייסען ניט פון רו, וואָס ווען זיי באַנעהען, געבען אָפּצועסען, אָנטאָן און אויסטאָן און לייגען אין בעט אַריין, און ווען זיי וועלען שטאַר־בען וועלען זיי פאַרמאַכען זיי די אויגען, פונקט אַזוי האָט אָב־לאָמאָוו, זיצענדיג דאָ אומבאַוועגליך אויף דער סאָפע, געזען, אַז עס דרעהט זיך אַרום עפּעס לעבעדיגעס און גיכעס פון זיין נוצען וועגען, און, אַז מעג מאָרגען די זון ניט אויפגעהן, מע־גען שטורעמס וועהען פון איין עק וועלט ביז דעם צווייטען, אָבער די סופּ און דאָס געבראָטענס וועט זיין פאַרטיג, זיין וועש וועט זיין ריין און פריש, דאָס שפּינוועבס וועט זיין אַרונטערגענומען פון די ווענט און ער וועט אפילו ניט וויסען ווי אַזוי עס איז געטאָן געוואָרען; ער וועט זיך פוילען צו טראַכטען וואָס וויל ער אייגענטליך, אָבער עס וועט גלייך באַ־וואוסט ווערען און עס וועט אים דערלאַנגט ווערען. און דער־לאַנגט וועט עס אים ווערען ניט מיט פוילקייט, ניט מיט גראָב־קייט, ניט מיט זאַכאַר׳ס הענט, נאָר מיט אַ פריינדליכען און מוטיגען בליק, מיט אַ שמייכעל פון טיפער איבערגעבענהייט, מיט ריינע הענט און נאַקעטע עלענבויגענס.

און וואָס אַ טאָג איז ער אַלץ פריינדליכער געוואָרען מיט דער באַלעבאָסטע. וועגען פאַרליבען זיך אין איר איז אים אפילו אויפ׳ן זינען ניט געקומען, פאַרליבען זיך, ווי ער איז

אַבלאָמאָוו

עס ניט לאַנג צוריק געווען און וואָס האָט אים אַריינגעוואָרפען אין היץ בלויז די עראינערונג דערפון.

ער האָט זיך דערנענטערט צו אַגאַפיאַ מאַטוועיעוונאַ'ן, ווי ער וואָלט זיך דערנעענטערט צו פייער, וואָס מאַכט וואַרעמער און ווארעמער, אָבער וואָס מען קאָן ניט ליב האָבען.

ער איז מיט פאַרגעניגען געבליבען אין איר צימער נאָכ'ן מיטאָג און גערויכערט זיך אַ לולקע, געקוקט ווי זי האָט אַריינגעלייגט אין בופעט דאָס געפעס און דאָס זילבערוואַרג, ווי זי האָט אָנגעגאָסען קאָפע, ווי זי האָט באַזונדערס ריין געוואַשען איין טאָסע, אָנגעגאָסען זי פריער פאַר די אַנדערע, דערלאַנגט זי אים און געקוקט צי ער איז צופרידען.

ער האָט מיט פאַרגעניגען אָנגעשטעלט די בליקען אויף איר פולען האַלז, אויף די רונדע עלענבויגענס, ווען עס האָט זיך געעפענט די טיר צו איר צימער, און דאַמאָלט, ווען זי האָט זיך אַ לאַנגע צייט ניט געעפענט אַליין, האָט ער זי געעפענט מיט'ן פוס און געוויצעלט זיך מיט דער באַלעבאָסטע, געשפילט זיך מיט די קינדער.

אָבער עס איז אים ניט געווען לאַנגווייליג, אויב דער איך־דער־פרי איז פאַרביי און ער האָט זי ניט געזען; נאָך מיטאָג איז ער, שטאָט צו בלייבען מיט איר, זיך גאָר צוגעלייגט אויף אַ צוויי שעה; אָבער ער האָט געוואוסט, אַז ווי נאָר ער וועט זיך אויפהויבען, וועט שוין זיין פאַרטיג טיי, וועט זיין פאַרטיג אין דער זעלבער מינוט וואָס ער וועט זיך אויפהויבען.

און דאָס וויכטיגסטע איז דאָס, וואָס אַלץ איז געשען אַזוי געמיטליך, רואיג: אים איז קיינמאָל ניט באַפאַלען קיין אומרואיגקייט צי ער וועט היינט זען די באַלעבאָסטע צי ניט, וואָס וועט זי טראַכטען, וואָס זאָל ער איר ענטפערען אויף אירע פראַגען, ווי וועט זי אַ קוק טאָן אויף אים.

ער האָט ניט איבערלעגעבט קיין בענקשאַפט, קיין שלאָפלאָזע נעכט, קיין ביטערע טרערען. ער זיצט זיך און רויכערט און קוקט ווי זי נעהט, אַמאָל וואַרפט ער אַריין אַ וואָרט און אַמאָל זאָגט ער גאָרנישט, אָבער ער פילט זיך אַזוי רואיג, אַזוי

גום, אים פעלט גארנישט, ער בענקט נאָך גארנישט ניט, אזוי ווי ער וואָלט ניט געדארפט האָבען מער פון דעם, וואָס ער האָט דאָ געהאַט.

עס האָט געמאכט דעם איינדרוק ווי אַן אומזעבארע האַנט וואָלט אים דאָ פארזעצט, ווי מען פארזעצט אַ טייער געוויקס, אין שאָטען, ווייט פון פייער, אונטער אַ דאַך, וואָס היט אים אָפּ פון רעגען, און מ'געהט ארום ארום אים, מ'גיט אכט אויף אים.

— וואָס טראָגט זיך די נאָדעל אזוי גיך פארביי אייער נאָז, אגאפיא מאטוועיעוונא, — האָט געזאגט אָבלאָמאָוו, — אז אָפּטמאָל האָב איך מורא, אז איר זאָלט זיך ניט צונעהמען די נאָז צום קליידעל.

זי האָט אַ שמייכעל געטאָן.

— ווי נאָר איך וועל ענדיגען דעם נאָט, — האָט זי אזוי ווי צו זיך גערעדט, — וועלען מיר עסען אָוונט ברויט.

— און וואָס האָבען מיר היינט פאר אָוונטברויט? — האָט ער געפרעגט.

— זויערע קרויט מיט לאַקס, — האָט זי געזאגט. — דערצו קאלבסט־פלייש און געדעמפטע קאשע.

— גרויסארטיג! — האָט ער געזאגט.

זי האָט געענדיגט נעהען, אָפּגעביסען דעם פאָדעם, פאר־וויקעלט די ארבייט און אוועקגעטראגען אין שלאָפצימער אריין.

אָט אזוי האָט ער זיך דערנעהענטערט צו איר, ווי מען דערנעהענטערט זיך צו אַ ווארעמען פייער, און איינמאָל האָט ער זיך דערנענטערט זער נאָענט, כמעט צום פלאַם.

ער האָט געשפאַנט אין זיין צימער, און ארייגקוקענדיג דורך דער טיר צו דער באַלעבאָסטע האָט ער געזען ווי די עלענ־בויגענס באַוועגען זיך זער גיך.

— איר זייט שטענדיג פארנומען! — האָט ער געזאגט, אריינגעהענדיג צו דער באַלעבאָסטע. — וואָס טוט איר אזוינס?

אבלאמאוו

— איך שטוים צימערינג, —האט זי געענטפערט, אריינ־קוקענדיג אין דעם שטויסעל, ווי עס וואלט געווען א תהום, און קלאפענדיג אומ'רחמנות'דיג ווייטער.

— און אויב איך וועל אייך שטערען? — האט ער גע־זאגט אננעמענדיג זי פאר די עלענבויגענס און ניט לאזענדיג זי ווייטער קלאפען.

— לאזט צו רו!

ער האט זי אלץ געהאלטען פאר די עלענבויגענס און זיין פנים איז געווען ביי איר נאקען.

— זאגט, וואס וואלט זיין, ווען איך זאל זיך אין אייך... פארליבען?

זי האט א שמייכעל געטאן.

— וואלט איר מיך ליב געהאט? — האט אבלאמאוו זי ווייטער געפרעגט.

— פארוואס זאל איך אייך ניט ליב האבען? גאט האט געהייסען אלעמען ליב האבען.

— און אז איך וועל אייך א קוש געבען? — האט ער א מורמעל געטאן, צובויגענדיג זיך צו איר באק, אז זיין אטעם האט איר א ברי געטאן.

— איצט איז דאך ניט די פאסכא, — האט זי מיט א שמייכעל געזאגט.

— גיט מיר א קוש!

— אז גאט וועט געבען און מיר וועלען דערלעבען פאסכא, וועלען מיר זיך צוקושען, — האט זי געזאגט, ניט ווערענדיג פארוואונדערט, ניט פילענדיג זיך פארלארען, ניט ציטערענדיג נאר שטעהענדיג גלייך, ווי א פערד ווען מען שפאנט אים. אב־לאמאוו האט איר א לייכטען קוש געטאן אין האלז.

— גיט אכט, — האט זי געזאגט, — איך וועל נאך פאר־שיטען די צימערינג, וועט איר ניט האבען פאר אייער געבעקס.

— אויך קיין אומגליק ניט! — האט ער געענטפערט.

— וואס איז דאס, וואס אייער שלאפראק איז ווידער אין פלעקען? — האט זי באזארגט ארויסגערעדט, נעמענדיג די

פּאָלע פון שלאָפראָק אין דער האנט, — עפּעס א פּעטער פלעק.

— זי האָט א שמעק געטאָן דעם פלעק. — האָט ניט ארויסגע־טריפט פון לעמפּעל קיין קעראָסין אויף אייער שלאָפראָק?

— איך ווייס ניט וואו איך האָב אים פארשמירט.

— איך ווייס שוין! — האָט זיך אגאפיא מאטוועיעוונא מיטאמאָל אָנגעשטויסען. — דאָס קומט פון דער טיר. נעכטען האָבען מיר אויסגעשמירט די ענגעל, ווייל זיי האָבען געסקריפּעט. טוט עס שוין אוים, וועל איך עס איינוואַשען, מאָרגען וועט מען שוין גאָרנישט ניט באמערקען.

— טייערע אגאפיא מאטוועיעוונא! — האָט געזאָגט אָב־לאָמאָוו, ארונטערוואַרפענדיג אָן חשק פון דער פּלייצע דעם שלאָפראָק. — ווייסט איר גאָר וואָס? קומט מיט מיר אין דאָרף אריין. דאָרט איז א באַלעבאַטישקייט! פון קיין שום זאך וועט דאָרט ניט פעלען!

— ניין, צו וואָס? — האָט זי געענטפערט מיט א זיפץ.

— דאָ בין איך געבאָרען, דאָ לעב איך און דאָ וועל איך שוין שטארבען.

ער האָט געקוקט אויף איר מיט א לייכטער אויפרעגונג, אָבער די אויגען האָבען ביי אים ניט געגלאַנצט, האָבען זיך ניט אָנגעפילט מיט טרערען, זיין גייסט האָט זיך ניט געריסען צו העלדען־טאַטען, אין דער הויך. אים האָט זיך בלויז געוואָלט זעצען זיך אויף דער סאָפע און ניט ארונטערנעמען די אויגען פון אירע עלענבויגענס.

2

פייערליך איז פארביי דער יאָהאנעסטאָג. איוואן מאט־וועיאיטש איז שוין מיט א טאָג פריער ניט געגאנגען צו זיין באשעפטיגונג, ארומגעלאָפען איבער דער שטאָדט און אלע ווייִלע געבראכט עפּעס צושלעפּען.

און שוין דריי טעג ווי אגאפיא מאטוועיעוונא לעבט נאָר אויף קאָפע, בלויז פאר איליא איליטש'ן האט מען צוגעגרייט א פּאָר געריכטען, די איבעריגע זיינען אויסגעקומען מיט וואס ניט איז.

די לעצטע נאכט פאר יאָהאנעסטאָג, פאר איר ברודער'ס געבורטסטאָג, האט זי זיך אין גאנצען ניט געלייגט שלאָפען. בלויז איין זאכאר איז זיך אויסגעשלאָפען פאר זיך, פאר איר און האט אויף די אלע צוגרייטונגען געקוקט פון אויבען אראָפּ, מיט פאראכטונג.

— ביי אונז, אין אָבלאָמאָווקע, — האט ער געזאָגט צו די צוויי קוכארס, וואס מען האט גענומען פון דעם גראף'ס קיך, — האט מען אויף יעדען יום טוב צוגעגרייט אזויפיל, אז די פּריצים האָבען א גאנצען טאָג געגעסען, און צומאָרגענס האָבען זיי געגעסען. וואס עס איז פון זיי איבערגעבליבען האָבען מיר געהאט אויף פינף טאָג. און קוים האָבען מיר געהאט געענדיגט — אהא, ווידער געסט, און דאָ איז עס בלויז איינמאָל א יאָר!

ביים טיש האט ער דערלאנגט צום ערשטען אָבלאָמאָוו'ן און אין קיין פאל ניט געוואָלט דערלאנגען פריער עפּעס א הערן מיט א גרויסען קרייץ אויפ'ן האלז.

— אונזערער איז דאָך א פריץ פון דור דורות! — האט ער געזאָגט. — און ווער זיינען דאס!

טאַראַנטיעוו׳ן, וואָס איז געזעסעןביים סוף פון טיש, האָט ער אין גאַנצען ניט דערלאַנגט קיין עסען, אָדער ער פלעגט יאָ אַ וואָרף טאָן אים אין טעלער וואָס ניט איז.

עס זיינען געווען פאַרזאַמעלט איוואַן מאַטוועיעוויטש׳עס אַלע דינסטגענאָסען, אַ מאָן דרייסיק.

אַ גרויסער פאָרעל, געפילטע הינדלאַך, וואַכטלען, געפרוי־רענס און אויסגעצייכענטער וויין, דאָס אַלץ האָט מיט ווירדע באַשיינט דעם יום טוב.

צום סוף האָבען די געסט זיך אַרומגענומען, געלויבט אין הימעל אריין דעם געשמאַק פון באַלעבאָס און גענומען זיך צו די קאָרטען.

ווען די געסט האָבען זיך גענומען פאַנאַנדערגעהן, האָט שוין אָנגעהויבען טאָגען. ווידער האָט די פריערדיגע שטילקייט באַהערשט דאָס הויז ביז עס איז אָנגעקומען דער טאָג פון אָב־לאָמאָוו׳ס געבורטסטאָג.

און אין דעם טאָג איז פון זייטיגע מענשען געווען בלויז איין איוואַן געראַסימאָוויטש און אַלעקסעיעוו, וועלכער האָט אין אָנפאַנג פון אונזער ערצעהלונג גערופען איליאַ איליטש קיין עקאַטערינהאָף. ער איז געווען אַ שווייגענדיגער גאַסט. אָב־לאָמאָוו האָט ניט נאָר ניט געוואָלט אָפּשטעהן פון איוואַן מאַט־וועיאַיטש׳ען, נאָר ער האָט זיך נאָך געמיט אים איבערצו־שטייגען.

שטאָט אַ פעטען פיראָג, ווי אין איוואַן מאַטוועיאַיטש׳עס געבורטסטאָג, האָבען זיך באַוויזען קליינע פיראָגען אָנגעפילט מיט לופט; פאַר׳ן סוף האָט מען דערלאַנגט אויסטערען, הינד־לאַך, זיסע פליישען, ענגלישען סוס און די פיינסטע גרינצייג.

מען האָט זיך געהאַט נאָר וואָס גענומען פאַר׳ן סוף; טאַ־ראַנטיעוו האָט נאָר וואָס געהאַט אָנגעזידעלט די פיראָגען און דעם קוכאַר פאַר דעם נאַרישען איינפאַל גאַרנישט אריינצולייגען אין זיי, ווי דער הונט האָט גענומען שוידערליך בילען און זיך רייסען פון דער קייט.

אין הויף איז אריינגעפאָרען אַן עקיפאַזש און עמיץ האָט

אבלאַמאָוו

געפרעגט אויף אַבלאַמאָוו'ן. אַלע מיילער האָבען זיך צועפענט.

— דאָס האָט געווים איינער פון מיינע פאַריעריגע באַקאַנטע דערמאָנט זיך אָן מיין געבורטסטאָג, — האָט געזאָגט אַבלאַמאָוו, — זאָג, אַז איך בין אין דער היים ניטאָ! — האָט ער אין דער שטיל אַ געשריי געטאָן זאַכאַר'ן.

זיי האָבען געגעסען אין גאָרטען, אין אַן אַלטאַנע. זאַכאַר האָט זיך אַ לאָז געטאָן אָפּזאָגען יענעם און האָט זיך צוזאַמענגעטראָפען אויפ'ן וועג מיט שטאָלצ'ען.

— אַנדרעי איוואַניטש! — האָט ער פריידיג אַרויסגעברומט.

— אַנדרעי! — האָט אַבלאַמאָוו אַ געשריי געטאָן אויפ'ן קול און אַרומגענומען אים.

— פונקט אין צייט בין איך געקומען, פונקט צום מיטאָג! — האָט שטאָלץ געזאָגט, — גיב מיר צו עסען, איך בין הונגעריג! קוים מיט צרות דיך אויפגעזוכט!

— קום, קום, זעץ זיך! — האָט צוטומעלט אַרויסגערעדט אַבלאַמאָוו, זעצענדיג אים לעבען זיך.

ווי נאָר שטאָלץ האָט זיך באַוויזען, איז טאַראַנטיעוו דער ערשטער פאַרשוואונדען פון טיש און גלייך נאָך אים איז פאַרשוואונדען איוואַן מאַטוועיאיטש. די באַלעבאָסטע האָט זיך אויך אויפגעהויבען פון אָרט.

— איך האָב אייך געשטערט, — האָט שטאָלץ געזאָגט, אויפשפרינגענדיג.

— וואו אַנטלויפט איר? איוואַן מאַטוועיאיטש! מיכעי אַנדרעיאיטש! — האָט אַבלאַמאָוו געשריען.

די באַלעבאָסטע האָט ער צוריקגעזעצט אויף איר פּלאַץ, אָבער איוואַן מאַטוועיאיטש'ען און טאַראַנטיעוו'ן איז אים ניט געלונגען צוריקצורופען.

— פון וואַנען קומסטו? ווי לאַנג פאַרבלייבסטו דאָ? — האָבען זיך אָנגעהויבען שיטען פראַגען.

שטאָלץ איז געקומען אויף צוויי וואָכען. ער האָט געהאַט

צו באזארגען פארשיידענע געשעפטען, געדארפט זיין אין דארף, דערנאך אין קיעוו, און נאך אין אייניגע פלעצער.

ביים טיש האט שטאלץ גערעדט ווייניג און געגעסען א סך. עס איז געווען קלאר, אז ער איז טאקע געווען הונגעריג. די איבריגע געסט האבען שוין פון לאנג געגעסען ווייגענדריגער־קייט.

נאכ׳ן עסען, ווען מען האט גענומען אלץ ראפגענומען פון טיש, האט אבלאמאוו געהייסען איבערלאזען אין דער אלטאנע דעם שאמפאניער און דאס סעלצער וואסער און איז געבליבען אליין מיט שטאלצ׳ען.

זיי האבען א געוויסע צייט געשוויגען. א לאנגע צייט האט שטאלץ אויפמערקזאם באטראכט אבלאמאוו׳ן.

נו, איליא? — האט ער ענדליך ארויסגערעדט, אבער אזוי שטרענג, אז אבלאמאוו האט ארונטערגעלאזען דעם קאפ און געשוויגען.

— הייסט דאס, אז „קיינמאל ניט”?

— וואס „קיינמאל ניט”? — האט איבערגעפרעגט אבלאמאוו, אזוי ווי ער וואלט ניט פארשטאנען.

— איך זע, אז דו האסט שוין פארגעסען: „איצט, אבער קיינמאל ניט!”

— איך בין שוין איצט ניט אזא... וואס דאמאלט, אנדרעי, — האט אבלאמאוו ענדליך ארויסגערעדט, — מיינע געשעפטען זיינען איצט אין דער בעסטער ארדענונג, איך פארברענג שוין מער ניט די צייט אויף גארנישט, דער פלאן איז שוין כמעט פארטיג, איך האב זיך אבאנירט אויף צוויי זשורנאלען, די ביכער, וואס דו האסט מיר איבערגעלאזען, האב איך שוין כמעט אלע איבערגעלעזען...

— ווארום ביסטו ניט געקומען קיין אויסלאנד? — האט שטאלץ אים געפרעגט.

— קיין אויסלאנד האט מיר געשטערט צו קומען...

אים האט פארפעלט אטעם.

אבלאמאוו

— אלגא? — האט געזאגט שטאלץ, קוקענדיג אויף אים שארף.

אבלאמאוו איז אויפגעשפרונגען.

— וואס? דו ווייסט דערפון?... וואו איז זי אצינד?

— האט ער געפרעגט, א קוק טוענדיג אויף שטאלץ'ן.

ניט ענטפערענדיג, האט שטאלץ אלץ ווייטער געקוקט אויף אים, ער האט טיף ארייננעקוקט אין זיין נשמה.

— איך האב געהערט, אז זי איז אוועק מיט איר טאנטע קיין אויסלאנד, ווי נאר, — האט אבלאמאוו געזאגט.

— ווי נאר זי האט דערזען איר טעות, — האט שטאלץ דערענדיגט.

— דו ווייסט עס אויך... — האט געזאגט אבלאמאוו, ניט וויסענדיג, וואו זיך אהינצוטאן.

— איך ווייס אלץ, — האט געזאגט שטאלץ, — איך ווייס אפילו וועגען צווייגעל בעז. און דו שעמסט זיך ניט, און דיר טוט ניט וועה דאס הארץ, איליא? ווערט דיר דיין הארץ ניט פארברענט פון חרטה?...

— רעד ניט, דערמאן ניט! — האט אבלאמאוו אויף גיך אים איבערגעשלאגען, — איך בין קראנק געווארען, ווען איך האב דערזען, וואס פאר א תהום עס ליגט צווישען מיר און איר, ווען איך האב זיך איבערצייגט, אז איך בין זי ניט ווערט... אך, אנדרעי! אויב דו האסט מיך ליב, טא מאטער מיך ניט, דערמאן מיר ניט וועגען איר... איך האב איר שוין לאנג גע־האט אנגעוויזען אויף איר טעות, אבער זי האט ניט געוואלט גלויבען... גלויב מיר, איך בין ניט אינגאנצען שולדיג אין דעם אלעם...

— איך באשולדיג דיך ניט, איליא, — האט שטאלץ פריינדליך און צערטליך ארויסגערעדט, — איך האב געלעזען דיין בריף. מער פון אלעמען בין איך שולדיג, דערנאך זי און ערשט דערנאך א ביסעל דו.

— ווי פילט זי זיך איצט? — האט אבלאמאוו ציטערענ־דיג געפרעגט.

— זי טרויערט, זי גיסט ביטערע טרערן און שילט דיך...
שרעק, מיטגעפיל, חרטה האבן זיך באוויזן אויף אָב־לאָמאָוו'ס פנים, ווען שטאָלץ האָט דאָס געזאָגט.

— וואָס זאָגסטו, אַנדרעי! — האָט ער געזאָגט, אויפ־שטעלנדיג זיך פון זיין פּלאַץ. — ווי גאָט איז דיר ליב, לאָמיר די מינוט פאָרן, איך וועל צו אירע פיס פאַלן, בעטן אום אַנטשולדיגונג...

— זיץ רואיג! — האָט אים שטאָלץ איבערגעשלאָגן און צולאַכט זיך, — זי איז פרעהליך, זי איז גליקליך, געהייסען דיר גריסען, געוואָלט אפילו שרייבען צו דיר, נאָר איך האָב איר אָפּגערעדט דערפון, געזאָגט איר, אז דאָס קאָן דיך נאָך אומ־רואיג מאַכען.

— געלויבט איז גאָט! — האָט אָבלאָמאָוו כמעט מיט טרערען ארויסגערעדט, — דו ווייסט גאָרנישט, אַנדרעי, ווי איך בין צופרידען! ערלויב מיר דיר אַ קוש צו טאָן און לאָמיר אויסטרינקען פאַר איר געזונטהייט.

זיי האָבען אויסגעטרונקען צו באָקאַל שאַמפּאַניער.

— וואו איז זי איצט?

— זי איז איצט אין דער שווייץ. אין הערבסט וועט זי מיט דער טאַנטע קומען אין איר גוט אריין. צוליב דעם בין איך טאַקע אַהער געקומען: עס איז נאָך אַלץ ניט באַזאָרגט געוואָרען. דער באַראָן האָט ניט דערענדיגט דעם פּראָצעס; אים איז גאָר איינגעפאַלען צו שדכנ'ען זיך צו אָלגאַ'ן...

— אַזוי? הייסט דאָס, אַז עס איז אמת... — האָט אָב־לאָמאָוו געפרעגט. — וואָס האָט זי געזאָגט דערצו?

— פאַרשטעהט זיך, וואָס: זי האָט אים אָפּגעזאָגט. ער האָט זיך געפילט שלעכט און איז אַוועקגעפאָרען, און איך בין געקומען פאַרענדיגען עס. קומענדע וואָך וועט שוין אַלץ זיין באַזאָרגט. און וואָס מאַכסטו? פאַרוואָס וואוינסטו אין אַזאַ העק?

— דאָ איז רואיג, שטיל, אַנדרעי, קיינער שטערט דאָ מיר ניט.

אבלאַמאָוו

— וואָס שטערט מען דיר ניט?

— פאַרנעמען זיך...

— ווייסט, איליאַ, דאָ איז דאָך די זעלבע אַבלאַמאָווקע, נאָר מיאוס'ער, עקעלהאַפטער, — האָט שטאָלץ געזאָגט ארומ־קוקענדיג זיך. — קום, לאָמיר פאָרען אין דאָרף אריין, איליאַ.

— יאָ, אין דאָרף אריין בין איך גרייט צו פאָרען, דאָרט הויבט מען אָן אין גיכען צו בויען, אָבער ניט גלייך, לאָמיך עס פריער מיר איבערלייגען.

— שוין ווידער איבערלייגען! איך ווייס ווי דו לייגסט זיך איבער, עס וועט זיין פונקט אזוי ווי מיט צוויי יאָר, ווען דו האָסט דיר איבערגעלייגט צו פאָרען קיין אויסלאַנד. קר־מענדע וואָך לאָמיר פאָרען.

— דו ביסט גלייך מיט קומענדער וואָך, — האָט אַבלאָ־מאָוו זיך פאַרטיידיגט. — דו קאָנסט עס, ווייל דו האָלסט אין איין פאָרען, אָבער איך דאַרף זיך צוגרייטען... איך האָב דאָך דאָ א גאַנץ באַלעבאַטישקייט, ווי קאָן איך עס אוועקוואַרפען מיט אמאָל? איך האָב דאָך דאָרט גאָרנישט ניט.

— און וואָס דאַרפסטו העָן דאָרט האָבען?

אַבלאָמאָוו האָט געשוויגען.

— דאָס געזונט מיינס איז ניט אָם בעסטען, אַנדרעי, — האָט ער געזאָגט, — איך לייד פון אסטמאַ, די גערשטען האָבען זיך ווידער גענומען ווייזען דאָ אויף איין, דאָ אויף א צווייט אויג, פון צייט צו צייט ווערען מיר די פיס געשוואָלען. און עס טרעפט, אז ווען איך שלאָף איין ביי נאַכט, כאַפּ איך זיך מיט אמאָל אויף, ווי עמיץ וואָלט מיר א זעץ געטאָן איבער דער פּלייצע, אין קאָפּ אריין...

— הער זיך איין, איליאַ, אויב דו ווילסט ניט ערנסט קראַנק ווערען, מוזטו איבערבייטען דיין ארט לעבען. וועגען האָפנונגען אויף דער צוקונפט, איז ניטאָ וואָס צו רעדען: אויב אזא מלאך, אָלגאַ, האָט דיך אויף אירע פליגעל ניט וועקגעטראָגען פון אָט דער בלאָטע, וועל איך שוין זיכער גאָר־נישט ניט קאָנען טאָן. אָבער אויסקלייבען זיך א קליינעם פעלד

פאַר טעטיגקייט, איינאָרדנען זיך אַ גוט, האָבען צו טאָן מיט די פויערים, פלאַנצען, בויען, דאָס קאָנסטו און דאָס דאַרפסטו טאָן... איך וועל פון דיר ניט אָפּטרעטען. איצט דאַרפסטו זיך ניט איינהערען בלויז צו דיין אייגענעם ווילען, נאָר אויך צו אָלגאַ'ס. זי וויל — דו הערסט? אַז דו זאָלסט ניט שטאַרבען אין גאַנצען, אַז דו זאָלסט זיך ניט באַגראָבען אַ לעבעדיגען, און איך האָב איר צוגעזאָגט, אויסגראָבען דיך פון קבר...

— זי האָט מיך נאָך ניט פאַרגעסען! איך בין עס ניט ווערט! — האָט אָבלאָמאָוו אַרויסגערעדט מיט האַרץ.

— ניין, זי האָט ניט פאַרגעסען און וועט, דאַכט זיך, קיינמאָל ניט פאַרגעסען. זי איז ניט פון די פרויען, וואָס פאַרגעסען. דו וועסט נאָך דאַרפען קומען צו איר אין דאָרף אַריין צו גאַסט.

— אָבער נאָר ניט איצט, ווי גאָט איז דיר ליב, ניט איצט, אַנדרעי! לאָז פאַרגעסען פריער. עס ליגט נאָך דאָ...

ער האָט אָנגעוויזען אויף זיין האַרץ.

— וואָס איז נאָך דאָרט? ליבע אפשר? — האָט אים שטאָלץ געפרעגט.

— ניין, ניט קיין ליבע, נאָר וועהטאָג, שאַנדע! — האָט אָבלאָמאָוו געענטפערט מיט אַ זיפץ.

— זאָל זיין אַזוי! טאָ קום צו זיך אין דאָרף אַריין: דו דאַרפסט דאָך בויען. איצט איז דאָך זומער, די בעסטע צייט, לאָז זי ניט אַוועקגעהן אומזיסט...

— זי געהט ניט אַוועק אומזיסט. איך האָב אַ פאַרוואַלטער און ער איז אַצינד אין דאָרף, און איך האָב צייט צו קומען שפּעטער, ווען איך וועל קומען אַ ביסעל צו זיך.

ער האָט זיך גענומען באַרימען פאַר שטאָלצ'ען, ווי אים איז געלונגען, ניט רירענדיג זיך פון אָרט, איינצואָרדנען אויפ'ן בעסטען אופן זיינע געשעפטען, ווי זיין פאַרוואַלטער קלייבט די ידיעות וועגען די אַנטלאָפענע פויערים, אַז ער האָט פאַרקויפט פאַר אַ גוטען פרייז די תבואה, אַז ער האָט אים שוין אַריינ־

אבלאמאוו

געשיקט אַנדערטהאַלבען טויזענט רובל און עס וועט אים נאָך אפשר געלינגען צוזאַמענצוקלייבען היי־יאָר די שטייערען.

שטאָלץ האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט, ווען ער האָט געהערט די דאָזיגע געשיכטע.

— מען האָט דיך באַראַבעוועט! — האָט ער געזאָגט. — פון דריי טויזענט נפשות אַנדערטהאַלבען טויזענט רובל! ווער איז דיין באַפולמעכטיגטער? וואָס איז דאָס פאַר אַ מענש?

— איבער אַנדערטהאַלבען, — האָט אַבלאָמאָוו אים פאַר־ריכט, — און פון דער סומע, וואָס ער האָט איינגענומען פאַר דער תבואה האָט ער אָראָפּגענומען פאַר זיין אַרבייט.

— וויפיל האָט ער אַרונטערגענומען?

— איך געדענק נים, אָבער איך קאָן דיר זאָגען, ווייל עס איז ערגעץ פאַרשריבען ביי מיר.

— דו ביסט אויף אַן אמת טויט, איליא, דו ביסט פאַר־לאָרען! — האָט ער פאַרענדיגט. — טו זיך אָן און קום צו מיר!

אַבלאָמאָוו האָט גענומען זוכען תירוצים, אָבער שטאָלץ האָט אים כמעט איבערגעוואַלט אַוועקגעפירט צו זיך, ער האָט אויפגעשריבען אַ פולמאַכט אויף זיין נאָמען און געמאַכט אַב־לאָמאָוו'ען זיך אונטערשרייבען. ער האָט אים ערקלערט, אַז ער נעמט אַבלאָמאָווקע אין אַרענדע ביז דער צייט, ווען אַב־לאָמאָוו וועט קומען אין דאָרף אריין און וועט זיך אַליין צו־געוועהנען צו פאַרוואַלטען זיין גוט.

— דו וועסט קריגען דריי מאָל אַזוי פיל, — האָט ער געזאָגט, — אָבער איך וועל לאַנג דיין אַרענדאַטאָר ניט זיין, איך האָב מיינע אייגענע געשעפטען. לאָמיר פאָרען אין דאָרף אריין גלייך, אָדער קום גלייך נאָך מיר. איך וועל זיין אין אָלגאַ'ס גוט: עס איז אַ דריי הונדערט וויערסט פון דיר, וועל איך זיך אריינכאַפּען קיין אַבלאָמאָווקע, אַרויסטרייבען דיין פאַרוואַלטער, איינאָרדנען, און דערנאָך קום דו אַליין. איך וועל שוין ניט אָפּטרעטען פון דיר.

אַבלאָמאָוו האָט אַ זיפץ געטאָן.

— אך, דאס לעבען! — האט ער געזאגט.

— וואס, דאס לעבען?

— עס איז אומרואיג, ניטא קיין רו! אך, ווען איך זאל קאנען איינשלאפען... אויף אייביג...

— דאס הייסט, דו וואלסט פארלאשען דאס פייער און געבליבען אין דער פינסטער! א וואזשנע לעבען! אך, איליא! דאס לעבען לויפט, שווינדט, און אים ווילט זיך גאר איינשלאפען! אך, הלואי וואלט דאס לעבען געווען איין שטיק פייער! א. ווען מען זאל קאנען לעבען צוויי, דריי הונדערט יאר! — האט ער געענדיגט. — א, וויפיל מען וואלט דעמאלט געקאנט אויפטאן!

— דו, אנדרעי, ביסט עפעס אנדערש, — האט אבלאמאוו געענטפערט, — דו האסט פליגלען, דו לעבסט ניט, נאר דו שוועבסט, דו ביסט באגאבט, האסט זעלבסטליבע, דו ביסט ניט אזוי פעט ווי איך, דו האסט ניט קיין גערשטען אויף די אויגען. דו ביסט עפעס אין גאנצען אנדערש געבויט...

— גענוג די נארעשקייטען! א מענש איז באשאפען געווארען כדי ער זאל איינארדנען און אפילו איבערבייטען זיין נאטור, און ער האט זיך אנגעפאשעט א בייכעל און מיינט, אז אין דעם איז שולדיג די נאטור! דו האסט אויך געהאט פליגעל, אבער דו האסט זיי אפגעשניטען.

— וואו זיינען זיי דאס, די פליגעל מיינע? — האט אבלאמאוו טרויעריג ארויסגערעדט. — איך קאן גארנישט ניט...

— דאס הייסט, אז דו ווילסט ניט קאנען! — האט אים שטאלץ איבערגעשלאגען. — עס איז ניטא קיין איין מענש אויף דער וועלט, וואס זאל ניט זיין פעהיג אויף עפעס, ערען ווארט, עס איז ניטא...

— און איך קאן פארט גארנישט ניט! — האט אבלאמאוו געזאגט.

— ווען מען זאל דיר גלויבען, קאנסטו קיין פאפירען ניט שרייבען, קאנסט קיין בריף צום ווירט פון הויז ניט אויפשרייבען, אבער צו אלגא'ן האסטו געקאנט שרייבען? האסט

שוין געהאַט גוטען פּאַפּיר, אַ פּיינעם טינט און די האַנטשריפט איז אַ פּיינע. וואָס זאָגסטו דערצו?

אָבלאָמאָוו איז רויט געוואָרען.

— אז מען האָט געדאַרפט האָבען, זיינען געקומען געדאַנקען, און אַ פּיינע שפּראַך, כאָטש נעם און דרוק עס אָפּ אין אַ ראָמאַן. דאַרף מען ניט, קאָן מען ניט, זעען די אויגען ניט, זיינען די הענט שוואַך! דו האָסט אָנגעוואָרען נאָך אין אָבלאָמאָווקע, אין דיין יוגענט, די מעגליכקייט עפּעס צו טאָן. אָנגעהויבען האָט עס זיך מיט ניט קאָנען אָנטאָן זאָקען און געענדיגט האָט עס זיך מיט ניט קאָנען לעבען.

— עס קאָן גאַנץ מעגליך זיין, אַז דאָס אַלץ איז אמת, אָבער העלפען דערצו קאָן מען שוין ניט, — האָט אָבלאָמאָוו אַרויסגערעדט מיט אַ זיפץ.

— וואָס הייסט מען קאָן ניט העלפען?! — האָט שטאָלץ בייז געזאָגט. — נאַרעשקייטען. דו טו נאָר דאָס, וואָס איך הייס דיר, וועט אַלץ פאַרבעסערט ווערען.

אָבער אין דאָרף אַריין איז שטאָלץ געפאָרען אַליין. אָבלאָמאָוו איז געבליבען און האָט אים צוגעזאָגט צו קומען אַרום הערבסט.

— וואָס זאָל איך זאָגען אָלגאַ'ן? — האָט שטאָלץ געפרעגט פאַר'ן אָפּפאָרען.

אָבלאָמאָוו האָט טרויעריג איינגעבויגען דעם קאָפּ און טרויעריג געשוויגען; דערנאָך האָט ער אַ זיפץ געטאָן.

— דערמאָן איר ניט וועגען מיר! — האָט ער ענדליך אַרויסגערעדט אַ צוטראָגענער, — זאָג איר, אַז דו האָסט מיך ניט געזען, ניט געהערט וועגען מיר.

— זי וועט עס ניט גלויבען, — האָט שטאָלץ געענטפערט.

— טאָ זאָג איר, אַז איך בין פאַרפאַלען געוואָרען, געשטאָרבען...

— זי וועט זיך פאַנאַנדערוויינען און מען וועט איר אַ לאַנגע צייט ניט קאָנען טרייסטען: פאַרוואָס קומט עס איר?

א. א. גאָנטשאַראָוו

און אַ געריר־טער ביז טרערען האָט זיך אָבלאָמאָוו פאַר־טראַכט; זיינע אויגען זיינען געוועזן פייכט.

— ווייסטו גאָר וואָס? איך וועל איר לייגען, — האָט זיך שטאָלץ אָפּגערופען, — איך וועל איר זאָגען, אַז דו לעבסט בלויז מיט דער עררינערונג וועגען איר און אַז דו זוכסט אַ ציל. און ווייס, אַז דאָס לעבען אַליין איז אַ ציל פאַר זיך, און ניט די פרוי: דאָס איז געוועזן אייער ביידענס טעות. אָ, ווי זי וועט זיין צופרידען.

זיי האָבען זיך געזעגענט.

3.

צומאָרגענס נאָך איליא איליטש׳עס געבורטסטאָג, זיינען איוואַן מאַטוועיאיטש און טאַראַנטיעוו ווידער זיך צונויפגעקומען אין דער קרעטשמע.

— טיי! — האָט אומעטיג אַרויסגערעדט איוואַן מאַט־וועיאיטש און ווען דער קעלנער האָט אים דערלאַנגט דעם טיי מיט אַ פלאַש ראָם, האָט ער מיט כעס אים צוריקגעשטופּט די פלאַש. — דאָס איז קיין ראָם ניט! — האָט ער געזאָגט און, אַרויסנעמענדיג פון טאַש אַ פלאַש ראָם, האָט ער זי אויפגע־עפענט און געבעטען דעם קעלנער אַ שמעק געבען. — שטופּ־זשע זיך ניט מיט דיינעם, — האָט ער באַמערקט. — עס איז ניט גוט, ברודער לעבען! — האָט ער געזאָגט, ווען דער קעלנער איז אוועק.

— ניט גוט! דאָס גוטע יאָר האָט אים אַהער געבראַכט! — האָט מיט כעס אַרויסגערעדט טאַראַנטיעוו. — וואָס פאַר אַ שעלמע, איז אָט דער דייטש! אָפּגעשאַפט די פולמאַכט, גע־נומען דאָס דאָרף אין אַרענדע. אַן אומגעהערטע געשיכטע! אַי, וועט ער אַרומעסען דאָס שעפעלע.

— אויב אָט דער דייטש פאַרשטעהט עפּעס, האָב איך, ברודער, מורא, אַז עס זאָל זיך ניט פאַרקאָכען אַ גאַנצע גע־שיכטע. אַז ער וועט געוואָר ווערען, אַז מען האָט די שטייערען צוזאַמענגעקליבען און דאָס געלט האָבען מיר באַקומען, קאָן ער אַנגעבען אין געריכט נאָך...

— ביי דיר איז באַלד געריכט! אַ פייגלינג ביסטו, ברו־דער לעבען, געוואָרען! עס איז ניט דאָס ערשטע מאָל, וואָס זאַטערטי לאָזט אַריין זיין האַנט אין פריץ׳ישע קעשענעס, ווייסט ער געוויס, ווי עס צו מאַכען. ער גיט דאָך זיכער ניט אַרויס די

פּויערים קיין קוויטלעך אויף דעם דערהאַלטענעם געלט! ער וועט זיך אַביסעל קאָכען אָט דער דייטש, שרייען אַביסעל, דאָס אַלץ. און דיר ליגט שוין אין זינען אַ פּראָצעס גאָר.

— מיינסט אַזוי? — האָט איוואַן מאַטוועיאיטש געזאָגט, ווערענדיג פרעהליך. — לאָמיר טאַקע אויסטרינקען, אויב אַזוי.

ער האָט אָנגעגאָסען אי זיך אי טאַראַנטיעוו'ען ראָם.

— עס דאַכט זיך אַלץ, אַז עס איז אוממעגליך צו לעבען אויף גאָט'ס וועלט, אָבער ווי נאָר מען מאַכט אַ כוסה זעט מען, אַז עס איז ניט אַזוי שלעכט, אַז מען קאָן נאָך לעבען! — האָט ער זיך געטרייסט.

— און דו, ברודער לעבען, — האָט טאַראַנטיעוו אָנגעהויבען ווייטער צו רעדען, — דו הויב אָן צו מאַכען רעכענונגען וועגען וואָס דיר וועט נאָר איינפאַלען, פאַר האָלץ, פאַר קרויט, שרייב ווי דיר ווילט זיך אַליין, אַזוי ווי דיין שוועסטער פירט דאָך איצט אָבלאָמאָוו'ס טיש, קאָנסטו אים פאַרשרייבען, וואָס דיר וועט נאָר איינפאַלען. און ווען זאַטערטי וועט קומען, וועט מען אָבלאָמאָוו'ן זאָגען, אַז ער האָט געבראַכט די שטייערען, און דאָס געלט האָט באַטראָפען פונקט אַזוי פיל וויפיל עס קומט פון אים דיין שוועסטער.

— און אויב ער וועט נעמען די רעכענונגען און וועט זיי ווייזען דעם דייטש און דער דייטש וועט נעמען איבעררעכענען, דאַמאָלט קאָן דאָך...

— וואָס דיר קאָן איינפאַלען! ער וועט זיי נעמען און פאַרשטעקען, אַז דער טייוועל אַליין וועט זיי שוין ניט קאָנען געפינען. און סיי־ווי־סיי ביז וואַנען דער דייטש וועט נאָכאַמאָל קומען, וועט מען שוין אַלץ האָבען פאַרגעסען.

— טאַקע? — לאָמיר־זשע, ברודער לעבען, אויסטרינקען צו נאָך אַ גלעזעל, — האָט איוואַן מאַטוועיאיטש געזאָגט.

— אַי, איז דאָס אַן אויסוואורף! אין ערגענדע גאָר גע־נומען! — האָט טאַראַנטיעוו זיך ווייטער גענומען קאָכען, — אַ רוסישען מענשען, מיר אָדער דיר, וואָלט עס קיינמאָל אין קאָפּ ניט געקומען! אָט דער דאָזיגער איינפיר שמעקט מיט

דייטשלאנד! ביי זיי פירט זיך דאָס אזוי. וואַרט צו א ווײַלע און ער וועט עס נאָך באַזאָלצען מיט אַקציעס.

— וואָס איז דאָס אַזוינס אַקציעס? איך פאַרשטעה דאָס ניט אַקוראַט, — האָט איוואַן מאַטוועיאַיטש געזאָגט.

— א דייטשער איינפאַל! — האָט טאַראַנטיעוו געזאָגט מיט כעס. — אַט ווען עפּעס א שווינדלער טראַכט אויס א פאָרטעל ווי צו מאַכען הייזער, וואָס קאָנען ניט פאַרברענט ווערען, און ער וויל אויפבויען א גאַנצע שטאָדט פון אַזוינע הייזער, דאַרף מען דאָך דערצו געלט, לאָזט ער אַרויס אַזוינע פּאַפּירלעך צו פינף הונדערט רובל א שטיק, פאַרשידענע נאַראָנים קויפען זיי, און פאַרקויפען זיי ווייטער. הערט מען, אַז די אונטערנעמונג געהט גוט, ווערן די פּאַפּירלעך טייערער, געהט די אונטערנעמונג שלעכט — ווערען די פּאַפּירלעך אָן זייער ווערט. שטאָט דעם געלט בלייבען ביי דיר די פּאַפּירלעך. וואו איז די שטאָדט? וועסטו פרעגען, וועט מען דיר זאָגען, אַז זי האָט אָפּגעברענט, אַז דער ערפינדער איז אַנטלאָפען מיט דיין געלט. אַט וואָס עס הייסט אַקציעס! דער דייטש וועט אים שוין אַריינשלעפּען! עס איז מיר בלויז א וואונדער, וואָס ער האָט אים ביז איצט ניט אַריינגעשלעפּט אין די דאָזיגע אַקציעס. דאָס האָב איך אים געשטערט, דאָס האָב איך ניט געלאָזט, אַז א לאַנדסמאַן זאָל רואינירט ווערען.

— האָבען מיר, הייסט דאָס, דערמיט געענדיגט, אַוועקגעלייגט אין אַרכיוו אַריין; יאָ, אונז האָט געלונגען... — האָט גערעדט איוואַן מאַטוועיאַיטש, שוין צוביסלאַך שכור.

— האָב אים, ברודער לעבען, דאָס גוטע יאָר! און געלט האָסטו דאָך אָנגעקליבען, אַז קיין בייז אויג זאָל עס ניט שאַטען! — האָט אַרויסגערעדט טאַראַנטיעוו, אויף וועמען דער שנאַפּס האָט אָנגעהויבען צו ווירקען. — פאַר דיין געזונט!

— וואָס פאַר א געלט, — האָט דער האַלב שכור'ער איוואַן מאַטוועיאַיטש זיך אָפּגערופען. — פאַרגעס ניט, ברודער, אַז איך בין בלויז ערשט צען יאָר א סעקרעטאַר און פריער האָבען

זיך צען און פינף קאפייקענע געוואלגערט אין דער קעשענע, עס איז א שאנדע צו זאגען, אבער איך האב אנגעהויבען צו קלייבען קופערנע מטבעות. וואס איז דאס פאר א לעבען! אך, ברודער! און פאראן גליקליכע לייט אויף דער וועלט, וואס פאר איטליך ווארט, וואס זיי זאגען עמיצען אויפ'ן אויער, אדער פאר יעדע שורה, וואס זיי ווילען דיקטירען, אדער בעסער נאך, פאר בלויז אונטערשרייבען זייער נאמען אויפ'ן פאפיר — ווערט ביי זיי אזוי געשוואלען די טאש, ווי עס וואלט דארט געלעגען א קישען, אז כאטש נעם און לייג זיך שלאפען. אט דאס הייסט א לעבען, — האט ער אנגעהויבען צו פאנטאזירען ווערענדיג וואס א רגע מער שכור, — מען וואגט צו אזא איינעם ניט צוגעהן אפילו. אזא זעצט זיך אין א קארעט און גיט א געשריי „צום קלוב" און דארט שפילט מען ניט ווי מיר, און עסען עסט מען דארט, אך, אך...!

— קלאג זיך ניט, ברודער לעבען! זינדיג ניט! האסט א גאנץ פיינעם קאפיטאל אנגעקליבען... — האט גערעדט דער שכור'ער טאראנטיעוו, מיט רויטע, ווי בלוט, אויגען. — פינף־און־דרייסיג טויזענט איז קיין שפילכעל ניט!

— שטילער, שטילער, ברודער לעבען! — האט איוואן מאטוועיאיטש איבערגעשלאגען. — וואס קומט ארויס, אז עס איז אלץ פינף־און־דרייסיג! און ווען וועט שוין זיין פופציג? אבער אפילו מיט פופציג קומט מען אויך אין גן־עדן ניט אריין. האסטו חתונה, מוסטו לעבען מיט א רעכענונג, היטען יעדען רובל, וועגען אביסעל יאמייקער דאם דארפסטו פארגעסען — וואס איז דאס פאר א לעבען?

— דערפאר לעבסטו רואיג. א רובל צו א רובל, מען זעט ניט, מען הערט ניט, און דערווייל ווערט מער. ניין, ברודער לעבען, האסט ניט וואס צו זינדיגען.

איוואן מאטוועיאיטש האט אים שוין לאנג ניט געהערט און וועגען עפעס געטראכט.

— הער זיך איין, — האט ער מיטאמאל געזאגט, אויפגלאצענדיג א פאר אויגען און דערפרעהענדיג זיך מיט עפעס, אז

ער האָט זיך כמעט ווי אויסגעניכטערט, — אָבער ניין, איך וועל ניט זאָגען, איך האָב מורא, איך וועל ניט געהן ארויסלאָזען אזא טייערען איינפאַל פון קאָפּ. דאָס איז דאָך אַן אמת'ער אוצר... נעם נאָך א כוסה, ברודער לעבען!

— איך וועל ניט טרינקען ביז דו וועסט מיר ניט זאָגען,

— האָט טאַראַנטיעוו געזאָגט, אַוועקרוקענדיג פון זיך די גלאָז.

— עס איז זער א וויכטיגע זאַך, ברודער לעבען, — האָט איוואַן מאַטוועיאַטש אים געמורמעלט אין אויער אריין, קו־קענדיג אַלץ אויף דער טיר.

— הא? — האָט טאַראַנטיעוו געפרעגט אַן אומגעדולדי־גער.

— אַי איז דאָס אַן איינפאַל!

— זאָג שוין, — האָט טאַראַנטיעוו אים א שטויס געטאָן.

— וואַרט צו א ווײלע, לאָז עס מיר נאָך איבערטראַכטען. יאָ, איך וועל עס דיר זאָגען, און דאָס בלויז דערפאַר, וואָס דו ביסט מיר נויטיג, אָן דיר וועט עס עפּעס ניט געהן. גאָט איז מיין עדות, אז ווען איך וואָלט דיך ניט געדאַרפט, וואָלט איך דיר ניט געזאָגט. עס איז א זאַך, וואָס עס איז בעסער ווען קיין פרעמדער וויים ניט.

— בין איך פאַר דיר א פרעמדער, הונט דו איינער? מו איך דען, ברודער לעבען, ניט פאַר דיר אַלץ?

— ברודער, ברודער! האַלט איין דיין מויל! ווי א האַרמאַט שיסטו ארוים אַלץ וואָס דו ווייסט.

— מיינסט, אז איך קאָן ניט האַלטען קיין סוד, — האָט מיט ערגעד'ניש ארויסגערעדט טאַראַנטיעוו, — רעד שוין, גע־נוג שוין מיך געמאַטערט.

— טאָ הער זיך איין, אזוי ווי איליאַ איליטש איז א פּייג־לינג און ער וויים פון קיין שום זאַך ניט, ער געדענקט אפילו ניט וויפיל שטייער ער דאַרף באַקומען, ער זאָגט דאָך אַליין „איך וויים פון גאָרנישט ניט”...

— איז וואָס? — האָט טאַראַנטיעוו געפרעגט אַן אומגע־דולדיגער.

— אַט האָט ער זיך שטאַרק צוגעוועהנט צו פאַרברענגען מיט דער שוועסטער מיינער. ניט לאַנג צוריק איז ער ביי איר געזעסען ביז אַ זייגער איינס ביי נאַכט, מיר האָבען זיך געטראָפען אין קאָרידאָר, אָבער ער האָט זיך געמאַכט ווי ער וואָלט מיך ניט געזען. דאַרפען מיר אכטונג געבען, וואָס עס וועט ווייטער זיין... דו דאַרפסט מיט אים פאַרפירען אַ שמועס, אַז עס איז ניט שעהן זיך אַזוי צו פירען, אַז זי איז אַן אַלמנה, זאָג אים, אַז אַלע זיינען שוין וועגען דעם געוואָר געוואָרען, און איצט וועט זי שוין ניט קאָנען חתונה האָבען. זאָג אים, אַז ניט לאַנג האָט זיך געשדכנ'ט צו איר אַ רייכער סוחר, אָבער אַז ער האָט דערהערט, אַז ער זיצט ביי איר ביז שפּעט אין דער נאַכט, האָט ער חרטה געקראָגען.

— וואָס מיינסטו וועט געשעהן? ער וועט זיך דערשרעק־קען, אַ שליידער טאָן זיך אויפ'ן בעט, נעמען זיך דרעהען און זיפצען, דאָס בלויז, — האָט געזאָגט טאַראַנטיעוו. — וואָס וועט דיר אַרויסקומען דערפון?

— איִיל זיך ניט! דו זאָג אים, אַז איך וויל אים איינ־קלאָגען, אַז מען האָט אים נאַכשפּיאָנירט, אַז עס זיינען דאָ עדות...

— און וואָס ווייטער?

— און אויב ער וועט זיך זער דערשרעקען, זאָלסטו אים זאָגען, אַז ער קאָן דאָס נאָך פאַרריכטען, זאָל ער אָפּערען אַ קליינעם קאַפּיטאַל.

— פון וואַנען האָט ער געלט? — האָט טאַראַנטיעוו גע־פרעגט. — צוזאָגען וועט ער פאַר שרעק אפילו צען טויזענט רובל...

— דו גיב מיר נאָך אַ וואונק מיט'ן אויג און איך וועל גלייך פאַרטיג מאַכען אַ פּאַפּיר אויף דער שוועסטער'ס נאָמען: „איך, אָבלאָמאָוו, האָב געליען ביי דער און דער אלמנה צען טויזענד רובל, א. אז. וו.”

— וואָס וועט דערפון אַרויסקומען, ברודער לעבען דיין?

שוועסטער וועט קריגען דאָס געלט, ניין, איך געה ניט. וואָס וועל איך האָבען דערפון?

— און איך וועל געבען דער שוועסטער אונטערצושרייבען א פאפיר, אז זי איז מיר שולדיג צען טויזענט רובל.

— און אויב די שוועסטער וועט ניט אונטערשרייבען?

— ווער, די שוועסטער?

און איוואן מאטוועיאיטש האָט זיך צוגאָסען מיט א דינינ־קען געלעכטערל.

— זי וועט אונטערשרייבען, ברודער לעבען, זי וועט ניט פרעגען וואָס, זי וועט בלויז א שמייכעל טאָן, און פון דער זייט, קרום, וועט זי א שמיר טאָן „אגאפיא מאטוועיעוונא” און זי וועט קיינמאָל ניט וויסען, וואָס זי האָט אונטערגעשריבען. מיר, ברודער לעבען, וועלען זיך זיין פון דער זייט: מיין שוועסטער וועט דער קאָלעגיען־סעקרטאר אבלאָמאָוו שולדיג זיין, און די קאָלגיען־סעקרעטארין פשעניצין וועט מיר שולדיג זיין. דער דייטש וועט זיך מעגען קאָכען וויפיל אים וועט זיך נאָר וועלען

— עס איז לויט'ן געזעץ! — האָט ער געזאָגט אויפהויבענדי[g] אין דער הויך זיינע ציטערנדיגע הענט. — נאָך א גלעזעל, ברו[ד]ער לעבען!

— עס איז געזעצליך! — האָט טאראנטיעוו אויסגערופ[ען] א באגייסטערטער. — לאָמיר פארטרינקען, ברודער!

און זיי האָבען אויסגעטרונקען.

— זאָל אָבער דיין לאנדסמאן זיך איינשפארען און זאָל ער שרייבען וועגען דעם צום דייטש, — האָט מיט שרעק באַמערקט איוואן מאטוועיאיטש, — וועט זיין זער שלעכט! מען דארף די זאך ניט פארציען: זי איז דאָך אן אלמנה און ניט קיין מיידעל!

— געוויס וועט ער שרייבען! אָן צווייפעל וועט ער שרייבען! אין א יאָר צוויי ארום וועט ער שרייבען, —האָט טאראנטיעוו געזאָגט. — און וועט ער זיך איינשפארען — וועל איך אים גוט אויסזידלען...

— ווי גאָט איז דיר ליב, נאָר דאָס ניט, דאָס טו ניט! דו

וועסט אַלץ קאַליע מאַכען, ברודער לעבען: ער וועט זאָגען, אַז מען האָט אים געצוואונגען, ער קאָן נאָך דערמאָנען קלעפּ, דאָס איז שוין אַ קרימינאַל פאַרברעכען. ניין, אַזוי טאָר מען זיך מיט אים ניט באַגעהן! וואָס מען קאָן יאָ טאָן מיט אים איז אָט וואָס: מיר וועלען פריער אויסטרינקען אַ ביסעל מיט אים. ווי נאָר עס וועט זיך ביי אים אין קעפּעל אָנהויבען דרעהען, גיב מיר אַ וואונק, און איך וועל אַריינקומען מיט דעם פּאַפּיר. ער וועט ניט קיין קוק טאָן אויף דער סומע, ער וועט עס אונטערשרייבען, ווי ער האָט דאַמאָלט אונטערגעשריבען דעם קאָנטראַקט און זאָל ער געהן שפּעטער געוואַר ווערען אויף וויפיל עס איז. אַזאַ פּריץ וועט זיך דאָך שעמען מודה צו זיין, אַז ער האָט אונטערגעשריבען אין אַ שכור'ן צושטאַנד.

— זיכער, עס איז געזעצליך! — האָט טאַראַנטיעוו ווי־דערהאָלט.

— און זאָל אָבלאָמאָווקע בלייבען פאַר די יורשים! — האָט געזאָגט איוואַן מאַטוועיאיטש.

— טאַקע אַזוי! און לאָמיר אויסטרונקען, ברודער.

— פאַר'ן געזונט פון אַלע נאַראָנים! — האָט געזאָגט איוואַן מאַטוועיאיטש.

זיי האָבען אויסגעליידיגט די באָקאַלען.

4.

איצט וועלען מיר זיך אומקערען צו א פריערדיגער צייט; נאָך איידער שטאָלץ איז אָנגעקומען צו אָבלאָמאָוו'ס געבורטס־טאָג, און אין א צווייט אָרט, ווייט פון וויבורגער קווארטאַל, דאָרט וועלען מיר באַגעגענען מענשען, וואָס זיינען שוין פון לאנג באַקאַנט דעם לעזער און וועגען וועלכע שטאָלץ האָט ניט אַלץ, וואָס ער האָט געוואוסט, דערציילט אָבלאָמאָוו'ן צוליב געוויסע אורזאַכען, אָדער אפשר דערפאַר, וואָס אָבלאָמאָוו האָט אים ניט געפרעגט וועגען אַלץ, אויך מסתמא צוליב געוויסע אורזאַכען.

איינמאָל האָט שטאָלץ שפּאַצירט איבער פּאַריזער בולוואַרען, צוטראַגנען געקוקט אויף די פאַרבייגעהער, אויף די שילדען פון די קראָמען, און ניט אָפּגעשטעלט די אויגען אויף קיינעם פון זיי. ער האָט שוין א לאַנגע צייט ניט געהאַט באַקומען קיין בריף פון רוסלאַנד, ניט פון קיעוו, ניט פון אדעס, ניט פון פּעטערסבורג. אים איז געוועזן לאַנגווייליג און ער האָט אוועקגעטראָגען נאָך דריי בריף אויף דער פּאָסט.

מיטאמאָל האָבען זיינע אויגען זיך אָפּגעשטעלט אויף עפּעס, זיי זיינען געבליבען שטעהן אומבאַוועגליך, מיט ערשטוינונג, אָבער גלייך דערנאָך האָבען זיי אָנגענומען זייער געוועהנליכען אויסדרוק. צוויי דאַמען זיינען פון בולוואַר אריין אין א געשעפט.

„ניין, עס איז אוממעגליך, — האָט ער א טראַכט געטאָן, — א נאַרישער איינפאַל! איך וואָלט דאָך דערפון געוואוסט. ניין, דאָס זיינען זיי ניט.“

יעדענפאַלס איז ער צוגעגאַנגען צום פענסטער פון דעם געשעפט און באַטראַכט דורך דעם פענסטער די דאַמען. „אומ־

מעגליך זיי צו זען פון דאַנען, זיי שטעהען מיט'ן רוקען צום פענס־טער" האָט ער געזאָגט צו זיך.

שטאָלץ איז אַריין אין געשעפט און גענומען עפּעס איינ־האַנדלען. איינע פון די דאַמען האָט זיך אויסגעדרעהט און ער האָט דערזעהן פאַר זיך אָלגאַ אילינסקאַיאַ; ער האָט זי דער־קאָנט און ניט דערקאָנט. ער האָט זיך געוואָלט א וואָרף טאָן צו איר און האָט זיך אָפּגעשטעלט, און גענומען זי אויפמערק־זאַם באַטראַכטען.

גאָט מיינער! וואָס פאַר אַן ענדערונג! עס איז יאָ זי און ניט זי. די געזיכטס־ציגען זיינען אירע, אָבער זי איז אַזוי בלייך, די אויגען איינגעזונקען, עס איז שוין ניטאָ מער דער קינדישער שמייכעל אויף די ליפּען, ניטאָ איר נאַאיוויטעט, איר זאָרגלאָזיגקייט. איבער די ברעמען ליגט אויסגעשפּרייט אַן ערנסט, א טרויער, די אויגען דערצעהלען וועגען אַזוינע זאַכען, וואָס זיי האָבען פריער ניט געוואוסט. איר בליק איז שוין ניט ווי פריער, אָפען, רואיג, קלאָר, ער איז אַזוי ווי פאַרנעבעלט דורך א וואָלקען פון טרויער.

ער איז צוגעגאַנגען צו איר. אירע ברעמען האָבען זיך אַרונטערגעצויגען אביסעל און אַן ערשטוינטע האָט זי א קוק געטאָן אויף אים און האָט אים דערקאָנט. די ברעמען האָבען זיך סימעטריש פאַנאַנדערגעשפּרייט, די אויגען האָבען א לויכט געטאָן מיט א שטילער, טיפער פרייד. יעדער ברודער וואָלט געווען גליקליך, ווען צו אים וואָלט זיך אַזוי געווענדט זיין באַ־ליבטע שוועסטער.

— גאָט מיינער! זייט איר דאָס? — האָט זי אַרויסגע־רעדט מיט אַזאַ פריידיגער שטימע, וואָס איז אַריינגעדרונגען אין דער טיפעניש פון האַרצען.

די טאַנטע האָט זיך שנעל אומגעקערט און אַלע דריי האָבען מיטאַמאָל אָנגעהויבען רעדען. ער האָט זיי פאַרגעוואָרפען, וואָס זיי האָבען אים ניט געשריבען, זיי האָבען זיך פאַרענט־פערט. עס איז שוין דריי טאָג ווי זיי זיינען געקומען און זיי זוכען אים אומעטום אַרום. אין איין פּלאַץ האָט מען זיי גע־

זאגט, אז ער איז אוועקגעפארען קיין ליאן, און זיי האבען ניט געוואוסט, וואס צו טאן.

ווי האט איר געקאנט באשליסען קומען אהער און מיר ניט לאזען וויסען וועגען דעם? — האט ער זיי פארגעווארפען.

— דאס פארען איז באשלאסען געווארען אין אזא איילעניש, אז מיר האבען אייך ניט געוואלט שרייבען, — האט די טאנטע געזאגט. אלגא האט אייך געוואלט מאכען א סורפריז.

ער האט א קוק געטאן אויף אלגא'ן: איר פנים האט באשטעטיגט דער טאנטע'ס ווערטער. ער האט נאך אויפמערקזאמער א קוק געטאן אויף איר, אבער איר פנים איז געווען אומדורכדרינגבאר, ער האט ניט געקאנט וויסען וואס עס איז מיט איר.

„וואס איז מיט איר? — האט שטאלץ א טראכט געטאן.

— פריער פלעג איך קאנען גלייך טרעפען, אבער איצט..., א, כאר אן ענדערונג!"

— א, ווי איר זייט אויסגעוואקסען, אלגא סערגעיעווגא

— האט שטאלץ געזאגט אויפ'ן קול, — איך דערקאן אייך כמעט ניט. און אין גאנצען האבען מיר זיך ניט געזען איין יאר צייט. וואס האט איר געטאן פאר דער צייט, וואס האט מיט אייך פאסירט? דערצעהלט, איך בעט אייך זער, דערצעהלט.

— נאר קיין באזונדערעס, — האט זי געענטפערט, באטראכטענדיג עפעס.

— און וואס הערט זיך מיט אייער זינגען? — האט שטאלץ געפרעגט, באטראכטענדיג אלץ ווייטער אלגא'ן, וואס האט אים אויסגעזען פרעמד און ער האט זיך באמיט פארשטעהן דעם שפיל, וואס איז פארגעקומען אין איר פנים, אבער דער דאזיגער שפיל, פונקט ווי א בליץ, האט זיך באוויזען און גלייך פארשוואונדען פון איר פנים.

— איך האב שוין לאנג ניט געזונגען, שוין א צוויי חדשים.

— האט זי נאכלעסיג געענטפערט.

— און וואס מאכט אבלאמאוו? — האט ער מיטאמאל

אריינגעוואָרפען אַ פראַגע. — ער לעבט? ער שרייבט אייך עפּעס?

עס איז גאַנץ מעגליך, אַז אָלגאַ וואָלט איצט ארויסגעגעבען איר סוד, נאָר די טאַנטע איז איר געקומען צו הילף.

— שטעלט אייך פאָר, — האָט זי געזאָגט, ארויסגעהענדיג פון געשעפט, — ער פלעגט זיין ביי אונז יעדען טאָג און מיט אַמאָל איז ער אינגאַנצען פארשוואונדען געוואָרען. ווען מיר האָבען זיך געקליבען פאָרען קיין אויסלאַנד, האָב איך געשיקט אַ מענשען צו אים, האָט מען געענטפערט, אַז ער איז קראַנק, אַז ער נעמט קיינעם ניט אויף. האָבען מיר זיך ניט געזען.

— און איר ווייסט אויך ניט? — האָט שטאָלץ געפרעגט אַ באַזאָרגטער.

אָלגאַ האָט אויפמערקזאַם באַטראַכט אַ פאַרבייפאָרענדען קאַליאַס.

— ער איז אויף אַן אמת קראַנק געוואָרען, — האָט זי געזאָגט און מיט אַ געמאַכטער אויפמערקזאַמקייט האָט זי ווייטער באַטראַכט דעם קאַליאַס.

—ניין, איר מוזט מיר אָפּגעבען דין וחשבון פאַר מיין איליא, — איז שטאָלץ צוגעשטאַנען. — וואָס האָט איר מיט אים געטאָן? פאַרוואָס האָט איר אים ניט געבראַכט מיט זיך?

Mais ma tante vient de dire—האָט זי געזאָגט.

ער איז אַ פוילער, — האָט די טאַנטע באַמערקט, און אַזאַ ווילדער, אַז ווי נאָר עס קומען אַ דריי־פיר מענשען צו אונז, אַנטלויפט ער גלייך. שטעלט אייך פאָר, דער מענש האָט זיך אַבאָנירט אויף דער אָפּערא און איז אפילו אַ העלפט פון סעזאָן ניט אויסגעזעסען.

שטאָלץ האָט אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ און אַ זיפץ געטאָן.

— ווי אַזוי זייט איר דאָס מיטאַמאָל אהערגעקומען? אויף לאַנג? — האָט שטאָלץ געפרעגט.

— דאָס איז צוליב איר, אויפ'ן ראַט פון דאָקטאָר, — האָט געזאָגט די טאַנטע, און אָנגעצייגט אויף אָלגאַ'ן. — פּע־

טערסבורג האט אנגעהויבען שלעכט צו ווירקען אויף איר, זיינען מיר אוועקגעפארען אויף איבער ווינטער, אבער מיר האבען נאך ניט באשלאסען וואו מיר וועלען דעם ווינטער פארברענגען: אין ניצע, אדער אין דער שווייץ.

— יא, איר האט זיך זער געענדערט, — האט שטאלץ געזאגט, איינגראבענדיג זיך מיט די אויגען אין אלגא׳ן און שטודירענדיג איר יעדען אדערל, קוקענדיג איר אין די אויגען.

א האלב יאר צייט האבען די אילינסקי׳ס פארבראכט אין פאריז. שטאלץ איז געוועןן זייער טעגליכער און איינציגער באזוכער.

אלגא האט זיך אנגעהויבען צו פארבעסערען. פון איר פארטראכטען צושטאנד איז זי איבערגעגאנגען אין א צושטאנד פון רו און גלייכגילטיגקייט, יעדענפאלס, אויסערליך. וואס עס איז באמת פארגעקומען ביי איר אין הארצען, האט איין גאט געוואוסט. ביסלעכווייז האט זי צוריק אנגעהויבען צו ווערען פאר שטאלץ׳ן זיין פריערדיגע פריינדין, כאטש זי האט שוין ניט געלאכט מער מיט איר פריערדיגען שטארקען, קינדישען, זילבערנעם געלעכטערל, און זי האט בלויז געשמייכעלט מיט אן איינגעהאלטען געלעכטערל, ווען שטאלץ האט זי אמוזירט. זי האט זיך טיילמאל געפילט אזוי ווי געערגערט, וואס זי קאן ניט לאכען.

ער האט גלייך באגריפען, אז מען קאן שוין מיט איר ניט שפאסען. זי פלעגט אפטמאל אויסהערען א קאמישע געשיכטע און ניט קיין שמייכעל טאן, נאר האט שווייגענדיג געקוקט אויף אים, אזוי ווי זי וואלט אים פארגעווארפען, וואס ער איז אזוי לייכטזיניג, טיילמאל פלעגט זי אפילו ארויסווייזען אן אומגעדולדיגקייט, אדער שטאט אן ענטפער אויף זיינס א וויץ, פלעגט זי שטעלען אן ערנסטע פראגע און האט די פראגע באגלייט מיט אזא ערנסטען בליק, אז ער האט חרטה געקראגען אויף זיין לייכטזיניגען, נארישען געשפרעך.

טיילמאל האט זיך אין איר באוויזען אן אינערליכע פארמאטערטקייט פון די פוסטע אלטעגליכע רייד און שמועסען,

אַז שטאָלץ'ן איז אויסגעקומען מיטאַמאָל איבערצוגעהן אין אַזאַ ספּערע, אין וועלכער ער האָט זיך זעלטען און זער אומגערען גע־לאָזט מיט פּרויען. וויפיל קלוגע איינפאַלען האָט ער יעדען טאָג באַנוצט, אַז אָלגאַ'ס בליק זאָל קלאָרער, רואיגער ווערען, אַז ער זאָל מער ניט אַזוי פרעגענדיג אַרומבלאָנזשען, ווייט, ווייט, דאָרט וואו ער, שטאָלץ, איז ניטאָ.

ער איז זער באַאומרואיגט געוואָרען, ווען צוליב זיינס אַ נאַכלעסיגקייט איז איר בליק געווארען טרוקען, קאַלט, די ברע־מען האָבען זיך צוזאַמענגעצויגען און אויפ'ן פּנים האָט זיך צוגעלאָזט אַ שווייגענדיגער אָבער טיפער שאָטען פון אומצופרי־דענהייט. און עס האָט אים גענומען אַ דריי מעת לעת פון פיינסטע איינפאַלען, אַז עס זאָל אים געלינגען אַרויסרופען פון אָלגאַ'ס האַרץ אַ ליכטיגען שטראַל אויף איר פּנים, אַ מילדקייט אין בליק און אין שמייכעל.

ער פלעגט אין אָוונד אָפטמאָל קומען אַ היים פאַרמאַ־טערט פון דעם דאָזיגען קאַמף און ער איז געווען גליקליך, אויב ער איז אַרוים דער זיגער.

„ווי זי איז דאָס צייטיג געוואָרען, גאָט מיינער! ווי דאָס דאָזיגע מיידעל האָט זיך אַנטוויקעלט! ווער איז געווע; איר לערער? דער באַראָן? אָבער פון זיינע פראַזען וועהט מיט פּוסטקייט, עס איז ניטאָ וואָס אויסצולערנען זיך! ווער האָט געקאָנט זיין איר לערער, עס איז דאָך ניט איליאַ!...״

און ער האָט ניט געקאָנט פאַרשטעהן אָלגאַ'ן און צומאַר־טערט איז ער ווידער געלאָפען צו איר און האָט שוין פאָרזיכ־טיג, מיט מורא געלעזען אין איר פּנים, און בלויז מיט דער הילף פון זיין גאַנצען שכל, פון זיין גאַנצער לעבענסווייזהייט איז אים טיילמאָל געלונגען צו באַזיגען די צווייפלען, פראַגען און פאָדערונגען, וואָס זיינען געלעגען אין אָלגאַ'ס יעדען ריר.

מיט'ן לאַמטערן פון ערפאַרונג אין דער האַנט האָט ער זיך אַרונטערגעלאָזען אין דעם לאַבירינט פון איר שכל, פון איר כאַראַקטער, און יעדען טאָג זיינען אים קלאָר געוואָרען אַלץ נייע שטריכען און פאַקטען, אָבער קיין סוף האָט ער נאָך אַלץ ניט

גזען, ער האָט בלויז מיט שרעק און פאַרוואונדערונג באַמערקט ווי איר שכל פאָדערט אַלע טאָג נייע שפּייז און איר נשמה ווערט ניט רואיג, זוכט אַלץ נייע ערפאַרונגען.

צו שטאָלץ׳עס טעטיגקייט, צו זיין לעבען איז צוגעקומען אַ פרעמדע טעטיגקייט, אַ פרעמד לעבען. אַרומשטעלענדיג אָלגאַ׳ן מיט בלומען, באַזאָרגענדיג זי מיט ביכער, נאָטען, אַל־באָמען, האָט ער זיך באַרואיגט, מיינענדיג אַז ער האָט אויף אַ לאַנגער צייט באַזאָרגט זיין פריינדין, אַז זי וועט האָבען מיט וואָס זיך צו פאַרנעמען, און ער איז אַוועק צו זיין טעטיגקייט, ווידער זיך גענומען דרעהען אין קרייז פון מענשען, באַקאָנען זיך, צוזאַמענשטויסען זיך מיט נייע פּנים׳ער; דערנאָך פלעגט ער אַ פאַרמאַטערטער זיך אומקערען צו איר, כדי ביים קלאַנג פון איר שטימע באַרואיגען זיך ווידער. אָבער מיטאָמאָל האָט ער אויף איר פּנים באַמערקט שוין נייע פראַגען, און אין איר בליק אַ שטרענגע פאָדערונג פון דין וחשבון. און אומבאַמערקט־ערהייט, ניט ווילענדיג, ביסלעכווייז, האָט ער איר איבערגע־געבען וואָס ער האָט געזען, וואו ער איז געווען און צוליב וואָס.

טיילמאָל האָט זי אויסגעדריקט אַ פאַרלאַנג אַליין צו זען און באַקאָנען זיך מיט דעם, וואָס ער האָט געזען און מיט וואָס ער האָט זיך באַקאָנט. און ער איז מיט איר געפאָרען אין די אַלע פלעצער. איינציגווייז, אומבאַמערקטערהייט, האָט ער זיך צוגעוועהנט צו טראַכטען אויפ׳ן קול אין איר אָנוועזענהייט, צו פילען, און איינמאָל, ווען ער האָט זיך שטרענג אַריינגעטראַכט אין זיך, האָט ער באַמערקט, אַז ער האָט אָנגעהויבען צו לעבען ניט אַליין, נאָר אין צווייען, און אַז ער לעבט מיט אַזאַ לעבען פון דער צייט, וואָס אָלגאַ איז אַהער געקומען.

כמעט אומבאַוואוסטזיניג, אַזוי ווי פאַר זיך אַליין, האָט ער אין איר אָנוועזענהייט אויפ׳ן קול געגעבען אַן אָפּשאַצונג פון דעם אוצר, וואָס ער האָט ערוואָרבען און ער האָט באַוואונ־דערט אי זיך אי זי; דערנאָך האָט ער גענומען נאָכזוכען צי עס איז ניט געבליבען נאָך קיין פראַגע אין איר בליק, צי עס

ליגט דער שטראַל פון באַפרידיגונג אויף איר פּנים, און צי עס באַגלייט אים איר בליק ווי אַ זיגער.

אויב ער האָט זיך איבערצייגט אין דעם, איז ער געגאַנגען אַהיים אַ שטאָלצער, אַן אויפגערעגטער, און לאַנג האָט ער זיך ביי נאַכט בסוד געגרייט אויפ'ן מאָרגנדיגן טאָג. די לאַנג־וויילינסטע, טרוקנסטע באַשעפטיגונג, האָט אין זיינע אויגן ניט אויסגעזען טרוקן; געדאַנקען, באַאָבאַכטונגען, ערשיינונ־גען זיינען ניט געבליבן רואיג ליגן אין אַרכיוו פון זיין זכרון, נאָר זיי האָבן צוגעגעבן אַ העלן שיין זיין יעדן איינציגן טאָג.

וואָס פאַר אַ וואַרעמער שטראַל האָט זיך צוגאָסן איבער אָלגאַ'ס בלייך געזיכט, ווען שטאָלץ, ניט וואַרטענדיג אויף אַ פרעגנדיגן און גייציגן בליק, האָט גענומען וואַרפן פאַר איר אַלץ נייעם מאַטעריאַל.

און אויך ער איז געווען גליקליך, ווען איר שכל האָט פונקט מיט אַזאַ איבערגעבענהייט און צערטליכער אונטערטע־ניגקייט געאיילט צו כאַפּן זיין יעדן בליק, זיין איטליך וואָרט, און שאַרף האָבן זיי ביידע אַכטונג געגעבן: ער אויף איר, צי עס איז ניט איבערגעבליבן נאָך אַ פראַגע אין אירע אויגן, זי אויף אים, צי עס איז ניט געבליבן עפּעס ניט דערזאָגטעס, צי האָט ער ניט עפּעס פאַרגעסן און, ערגער פון אַלץ, צי האָט ער ניט, גאָט באַהיט, פאַרנאַכלעסיגט אַנטפּלעקן איר אַ ווינ־קעל, וואָס איז איר ניט קלאָר, צי האָט ער ניט פאַרגעסן אַנט־וויקלען זיין געדאַנק.

וואָס וויכטיגער, קאָמפּליצירטער עס איז געווען אַ געוויסע פראַגע, האָט ער איר ערקלערט אויפמערקזאַמער און וואַרעמער און דאַנקבאַרער האָט זיך אויף אים אָפּגעשטעלט איר בליק, וואָס איז געווען טיפער און האַרציגער ווי אַלע מאָל.

„אָט דאָס קינד, — האָט ער געטראַכט, קוקענדיג מיט פאַרוואונדערונג אויף אָלגאַ'ן, — וואַקסט מיך איבער!"

און ער האָט זיך פאַרטראַכט וועגן אָלגאַ'ן, ווי ער האָט קיינמאָל וועגן קיין שום זאַך ניט געטראַכט.

אבלאמאוו

פרילינג זיינען זיי אלע אוועקגעפארען אין דער שווייץ. נאך אין פאריז האט שטאלץ געהאט באשלאסען, אז פון איצט אן קאן ער ניט לעבען אן אלגא׳ן. ווען ער האט געהאט דאס באשלאסען, האט ער זיך גענומען לעזען די פראגע צי אלגא קאן לעבען אן אים. אבער אויף דער פראגע איז ניט געווען אזוי לייכט צו ענטפערען.

פארזיכטיג, פאמעליך האט ער זיך דערנענטערט דערצו. ארומקוקענדיג, טאפענדיג ארום זיך, און אמאל ווידער אפען, געוואגט, און אים האט זיך אויסגעוויזען, אז ער איז שוין נאענט צו זיין ציל, אז ער וועט דערכאפען אן אומצווייפעל־האפטען בליק, שטריך, ווארט, לאנגוויל אדער פרייד; ניין, ער דארף האבען נאך א קוים באמערקטען ריר פון אירע ברעמען, אירם א זיפץ, און דאס געהיימנים וועט זיין געלעזט: ער איז געליבט!

אין איר פנים האט ער געלעזען א צוטרויען צו זיך; טייל־מאל האט זי געקוקט אויף אים אזוי, ווי זי האט אויף קיינעם ניט געקוקט, זי וואלט אפשר אזוי געקוקט אויף א מוטער, אויב זי וואלט געהאט א מוטער.

זיין קומען, דאס פארברענגען מיט איר גאנצע טעג, האט זי ניט געהאלטען פאר א געפעליגקייט פון זיין זייט, נאר פשוט פאר זיין פליכט, ווי ער וואלט געווען איר ברודער, איר פאטער, אדער — גאר איר מאן. און זי אליין, אין איר יעדען ווארט, און אין איר יעדען ריר איז געווען אזוי פריי און אפענהערציג, אזוי ווי ער וואלט געהאט איבער איר אן אומצווייפעלהאפטען איבערגעוויכט, אויטאריטעט.

און ער האט אויך געוואוסט, אז ער האט ביי איר אזא אויטאריטעט. זי האט עס יעדע מינוט באשטעטיגט, געזאגט, אז זי גלויבט אים אליין און אז זי קאן זיך בלינדערהייט פאר־לאזען אין לעבען בלויז אויף אים און ניט אויף קיינעם אין דער גאנצער וועלט.

פארשטעהט זיך, אז ער איז דערמיט געווען שטאלץ, אבער פון דער צווייטער זייט האט דאך דערמיט געקאנט שטאלצירען

א באיארטער, קלוגער און ערפארענער זיידע, אפילו דער באַ־
ראָן, אויב ער וואָלט געווען אַ מענש מיט אַ קלאָרען קאָפּ און
מיט אַ כאראקטער.

באוואוסטזיניג ווארפט זי זיך אים אונטער. עס איז אמת,
אירע אויגען הויבען אָן צו ברענען, ווען ער אנטוויקעלט פאר
איר אַ געוויסע אידעע, אָדער ער אנטפלעקט פאר איר זיין
נשמה; זי באגיסט אים מיט שטראלען פון איר בליק, אָבער
שטענדיג ווייסט מען פארוואָס זי טוט עס; טיילמאָל זאָגט זי
נאָך אליין די אורזאַך דערפון. אָבער ווען מען איז פארליבט
טוט מען עס אָן אַ פארוואָס, און אין אָט דער בלינדקייט ליגט
טאַקע דאָס גליק. באליידיגט זי זיך אַמאָל, ווייזט מען גלייך,
פארוואָס זי האָט זיך באליידיגט.

ער האָט קיינמאָל ניט באמערקט, אז איר פּנים זאָל מיט־
אַמאָל רויט ווערען, אז זי זאָל זיך פריידיג דערשרעקען, אָדער
איר בליק זאָל זיין פארמאטערט אָדער ער זאָל פייעריג א לויכט
טאָן. און אויב ער האָט יאָ באמערקט אין איר אַמאָל עפּעס
ענליכעס אויף דעם, אויב עס האָט זיך אויסגעדאכט, אז איר
פּנים האָט זיך פארקרימט פון וועהטאָג, ווען ער האָט איר גע־
זאָגט, אז אין אַ פּאָר טעג ארום פארט ער קיין איטאליען, האָט
זי אָבער גלייך נאַאיוו און אָפען צוגעלייגט:

— וואָס פאר אַ שאָד, וואָס איך קאָן ניט מיטפאָרען מיט
אייך, אָ, ווי מיר ווילט זיך עס! אָבער איר וועט מיר אַלץ
דערצעהלען און אַזוי איבערגעבען, ווי איך אליין וואָלט דאָרט
געווען.

און דער כשוף איז צושטערט דורך אָט דעם אָפענעם, ניט
פארשטעלטען פארלאנג און דעם אומווירדיגען לויב צו זיין
קונסט פון דערצעהלען. און ווי נאָר ער קלייבט צוזאַמען די
דינסטע אָנדייטונגען, ווי נאָר עס געלינגט אים צוזאַמענוועבען
דעם פיינסטען געוועב, און עס בלייבט אים נאָר צו דערענדיגען
אָן איין איינציגען קנופּ — און אָט איז שוין...

און מיטאַמאָל ווערט זי ווידער רואיג, און אפילו קאַלט.
יי זיצט זיך, ארבייט, און שווייגענדיגערהייט הערט זי זיך איין

צו אים, טיילמאַל הויבט זי אויף דעם קאָפּ און וואַרפט אויף אים נייגעריגע, זאַכליכע בליקען, אַז ער וואַרפט אַזש פון ער־גערניש אַוועק דאָס בוך, אָדער ער רייסט אינמיטען איבער אַן עריקלעהרונג, שפּרינגט אויף און געהט אַוועק. ער דרעהט אויס דעם קאָפּ — זי באַגלייט אים מיט אַ פאַרוואונדערטען בליק: ער פאַרלירט זיך אונקערט זיך אום און טראַכט אויס עפּעס אַ תירוץ.

זי הערט אים אויס און גלויבט אים. זי צווייפעלט אפילו ניט אַני דעם אמת פון זיין תירוץ.

„ליבט זי מיך יאָ, אָדער ליבט זי מיך ניט?“ האָבען זיך אין זיין קאָפּ געדרעהט צוויי פראַגען.

אויב זי האָט מיך ליב, פאַרוואָס איז זי אַזוי פאַרשלאָ־כען, אַזוי פאַרזיכטיג? אויב זי האָט מיך ווידער ניט ליב, פאַרוואָס איז זי אָבער אַזוי איבערגעגעבען, געהאָרכזאַם? ער איז אַוועקגעפאָרען פון פּאַריז נאָך לאָנדאָן אויף אַ וואָך און ער איז געקומען עס איר אָנזאָגען אין טאָג פון זיין אָפּרייזע, ניט זאָגענדיג וועגען דעם איר פריער.

אויב זי וואָלט מיטאַמאָל דערשראָקען געוואָרען, איר גע־זיכט וואָלט זיך איבערגעביטען — וואָלט די זאַך געוועזן געענ־דיגט, דער סוד אויפגעדעקט און ער — גליקליך! אָבער זי האָט אים אַ פעסטען דריק געטאָן די האַנט, ווערענדיג טרויעריג. דאָס האָט אים אַריינגעבראַכט אין פאַרצווייפלונג.

— מיר וועט זיין זער לאַנגווייליג אָן אייך, — האָט זי געזאָגט, — איך בלייב ווי אַ יתומה, בין גרייט צו וויינען. טאַנטע, אַנדרעי איוואַניטש פאָרט אַוועק! האָט זי מיט אַ וויי־נענדיגער שטימע צוגעלייגט.

זי האָט אים דערקוילעט.

„צו דער טאַנטע האָט זי זיך געווענדט! — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, — נאָך דאָס האָט געפעלט! איך זע, אַז זי האָט רחמנות, אַז זי האָט אפילו ליב... אָבער אַזאַ ליבע קאָן מען, ווי אַ שטיקעל געוואַנד, קויפען אין קראָם אויף אַזוי פיל צייט, אויף אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט... ניין, איך וועל זיך

שוין רא מער ניט ווייזען", האט ער אן אנגעבלאזענער א פראכט געטאן. „וואס איז דאס געווארען מיט איר? איך דערקאן זי ניט!"

און ער איז פארזונקען אין געדאנקען.

וואס איז מיט איר? ער האט ניט געוואוסט אז די אומ־באדייטענדע קלייניגקייט אז זי האט שוין געליבט אמאל, אז זי האט שוין איבערגעלעבט, אויף וויפיל זי איז געווען פעהיג, דעם מיידעלשען פעריאד פון ניט קאנען זיך באהערשען, פון פלוצימדיגען רויט ווערען, פון שלעכט פארדעקטען הארצענס־וועה, פון פיבערדיגע סימנים פון דער ליבע, פון איר ערשטער ליבע.

און ווען ער וואלט דאס געוואוסט, וואלט ער אפשר אויך אלץ ניט געוואוסט, צי זי האט אים יא אדער ניט ליב, אבער ער וואלט אם ווייניגסטענס געוואוסט, פארוואס עס איז אזוי שווער געווארען צו דערוויסען זיך, וואס מיט איר קומט פאר.

אין דער שווייץ זיינען זיי געווען אומעטום, וואו טוריס־טען זיינען געוועהנליך. אבער אפט, און דאס מיט גרויס פאר־געניגען, האבען זיי זיך אפגעשטעלט אין פארווארפענע ערטער, וואס זיינען ווייניג באזוכט געווארען. זיי, און באזונדערס שטאלץ, איז געווען אזוי פארנומען מיט זיך, אז דאס ארומ־רייזען האט זיי פארמאטערט און עס איז ביי זיי אוועקגערוקט געווארען אויפ'ן צווייטען ארט.

ער האט מיט איר געקלעטערט אויף בערג, געקוקט אין אפגרונדען, באזוכט וואסערפאלען. ער געהט נאך איר אויף א שמאל שטעגעל, אין דער צייט וואס די טאנטע ווארט אויף זיי אונטען. אומבאמערקטערהייט קוקט ער איר נאך, ווי זי וועט, ווען זי וועט ארויפקומען אויפ'ן בארג און האבען אפגעכאפט דעם אטעם, א קוק טאן אויף אים, וואס פאר א בליק וועט דאס זיין און צי וועט זי פריער פון אלץ א קוק טאן אויף אים.

און זי האט טאקע פריער פון אלץ געווארפען א בליק אויף אים.

און עס ווערט אזוי ליכטיג און ווארעם אויפ'ן הארצען

דערפון, אָבער מיטאמאָל נעמט זי אַרום מיט איר בליק די גע־געגנט און בלייבט שטעהן ווי פאַרשטיינערט, זי פאַרלירט זיך אין באַטראַכטען דאָס אַרומיגע — און אים זעט זי שוין מער ניט.

ער נעמט זיך באַוועגען, דערמאָנען אָן זיך, זאָגט אַ וואָרט, דערשרעקט זי זיך, טיילמאָל גיט זי נאָך אַ געשריי: דער בעס־טער סימן, אַז זי האָט פאַרגעסען צי ער איז דאָ, צי ער איז ערגעץ ווייט, מיט איין וואָרט — צי ער איז בכלל דאָ אויף דער וועלט.

דערפאַר אָבער שפּעטער, אין דער היים, ביים פענסטער, אויפ'ן באַלקאָן, רעדט זי בלויז צו אים אַליין, רעדט לאַנג, נעמט אַרויס פון האַרצען איינדרוק נאָך איינדרוק, ביז זי נעמט זיי אַלע אַרויס, און זי רעדט הייס, מיט באַגייסטערונג, בלייבט אַמאָל שטעהן אויף אַ ווײַלע, קלייבט צו אַ וואָרט, כאַפּט אונ־טער דעם אויסדרוק, וואָס ער האָט איר אונטערגעזאָגט, און שוין באַווייזט זיך אין איר בליק אַ שטראַל פון דאַנקבאַרקייט פאַר דער הילף, וואָס ער האָט איר אַרויסגעוויזען. אָדער זי זעצט זיך אַ פאַרמאַטערטע אין גרויסען שטול אַריין, בלויז די גייציגע, אומרואיגע אויגען זאָגען אים, אַז זי וויל אים הערען.

זי הערט זיך איין צו זיינע רייד, ניט באַוועגענדיג זיך פון אָרט, אָבער זיך וועט ניט פאַרהערען קיין איינציג וואָרט, ניט דורכלאָזען קיין קלאַנג. און בלייבט ער שטיל, הערט זי זיך ווייטער איין, די אויגען בעטען ווייטער, און די דאָזיגע שטומע אויפפאָדערונג מאַכט אים ווייטער צו דערצעהלען, און ער רעדט מיט אַ נייער קראַפט, מיט נייער באַגייסטערונג.

און עס ווערט אַזוי ליכטיג, וואַרעם אויפ'ן האַרצען; הייסט עס, אַז דאָ איז איר ליכט, איר פייער, און פאַרשטאַנד, און מער דאַרף זי ניט. אָבער מיטאמאָל הויבט זי זיך אויף אַ פאַרמאַ־טערטע, און די זעלבע בעטענדיגע אויגען, בעטען אים אַצינד אַוועקגעהן, אָדער עס פאַרוויילט זיך איר גאָר עסען, און עסען עסט זי מיט גרויס אַפּעטיט...

דאָס אַלץ וואָלט נאָך געווען צו דערליידען, וואָרים ער איז דאָך ניט קיין פאַנטאַזיאָר, ער וואָלט ניט געוואָלט קיין ווילדע

לײדענשאַפֿט, ווי עס האָט זי אויך ניט געוואָלט אָבלאָמאָוו, אָבער איבער אַנדערע אורזאַכען. אָבער אים האָט זיך פֿאָרט געוואָלט, אַז דאָס געפֿיל זאָל שטראָמען ניט אונטערגעבראָכענערהייט, הײס אויפֿזידען אין אָנפֿאַנג, בײם קוואַל, כּדי מען זאָל זיך קאָנען אָנזאַפּען מיט אים, און דאָס גאַנצע לעבען שפּעטער וויסען, פֿון וואַנען עס שלאָגט אַרויס אָט דער קוואַל פֿון גליק...

„האָט זי יאָ, אָדער ניט ליב?“ האָט ער גערעדט צו זיך אין פּײנליכער אויפֿרעגונג, אין בלוטיגען שווייס, כמעט מיט טרערען.

די דאָזיגע פֿראַגע איז בײ אים אַלץ שאַרפֿער געוואָרען, האָט אים אַרומגעכאַפּט, ווי אַ פֿײער, געשטערט אים אין זײן אַרבײט. עס האָט זיך פֿאַרוואַנדעלט אין אײן גרויסער פֿראַגע ניט פֿון דער ליבע, נאָר פֿון לעבען. קײן שום אַנדערע זאַך האָט איצט שוין ניט געהאַט מער קײן פּלאַץ אין זײן האַרץ.

דאַכט זיך, אַז אָט אין דעם האַלבען יאָר, האָבען זיך איבער אים פֿאַנאַנדערגעשפּילט אַלע ליבעס־יסורים און ליירען, פֿון וועלכע ער האָט זיך אַזוי קונציג אויסגעהיט אין זײנע אַלע באַגעגענישען מיט פֿרויען.

ער האָט אָנגעהויבען צו פֿילען, אַז זײן שטאַרקער אָרגאַניזם וועט עס ניט אויסהאַלטען, אויב די דאָזיגע אָנגעשטרענגטע שטימונג וועט נאָך אָנהאַלטען מאָנאַטען. און ער האָט פֿאַרשטאַנען דאָס, וואָס ער האָט ביז איצט ניט פֿאַרשטאַנען, ווי אַזוי מען ווערט אָן די כּוחות אין די דאָזיגע מלחמות פֿון דער נשמה מיט דער לײדענשאַפֿט, וואָס זײנען פֿאַרשטעלט פֿאַר די אויגען, און ער האָט באַגריפֿען ווי עס לײגען זיך אויפֿ׳ן האַרצען אומהײלבאַרע וואונדען, וואָס ברענגען ניט מיט זיך קײן בלוט, אָבער וועלכע ברענגען זיפֿצען, נעמען צו דאָס לעבען.

ער האָט אָנגעוואָרען די זיכערהײט אין זײנע כּוחות; ער האָט שוין מער ניט געשפּאַסט מיט אַ לײכט האַרץ, ווען ער האָט געהערט דערצעהלען, ווי מענשען ווערען משוגע, געהען

אבלאמאוו

אויס פון פארשידענע אורזאכען און צווישען זיי — פון ליבע
ער האט זיך אנגעהויבען פילען זער שלעכט.

„ניין, איך וועל מאכען א סוף צו דעם אלעם, — האט ער געזאגט, — איך וועל איר א קוק טאן אין דער נשמה אריין ווי איך האב עס געטאן אמאל, און מארגען — אדער איך וועל זיין גליקליך, אדער איך פאר פון דאנען אוועק!"

„איך האב מער קיין כוחות ניט! — האט ער געזאגט, קוקענדיג אין שפיגעל אריין. — איין גאט ווייס, איך זע אויס... ניין, איך קאן ניט מער, גענוג!"

און ער האט זיך געלאזט צו זיין ציל, דאס הייסט צו אלגא'ן.

וואס איז מיט אלגא'ן? האט זי ניט באמערקט זיין צושטאנד, אדער זי איז געווען גאנץ גלייכגילטיג צו אים?

עס איז אוממעגליך, אז זי זאל עס ניט האבען באמערקט: ווייניגער איידעלע פרויען פון איר קאנען שטענדיג אונטערשיידען חבר'שע איבערגעבענהייט פון ליבע. און זי איז אויך געווען העכער פון דער נידעריגער פרויען־שוואכקייט: קאקעטערי.

בלייבט איבער אנצונעמען, אז איר איז געפעלען, אן וועלכע עס איז פראקטישע אויסזיכטען, אט די אומאויפהערליכע פארערונג, וואס איז אויסגעפילט געווארען דורך שכל און ליידענשאפט, פון אזא מענשען ווי שטאלץ. געוויס איז ער איר געפעלען געווארען: די דאזיגע פארערונג האט צוריקגעשטעלט איר באליידיגטע זעלבסטליבע און זי צוריקגעשטעלט אויף דעם פעדעסטאל, פון וועלכען זי איז אראפגעפאלען; ביסלעכווייז האט זי צוריקבאקומען איר שטאלץ.

אבער ווי האט זי געמיינט וועט זיך ענדיגען די דאזיגע פארערונג? עס קאן דאך ניט פארבלייבען אלס א שטענדיגע מלחמה צווישען שטאלץ'עס פארשענדער נייגעריגקייט און איר איינגעשפארטען שווייגען. האט זי כאטש געפילט, אז זיין קאמף איז ניט אומזיסט, אז סוף כל סוף וועט ער זיגען, ווייל ער האט אין דעם קאמף אריינגעלייגט אזויפיל ווילען און כא־

ראקטער? פטר'ט ער אומזיסט אט דעם פייער, אט די שארפ־זיניגקייט? וועט פארזונקען ווערען אין די שטראלען פון אט דעם ליכט אבלאמאוו'ס געשטאלט און יענע ליבע?

זי האט דאס אלץ ניט געוואוסט, אבער זי האט עס קלאר געפילט און זי האט פארצווייפעלט געקעמפט מיט די אלע פראגען, מיט זיך אליין, און זי האט ניט געוואוסט ווי ארויס־צודרעהען זיך פון אט דעם כאאס.

ווי זאל זי זיך פירען? עס איז אוממעגליך צו בלייבען אין אן אומבאשטימטער לאגע: ווארים אמאל וועט מען דאך פון אט דעם שטומען שפיל און קאמף פון פארשלאסענע אין דער ברוסט געפילען איבערגעהן צו ווערטער — ווי אזוי וועט זי ערקלערען דאס פארגאנגענע? ווי אזוי וועט זי אנרופען דאס פריערדיגע געפיל און ווי וועט זי אנרופען דאס, וואס זי פילט אצינד צו שטאלץ'ן?

אויב זי האט ליב שטאלץ'ן, טא וואס איז געווען איר פריערדיגע ליבע? — קאקעטערי, לייכטזיניגקייט, אדער עפעס נאך ערגערעס? זי איז געווארען רויט פאר שאנד ביי דעם דאזיגען געדאנק. ניין, זי וועט זיך אין אזוינס ניט באשולדי־גען.

נאר אויב דאס איז טאקע געווען די ערשטע, ריינע ליבע, וואס איז ווידער איר באציאונג צו שטאלץ'ן? — בלויז קא־קעטערי, אפנארעריי, אן אויסרעכענונג, כדי מיט אים חתונה האבען און אזויארום פארדעקען איר לייכטזיניגע אויפפיהרונג? בלויז פון דעם געדאנק אליין איז זי געווארען בלייך, געווארפען זיך אין היץ און אין קעלט.

און אויב ניט קיין שפיל, ניט קיין אפנארעריי, ניט קיין אויסרעכענונג — הייסט דאך דאס... א נייע ליבע?

דער געדאנק האט זי אינגאנצען צוטומעלט: אין א זיבען־אכט מאנאטען נאך דער ערשטער ליבע שוין א צווייטע! ווער וועט דאס ועלען איר גלויבען? ווי אזוי וועט זי קאנען אנ־דייטען וועגען איר און ניט ארויסרופען קיין ערשטוינונג און

אבלאַמאָוו

אפשר נאָך... פאַראַכטונג! ניין, זי האָט אפילו קיין רעכט ניט אַזוי צו טראַכטען!

זי האָט זיך גענומען גראָבען אין איר ערפאַרונג: זי האָט דאָרט קיין שום אָנווייזונגען ניט געפונען וועגען א צווייטער ליבע. זי האָט זיך דערמאָנט אָן דעם אויטאָריטעט פון מומעס, אַלטע מוידען, פאַרשידענע חכמות, און ענדליך אָן דער אויטאָ־ריטעט פון שרייבער — פון אַלע זייטען הערט זיך אָן איין־איינציגער אורטייל: „אַ פרוי קאָן נאָר איינמאָל ליב האָבען אויף אָן אמת". און אָבלאָמאָוו האָט אויך אַזוי אַמאָל געזאָגט. זי האָט זיך דערמאָנט אָן סאָניטשקאַ'ן און זיך פאַרגעשטעלט, וואָס זי וואָלט געזאָגט וועגען א צווייטער ליבע, אָבער פון באַ־קאַנטע וואָס זיינען געקומען פון רוסלאַנד האָט זי געהערט, אַז איר פריינדין האַלט שוין ביי דער דריטער...

ניין, דאָס איז ניט קיין ליבע, וואָס זי פילט צו שטאָל־צע'ן, האָט זי באַשלאָסען, און עס וועט קיינמאָל קיין ליבע ניט זיין! זי האָט ליב געהאַט אָבלאָמאָוו'ן און די דאָזיגע ליבע איז געשטאָרבען, די לעבענס־בליאונג איז פאַרוועלקט שוין אויף שטענדיג! זי פילט בלויז א פריינדשאַפט צו שטאָלצ'ען, און די דאָזיגע פריינדשאַפט איז געקומען אַ דאַנק זיינע גלענצענדע אייגענשאַפטען, און אויך א דאַנק זיין פריינדשאַפט צו איר, זיין אויפמערקזאַמקייט און צוטרויען צו איר.

אַזוי האָט זי אָפּגעשטויסען פון זיך אפילו די מעג־ליכקייט, אַז זי זאָל זיך אַמאָל איינליבען אין איר אַלטען פריינד.

אָט דאָס איז די אורזאַך, וואָס שטאָלץ האָט ניט גע־קאָנט באַמערקען ניט אין איר פנים און ניט אין אירע רייד קיין שום באַשטימטען צייכען, ניט פון פולשטענדיגער גלייכ־גילטיגקייט און ניט אפילו א פונק פון געפיל, וואָס זאָל אויף דאָס מינדעסטע ארויסגעהן פון די ראַמען פון וואַרע־מער, האַרציגער, אָבער דאָך, געוועהנליכער פריינדשאַפט.

— כדי דאָס אַלץ צו ענדיגען מיטאַמאָל איז איר גע־

בליבען צו טאָן אָט וואָס: באמערקענדיג ביי שטאָלצ'ען סימנים פון אויפבליענדער ליבע צו איר, ניט געבען זיי קיין מעגליכקייט פאנאנדערבליען זיך און אוועקפאָרען. אָבער זי האָט פארשפּעטיגט: דאָס האָט שוין לאנג פאסירט, דערצו האָט זי נאָך געדארפט פאָראויסזען, אז דאָס דאָזיגע געפיל ווערט ביי אים פארוואנדעלט אין א ליידענשאפט; אויסער דעם איז ער ניט אָבלאָמאָוו: פון אים קאָן מען ניט אָנטלויפען.

אמת, פיזיש האָט זי עס געקאָנט דורכפירען, אָבער מאָראליש האָט זי ניט געקאָנט אוועקפאָרען: אין אָנפאנג האָט זי זיך באנוצט בלויז מיט דעם רעכט פון אלטער פריינדשאפט און זי האָט געזען אין שטאָלצ'ען, ווי אין די פריערדיגע צייטען, אי א פרעהליכען, שארפזיניגען, וויציגען אונטערהאלטער, אי א טיפען באאָבאכטער פון לעבען — פון אלץ, וואָס האָט פאסירט מיט זיי, ארום זיי, וואס האָט זיי פארנומען.

אָבער וואָס עפטער זיי האָבען זיך געזען, אלץ נענטער זיינען זיין אנוועזענהייט אפענערהייט, געזעצליך, ניט דארפען דיגערע: פון א באאָבאכטער איז ער אומבאמערקבאר פארוואנדעלט געווארען אין א פארטייטשער, ערקלערער פון די אלע ערשיינונגען, איר פירער. ער איז מיטאמאָל געוואָרען איר שכל און איר געוויסען, און עס האָבען זיך באוויזען נייע רעכט, נייע געהיימע בענדער, וואָס האָבען ארומגענומען אָלגאָ'ם גאנץ לעבען אויסער איין ווינקעל, וואס זי האָט זארגפעלטיג אפגעהיט פון זיין בליק און זיין אורטייל.

זי האָט אנגענומען זיין גייסטיגע אפּוטרופּסות איבער איר הארץ און פארשטאנד און באמערקט, אז זי, פון איר זייט, האָט אויך באקומען א ווירקונג אויף אים. זיי האָבען זיך געביטען מיט זייערע רעכט; זי האָט אזוי ווי אומבאמערקטערהייט, שווייגענדיג צוגעלאָזען צו אָט דער איבערוועקסלונג.

און ווי אזוי זאָל זי דאָס אלץ מיטאמאָל צוריקנעמען?... דערצו איז אין דעם דאָ אזויפיל... פארגעניגען... צייטפאר־

טרייב... פארשידענארטיגקייט... לעבען... וואס וועט זי אָנ־הויבען צו טאָן איצט, ווען דאָס אַלץ וועט מיטאמאָל פאר־שווינדען? און ווען עס איז איר אָנגעקומען דער געדאנק פון אנטלויפען — איז עס שוין געוועזען צו שפּעט, זי איז עס שוין ניט געוועזען בכוח דורכצופירען.

יעדער טאָג, וואס זי האָט ניט פארבראכט מיט אים, יעדער געדאנק, וואס איז ניט פארטרויט און געטיילט געוואָ־רען מיט אים — האָט ניט געהאט פאר איר די קלענסטע באַ־דייטונג.

„גאָט מיינער! אַך, ווען איך וואָלט געקאָנט זיין זיין שוועסטער! — האָט זי געטראכט. — אָ, וואָס פאר א גליק עס מוז זיין צו האָבען א שטענדיג רעכט אויף אָט דעם מענ־שען, ניט בלויז אויף זיין קאָפּ, נאָר אויף זיין הארץ, געני־סען זיין אנוועזענהייט אָפענערהייט, געזעצליך, ניט דארפען צאָלען דערפאר מיט אזוינע שווערע קרבנות, יסורים. און וואס בין איך איצט? און זאָל ער אוועקפאָרען, האָב איך ניט נאָר ניט קיין רעכט אים אָפּצוהאַלטען דערפון, נאָר איך דארף נאָך צו העלפען דערצו. און זאָל איך אים וועלען אָפּ־האַלטען לויט וועלכען רעכט וועל איך אים זען יעדען טאָג, הערען אים? דערפאר, וואס מיר איז לאנגווייליג, וואס איך בענק, וואָס ער לערענט און אמוזירט מיך, ווייל ער איז מיר נויטווענדיג און אנגענעם? אמת, דאָס איז א גוטע אורזאַך, אָבער עס גיט מיר נאָך אַלץ ניט קיין רעכט. און וואָס גיב איך אים דערפאר? דאָס רעכט מיך צו באוואונדערען אָן דעם רעכט אפילו צו האָפען אויף געגענזייטיגע געפילען, אין דער צייט, וואָס א סך פרויען וואָלטען זיך געפילט גליקליך, ווען...”

און זי האָט געקלערט און געמאטערט זיך ווי אזוי ארויס־צודרעהען זיך פון איר לאגע און זי האָט ניט געזען פאר זיך קיין שום אויסוועג. פאראויס פאר זיך האָט זי בלויז געזען די שרעק פאר זיין אנטוישונג און פאר אייביגער צעשיידונג. צייטענווייז איז איר איינגעפאלען אים אַלץ צו דערצעהלען,

כדי אזוי ארום צו מאכען א סוף צו דעם קאמף וואס קומט פאר אין איר און אין אים; אבער איר פלעגט פארפעלען אטעם, ווי נאר דאס איז איר געקומען אויף די געדאנקען.

ערגער פון אלץ איז געווען דאס, וואס זי האט אויפגע־הערט דרך ארץ צו האבען פאר איר פארגאנגענהייט, זי האט זיך אפילו אנגעהויבען צו שעמען מיט איר זייט זי איז גע־ווארען אומצושיידבאר מיט שטאלצ׳ען, ווי נאר ער האט בא־הערשט איר לעבען. ווען עס זאל עס געוואר ווערען דער באראן אדער עמיץ אנדערש, וואלט זי זיך, אמת, געפילט אבי־סעל אומבאקוועם, ניט פריי, אבער זי וואלט זיך ניט געפיי־ניגט אזוי, ווי זי פייניגט זיך איצט ביים געדאנק, אז שטאלץ קאן דערפון געוואר ווערען.

און אין שרעק האט זי זיך פארגעשטעלט, וואס זיין גע־זיכט וועט אויסדריקען, ווי אזוי ער וועט א קוק טאן אויף איר, וואס וועט ער זאגען, וואס וועט ער טראכטען וועגען איר? זי וועט זיך מיטאמאל באווייזען פאר אים אזוי קליין, אומבא־באדייטענד, שוואך. ניין, זי וועט עס אים אין קיינפאל ניט זאגען!

זי האט זיך גענומען צוקוקען צו זיך און האט מיט שרעק אנטדעקט, אז זי שעמט זיך ניט נאר מיט איר פארגאנ־גענעם ראמאן, נאר אויך מיט׳ן העלד פון ראמאן... אבער אין איר הארץ האט גלייך גענומען קוועלען א חרטה, וואס זי איז אזוי אומדאנקבאר איר פריערדיגען פריינד, וואס איז איר געווען אזוי איבערגעגעבען...

עס איז גאנץ מעגליך, אז זי וואלט זיך צוגעוועהנט צו איר שאנדע, — צו וואס געוועהנט זיך א מענש ניט צו? אבער דאס וואלט געקאנט פאסירען, ווען איר פריינדשאפט צו שטאלצ׳ען וואלט געווען פריי פון יעדען אייגענגוציגען פארלאנג און אבזיכט. אבער ווען זי האט אפילו דער־שטיקט אין זיך יעדען פאלשען און כיטרען מורמעל פון איר הארץ, האט זי אבער ניט געקאנט באהערשען אירע גע־פילען, אירע פאנטאזיעס: אפטמאל האט פאר אירע אויגען

אבלאמאוו

נעגען איר ווילען, אנגעהויבען צו לויכטען דאס געשטאלט פון איר צווייטער ליבע; אלץ באצויבערענדער און באצויבערענדער איז געוואקסען דער חלום פון א הערליך גליק, ניט מיט אבלאמאוו'ן אין זיין פוילער אטמאספער, נאר אויף דער ברייטער ארענע פון דעם אלזייטיגען לעבען מיט זיין גאנצער טיפקייט, מיט אלע זיינע שעהנהייטען און לײדען — פון א גליק מיט שטאלצ'ען.

און דאמאלט האט זי דאס באגאסען מיט טרערען איר פארגאנגענהייט און זי האט עס ניט געקאנט אפוואשען פון זיך. זי האט זיך אויסגעניכטערט פון די אלע חלומות, און נאך זארגפעלטיגער געגומען זיך באשיצען הינטער דער וואנט פון ניט דורכדרינגלכקייט, שווייגען און יעדער פריינדליכער גלייכגילטיגקייט, וואס האט שטאלצ'ען אזוי געפייניגט. דערנאך האט זי זיך ווייטער פארגעסען און באגייסטערט זיך מיט דער אנוועזענהייט פון איר פריינד, זי איז געווען באצויבערענד, ליבליך, פארטרויליך, און זי איז עס געווען אזוי לאנג, ביז דער חלום וועגען גליק, אויף וועלכען זי האט פארלארען יעדער רעכט, האט איר דערמאנט, אז איר צוקונפט איז פאר איר פארלארען, אז די אלע רויזע חלומות זיינען שוין הינטער איר, אז איר לעבען האט שוין אנגעווארען זיין בליאונג.

מיט די יארען וואלט זי זיכער שלום געמאכט מיט איר לאגע און אפגעזאגט זיך פון די אלע חלומות וועגען דער צוקונפט, ווי עס איז דער פאל מיט אלע אלטע מוידען, און וואלט פארזונקען געווארען אין א קאלטער אפאטיע, אדער וואלט זיך גענומען פארנעמען מיט וואלטעטיגער ארבייט; אבער מיטאמאל האט איר ניט געזעצליכער חלום אנגענומען א גאנץ ערענסטע און דראענדע ווענדונג, ווען זי האט פון א פאר ווערטער, וואס האבען זיך צופעליג ארויסגעריסען פון שטאלצ'ען קלאר דערזען, אז זי האט פארלארען אין אים א פריינד און ערווארבען זיך א לײדענשאפטליכען פאר־

ערער. די פריינדשאַפט איז דערטרונקען געוואָרען אין דער ליבע.

און אין דעם פרימאָרגען, ווען זי האָט עס אַנטדעקט איז זי בלייך געוואָרען; זי איז אַ גאַנצען טאָג ניט ארוים פון צי־מער, געוועזן אויפגערעגט, געקעמפט מיט זיך אליין, געטראַכט, וואָס זי דאַרף איצט טאָן, וואָס פאַר אַ פליכט עס ליגט אויף איר — און זי האָט גאָר ניט אויסגעטראַכט. זי האָט זיך בלויז פאַרגעוואָרפען, פאַר וואָס זי האָט גלייך אין אָנפאַנג ניט באַזיגט איר שעמעוודיגקייט און ניט דערצעהלט וואָס עס האָט מיט איר פּאַסירט, און איצט דאַרף זי נאָך בייקומען די שרעק אויך.

עס זיינען געוועזן מאָמענטען פון אַנטשלאָסענהייט, ווען אין איר ברוסט האָבען זיך אָנגעקליבען טרערען, ווען איר האָט זיך געוואָלט וואַרפען זיך צו אים, און ניט מיט קיין ווערטער, נאָר מיט יאָמער געשרייען, אין אוממאַכט, אין קרעמ־פען דערצעהלען אים וועגען איר ליבע, אַז ער זאָל אויך קאָנען זען, אַז זי האָט זיך באַפרייט פון איר.

זי האָט געהערט ווי אַנדערע האַנדלען אין אַזוינע פאַלען. סאָניטשקאַ, צום ביישפּיל, האָט געזאָגט איר חתן, אַז דאָס האָט זי בלויז געמאַכט חוזק פון דעם קאָרנעט, אַז ער איז בכלל נאָך אַ אינגעל, אַז זי האָט צופלייסענס אים געלאָזען וואַרטען אין דער קעלט, ביז זי איז ארוים און געזעצט זיך אין דער קארעט, א. א. וו.

סאָניטשקאַ וואָלט זיך אַפילו אויף אַ רגע ניט פאַר־טראַכט זיך און געזאָגט וועגען אַבלאָמאָוו׳ן, אַז זי האָט בלויז געשפּאַסט מיט אים פאַר צייטפאַרטרייב, אַז ער איז זער לע־כערליך, און אַז קיין שום מענש וועט גאָר ניט גלויבען, אַז מען קאָן אַזוינס ליבען. אָבער אַזאַ אויפפירונג האָט אפשר געקאָנט באַרעכטפערטיגען סאָניטשקאַ׳ס מאַן, אָדער אַנדערע מענשען, אָבער קיינמאָל ניט שטאָלץ.

אָלגאַ האָט אַפילו געקאָנט די זאַך פאַרשטעלען אין אַ בעסער ליכט, זאָגען, אַז זי האָט בלויז געוואָלט ארויסשלעפען

אבלאמאוו

אַבלאַמאַוו׳ן פון דעם אָפּגרונד און פאר דעם צוועק האָט זי באַנוצט, אזוי צו זאָגען, א חבר׳שע קאַקעטעריי... כדי אויפ־צומונטערען א גוסס׳ן מענשען און דערנאָך אוועקצוגעהן פון אים. אָבער דאָס וואָלט שוין געקלונגען צופיל פּאַרפּלאָנטערט, אויסטערליש און יעדענפאלס וואָלט עס ווייט געווען פון אמת... ניין, עס איז ניטאָ קיין רעטונג פאר מיר!

„גאָט מיינער! אין וואָס פאר א קעסעל־גרוב בין איך דאָס אריינגעפאלען! — האָט זיך אָלגא אליין געפּייניגט. — דערצעהלען!... אָך, ניין, זאָל ער א לאַנגע צייט, זאָל ער קיינ־מאָל ניט געוואָר ווערען דערפון! און אויב ווידער ניט דער־צעהלען, איז דאָס זעלבע, וואס גנב׳ענען! דאָס מאכט דאָך דעם איינדרוק פון א שווינדעל, פון אונטערשמייכלען זיך. גאָט, העלף מיר!...” אָבער קיין הילף איז ניט געקומען.

ווי זי האָט ניט קיין הנאה געהאַט פון שטאָלצ׳עס אנווע־זענהייט, אָבער צייטענווייז האָט זי בעסער געוואָלט זיך ניט באַגעגענען מיט אים אין גאַנצען, דורכגעהן דורך זיין לעבען ווי א קוים באמערקטער שאָטען, ניט פאַרפינסטערען זיין ליכ־טיג און פארשטענדיג לעבען דורך אַן אומגעזעצליכער ליידענ־שאַפט.

זי וואָלט אביסעל געטרויערט אויף איר ניט איינגעגע־בענער ליבע, באוויינט אביסעל דאָס פארגאנגענע, באַגראבען אין הארצען די עררינערונג וועגען אים, דערנאָך... וואָלט זיך אפשר געמאכט „אַן אנשטענדיגע פּארטיי” און זי וואָלט גע־ווארען א גוטע, קלוגע און איבערגעגעבענע פרוי און מוטער, איר פארגאנגענהייט וואָלט זי אָנגענומען פאר א מיידעלשע פאַנטאַזיע, און זי וואָלט ניט דורכגעלעבט, נאָר זיך דורכגע־מוטשעט דאָס לעבען. טוען דאָך אלע אזוי!

אָבער דאָ האַנדעלט זיך ניט בלויז וועגען איר אליין, דאָ איז פארמישט נאָך איינער, און אָט דער איינער בויט אויף איר זיינע בעסטע האָפנונגען.

„ווארום האָב איך... געליבט?” האָט זי זיך געפּייניגט און דערמאָנט זיך דעם פרימאָרגען אין פּארק. ווען אַבלאָ־

מאָוו האָט געוואָלט אַנטלויפֿען, און איר האָט זיך געדאַכט, אַז איר לעבענס־בוך וועט זיך פֿאַרמאַכען אויף אייביג, אויב אַבלאָמאָוו זאָל אַנטלויפֿען. זי האָט אַזוי לייכט און פֿריי גע־לעזט די פֿראַגע פֿון ליבע, לעבען, און עס איז איר אַלץ געווען אַזוי קלאָר — און מיטאַמאָל איז אַלץ אַזוי פֿאַרפּלאָנטערט געוואָרען, אַז מען קאָן עס ניט פֿאַנאַנדערקניפּען.

זי האָט זיך גע'חכמה'ט, געמיינט, אַז מען דאַרף נאָר אַ פֿרייען קוק געבען, געהן גלייך — און דאָס לעבען וועט, ווי אַ טישטוך, זיך אויסשפּרייטען אונטער אירע פֿיס, און מיט־אַמאָל גאָר...! זי האָט ניט אויף וועמען צו וואַרפֿען די שולד, זי אַליין איז שולדיג!

ניט פֿאַרדעכטענדיג צוליב וואָס שטאָלץ איז געקומען, איז אָלגאַ זאָרגלאָז אויפֿגעשטאַנען פֿון דער סאָפֿע, אוועקגעלייגט דאָס בוך און אים אַנטקעגען געגאַנגען.

— שטער איך אייך ניט? — האָט ער געפֿרעגט צוזע־צענדיג זיך צום פֿענסטער, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען צום זעע, — איר האָט געלעזען?

— ניין, איך האָב שוין אויפֿגעהערט צו לעזען: עס ווערט שוין טונקעל. איך האָב געוואַרט אויף אייך! — האָט זי אַרויסגערעדט ווייך, פֿריינדליך, צוטרוילין.

— איז טאַקע גוט: איך דאַרף מיט אייך עפּעס איבער־רעדען, — האָט ער ערנסט באַמערקט, אונטעררוקענדיג איר אַ שטול לעבען פֿענסטער.

זי האָט זיך אַ צאַפּעל געטאָן און עס האָט איר אָפּגענו־מען דער לשון. הערנאָך האָט זי זיך מעכאַניש אַרונטערגע־לאָזען אין שטול אַריין און, אַרונטערגעלאָזען דעם קאָפּ, ניט אויפֿהויבענדיג די אויגען, איז זי געזעסען אין אַ פּיינליכער שטימונג. איר האָט זיך געוואָלט אין דעם מאָמענט זיין באַטש אַ הונדערט מייל ווייט פֿון דאַנען.

און ווי אַ בליץ, האָט פּונקט אין דער רגע דורכגעטראָגען זיך אין איר זכרון איר פֿאַרגאַנגענהייט. „עס קומט די שעה פֿון משפּט! מען טאָר זיך אין לעבען ניט שפּילען, ווי מען

שפּילט זיך מיט פּופּען!" האָט זי דערהערט אַ שטימע. „וויצעל זיך ניט מיט'ן לעבען, ווארים דו וועסט באַצאָלען דערפאר!"

זיי האָבען געשוויגען אייניגע מינוט. עס איז געווען קלאָר, אַז ער קלייבט צוזאמען זיינע געדאנקען. מיט שרעק האָט זיך אָלגא איינגעקוקט אין זיין אפּגעפאלען געזיכט, אין זיינע צוזאמענגעצויגענע ברעמען, אין זיינע צוזאמענגעדריקטע ליפּען מיט'ן אויסדרוק פון אנטשלאָסענהייט.

„נעמעזיס!..." האָט זי אַ טראַכט געטאָן און אינערליך אויפגעציטערט. זיי האָבען זיך ביידע אזוי ווי געגרייט צום דועל.

— איר שטויסט זיך דאָך זיכער אָן, אָלגא סערגעיעווגא, וועגען וואָס איך וויל רעדען? — האָט ער געזאָגט און פרע־נענדיג געקוקט אויף איר.

ער איז געזעסען ביי דער וואנט צווישען ביידע פענס־טער, אין דער צייט, וואס דאָס ליכט פון פענסטער איז גע־פאלען אויף איר, און ער האָט געקאָנט זען, וואס עס קומט מיט איר פאָר.

— פון וואנען זאָל איך וויסען? — האָט זי שטיל גע־ענטפערט.

האָבענדיג פאר זיך אַזאַ געפערליכען געגנער, האָט זי שוין ניט געהאַט אין זיך יענעם ווילענסקראַפט און כאַראַקטער, אויך ניט יענע דורכדרינגליכקייט און דאָס קאָנען זיך באהער־שען, וואס זי האָט אַרויסגעוויזען צו אָבלאָמאָוו'ן.

זי האָט פאַרשטאַנען, אַז אויב זי האָט געקאָנט ביז איצט זיך באהאלטען פון שטאָלצ'ס שארפען בליק און פירען ער־פאָלגרייך די מלחמה, האָט זי עס ניט געהאַט צו פארדאנקען איר אייגענעם כוח, ווי עס איז געווען דער פאַל מיט אָב־לאָמאָוו'ן, נאָר שטאָלצ'ס איינגעשפּארט שוויינען און זיין גע־היימניספולען אויפפירען זיך. אבער אויפ'ן אפענעם פעלד איז דאָס איבערגעוויכט אויף זיין זייט, און דערפאר האָט זי מיט דער פראגע: „פון וואנען זאָל איך וויסען?" געוואָלט

בלויז געווינען צייט, כדי דער שונא זאָל דערווייל אנטפּלעקען זיינע אבזיכטען.

— איר ווייסט ניט? — האָט ער אָפענהערציג ארויס־גערעדט. — וועל איך עס אייך זאָגען...

— ניין, זאָגט ניט! — האָט זיך מיטאמאָל ארויסגעריסען פון איר.

זי האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר דער האנט און געקוקט אויף אים ווי זי וואָלט אים געבעטען, אז ער זאָל אויף איר רחמנות האָבען.

— אָט זעט איר שוין, אז איך האָב געטראָפען, אז איר ווייסט! — האָט ער ארויסגערעדט.

זי האָט געשוויגען.

— אויב איר האָט פאָראויסגעזען, אז איך וועל זיך אמאָל ארויסרעדען פאַר אייך, ווייסט איר דאָך זיכער וואָס מיר צו ענטפערען? — האָט ער געפרעגט.

— איך האָב עס פאַראויסגעזעהן און געליטען דער־פון! — האָט זי געזאָגט, אויסבויגענדיג זיך אויף איר שטול אָן א זייט פון דעם ליכט, און זי האָט אין די געדאַנקען גע־רופען די דעמערונג צו הילף, כדי ער זאָל ניט זען דעם קאַמף וואס קומט פאַר אויף איר פּנים.

— געליטען! דאָס איז א זאָנדערבאַר וואָרט, — האָט ער כמעט פליסטערענדיג ארויסגעזאָגט, — דאָס איז דאַנ־טע'ס: „זאָג זיך אָפּ אויף אייביג פון דיינע האָפנונגען." מיר בלייבט שוין גאָר ניט וואס צו זאָגען: דאס וואָרט זאָגט שוין אלץ. אבער איך דאַנק אייך דערפאַר, — האָט ער צו־געלייגט מיט א טיפען זיפץ, — איך בין ארויס פון דער פינס־טערניש, איך ווייס וויינגסטענס וואס מיר בלייבט צו טאָן. עס איז בלויז איין רעטונג דאָ פאַר מיר — וואס גיכער אנט־לויפען!

ער האָט זיך אויפגעשטעלט.

— ניין, ווי גאָט איז אייך ליב, ניין! — האָט זי זיך א וואָרף געטאָן צו אים, און אנכאַפּענדיג אים ווידער פאַר

דער האנט, האָט זי אין שרעק און מיט געבעט אנגעהויבען צו רעדען. — האָט רחמנות אויף מיר: וואס וועט פון מיר ווערען! ?

ער האָט זיך אוועקגעזעצט, זי אויך.

— אָבער איך האָב אייך ליב, אָלגא סערגעיעווגא! — האָט ער כמעט מיט שטרענגקייט ארויסגערעדט. — איר האָט אליין געזען, וואס עס איז מיט מיר פארגעקומען פאר דעם האלבען יאָר! אייך ווילט זיך א פולשטענדיגען טריאומף? איך זאָל אויסגעהן, משוגע ווערען? א שעהנעם דאנק אייך דערפאר.

איר פנים האָט זיך איבערגעביטען.

— פאָרט אייך! — האָט זי ארויסגערעדט מיט דער ווירדע פון פארשטיקטער באליידיגונג און מיט א טיפען טרויער, וואס זי איז ניט געווען בכוח צו פארדעקען.

— זייט מיר מוחל! — האָט ער זיך אנטשולדיגט. — איך ווייס, אז איר ווילט עס ניט, אָבער אין דער זעלבער צייט קאָנט איר ניט אריינגעהן אין מיין לאַגע, און דערפאר קומט אייך מאָדנע אוים מיין פארלאנג צו לויפען. ניט וויסענדיג ווערט אָפט דער מענש אן עגאָאיסט.

זי האָט איבערגעביטען איר פאָזע, אזוי ווי עס וואָלט איר ניט געווען באקוועם צו זיצען, אבער זי האָט גארנישט ניט געזאָגט.

— זאָל מען זאָגען, אז איך וועל בלייבען: וואס וועט דערפון ארויסקומען? — האָט ער ווייטער גערעדט. — איך פארשטעה, אז איר וועט מיר פאָרלייגען אייער פריינדשאפט, אָבער זי איז דאָך סיי ווי סיי מיינע. איך מעג אפילו אוועקפאָרען און אין א יאָר ארום, אין צוויי יאָר ארום וועט אייער פריינדשאפט אלץ זיין מיינע. פריינדשאפט איז זער א גוטע זאך, אָלגא סערגעיעווגא, ווען זי איז די ליבע צווישען א יונגען מאן און פרוי, אדער די עררינערונג פון דער ליבע צווישען אלטע לייט. אָבער גאָט זאָל אָפּהיטען, אויב זי איז פון איין זייט פריינדשאפט און פון דער צווייטער — ליבע. איך ווייס,

אז אייך איז ניט לאנגווייליג מיט מיר, אבער וואס פיל איך?

— אויב עס איז אזוי, פארט אייך! — האט זי קוים הערבאר ארויסגערעדט.

— בלייבען! — האט ער אויפ'ן קול געטראכט, — דאס הייסט, געהן אויפ'ן שארף פון מעסער — מען קאן ניט זאגען — א פיינע פריינדשאפט!

— און מיר איז דען לייכטער? — האט זי אומערוואר־טעט ארויסגערעדט.

— ווארום עפעס אייך? — האט ער לעבהאפט א פרעג געטאן. — איר... איר ליבט דאך ניט...

— איך ווייס ניט, ערען ווארט איך ווייס ניט! נאר אויב איר... אויב מיין איצטיג ארט לעבען וועט אננעמען אן אנדער כאראקטער, וואס וועט דאמאלט פון מיר ווערען? — האט זי טרויעריג, כמעט צו זיך, געזאגט.

— ווי אזוי דארף איך דאס פארשטעהן? מאכט מיך, ווי גאט איז אייך ליב, קלוג! — האט ער געזאגט, צורוקענדיג צו איר זיין שטול. ער איז געפלעט געווארען פון אירע ווער־טער און פון טיפען, ניט געמאכטען טאן, אין וועלכען זיי זיי־נען געזאגט געווארען.

ער האט זיך געמיט ארויסצולעזען פון איר פנים. זי האט געשוויגען. אין איר הארצען האט געברענט א פארלאנג אים צו בארואיגען, צוריקצונעמען דאס ווארט „געליטען", אדער ערקלערען עס אנדערש ווי ער האט עס ערקלערט, אבער ווי עס ערקלערען, האט זי אליין ניט געוואוסט, נאר זי האט אומ־קלאר געפילט אז זיי ביידע ליגען אונטער דעם יאך פון ספקות, אין א פאלשער לאגע, אז דערפון איז זייביידען שווער און אז ער בלויז וואלט געקענט, אדער זי מיט זיין הילף וואלט געקאנט באלויכטען און ברענגען אין ארדנונג די פארגאנגענהייט און די געגענווארט. אבער כדי דאס צו קאנען אויספירען דארף מען איבערשפאנען א תהום, דער־

צעהלען אים אלץ, וואס מיט איר האָט פּאסירט: ווי האָט זי געגאַרט און ווי האָט זי זיך געשראָקען פאר זיין אורטייל!

— איך אליין ווייס ניט וואס מיט מיר קומט פאר, איך בין מער אין כאַאָס, אין פינסטערניש, ווי איר! — האָט זי געזאָגט.

— זאָגט מיר, גלויבט איר מיר? — האָט ער געפרעגט, אָננעמענדיג זי פאר דער האנט.

— אָן א שיער, ווי דער מוטער מיינער, איר ווייסט דאָך דאָס אליין, — האָט זי געענטפערט שטיל.

— טאָ דערצעהלט מיר, וואס עס האָט מיט אייך פּאסירט פאר דער צייט, וואס מיר האָבען זיך ניט געזען. איך קאָן אייך איצט ניט פארשטעהן, אין דער צייט וואס פריער האָב איך אויף אייער פּנים געקאָנט לעזען אייערע געדאנקען. איך מיין, אז דאָס איז דער איינציגער מיטעל פאר אונז צו פארשטעהן איינער דעם צווייטען. זייט איר איינפארשטאַנען מיט מיר.

— יא, יא, דאָס איז אומבאדינגט נויטיג... מען מוז עס אויף אַזאַ אָדער אנדער אופן ענדיגען... — האָט זי ארויסגערעדט מיט טרויער צוליב דער אומפארמיידליכער וידוי. „נעמעזיס! נעמעזיס!" האָט זי געטראכט, בויגענדיג דעם קאָפּ צו דער ברוסט.

זי האָט ארונטערגעלאזען דעם קאָפּ און געשוויגען. און אין זיין נשמה האָט אַ וועה געטאָן מיט שרעק פון אירע פּאָר איינפאכע ווערטער און נאָך מער פון איר שווייגען.

„זי פּייניגט זיך! גאָט! וואָס האָט מיט איר פּאַסירט?" האָט ער געטראכט א באַגאָסענער מיט קאַלטען שווייס, און ער האָט געפילט, אז עס ציטערען אים הענט און פיס. זיין פאנטאַזיע האָט זיך געמאָלען עפּעס שוידערליכעס. זי שוויגט נאָך אלץ און מען קאָן זען, אז עס קומט פאר אין איר א קאמף.

— אלזא... אלגא סערגעיעווגא... — האָט ער זי אונטערגעאיילט.

זי האָט געשוויגען, זי האָט ווידער געמאַכט א נערוועזע באַוועגונג, וואָס מען האָט ניט געקאָנט זען אין דער פינסטער, מען האָט נאָר געהערט ווי דאָס זייַדענע קלייד האָט א שאָרך געטאָן.

— איך נעם זיך אָן מיט מוט, — האָט זי ענדליך אַרויס־געריעדט, — אָ, ווען איר זאָלט וויסן, ווי עס איז שווער! — האָט זי צוגעלייגט, אַוועקדרעהענדיג זיך אָן א זייט, און מי־ענדיג זיך צו באַזיגען דעם קאַמף, וואָס איז פאָרגעקומען אין איר.

איר האָט זיך געוואָלט, אַז שטאָלץ זאָל אַלץ געוואָר ווער־רען ניט פון איר מויל, נאָר דורך עפּעס א נס. צום גליק, איז שוין אָוונט און די דונקעלהייט האָט פאַרדעקט איר פּנים, און פאַרראַטען האָט איר בלויז געקאָנט דער קול, אָבער די ווערטער זיינען ניט אַרונטער פון דער צונג, אַזוי ווי זי וואָלט ניט געוואוסט מיט וואָס פאַר א טאָן אָנצוהויבען.

„גאָט מיינער! איך מוז זיין זער זינדיג, אויב איך שעם און פּייניג זיך אַזוי!" האָט זי געטראַכט ביי זיך אין האַרצען.

און ווי לאַנג צוריק ערשט האָט זי מיט אַזא זיכערהייט זיך געוואָרפען מיט איר און מיט א פרעמדען לעבען, און ווי איז זי דאָס געווען קלוג, געוואַגט! און איצט איז געקומען איר ריי צו ציטערען, ווי א קינד! עס האָט זי געפּייניגט די חרפּה פאַר דער פאַרגאַנגענהייט, איר איצטיגע פאַלשע לאַגע... עס איז איר געווען אומערטרעגליך!

— איך וועל אייך צוהעלפען... איר האָט... געליבט?...

— האָט שטאָלץ קוים וואָס אַרויסגערעדט, עס איז אים שווער געוואָרען פון זיין אייגען וואָרט.

זי האָט עס באַשטעטיגט מיט איר שוויגען. עס האָט א וועה געטאָן אויף אים מיט שרעק.

— וועמען? איז עס א סוד? — האָט ער זי געפרעגט, מיענדיג זיך אַרויסצורעדען שאַרף, אָבער האָט אַליין געפיהלט, אַז עס ציטערען אים די ליפּען.

אַבלאַמאַוו

און איר איז געוואָרען נאָך נאָך שווערער. איר האָט זיך געוואָלט זאָגען אַ צווייטען נאָמען, אויסטראַכטען אַן אַנדער געשיכטע. זי האָט זיך אַ רגע געוואַקעלט מיט איר מיינונג, אָבער זי האָט ניט געהאַט קיין אויסוועג, און זי האָט אַרויסגערעדט:

— אַבלאַמאַוו'ן!

ער איז פארגליווערט געוואָרען. אַ צוויי מינוט האָט דאָס שווייגען זיך געצויגען.

— אַבלאַמאַוו'ן! — האָט ער אַן ערשטוינטער ווידערהאָלט. — דאָס איז ניט אמת! — האָט ער אַ ווײַלע שפּעטער אין דער שטיל צוגעליינט מיט זיכערקייט.

— עס איז אמת! — האָט זי רואיג געזאָגט.

— אַבלאַמאַוו'ן! — האָט ער נאָכאַמאָל ווידערהאָלט. — עס איז אוממעגליך! — האָט ער אַנטשלאָסען צוגעליינט. — עס איז איינס פון די ביידע: אָדער איר האָט ניט פארשטאַנען ניט זיך און ניט אַבלאַמאַוו'ן, אָדער איר האָט ניט פארשטאַנען וואָס עס איז אַזוינס ליבע.

זי האָט געשוויגען.

— דאָס איז קיין ליבע ניט, דאָס איז עפּעס אַנדערש, — האָט ער איינגעשפּאַרט אַרויסגערעדט.

— אמת, איך האָב בלויז מיט אים קאָקעטירט, געפירט אים פאַר דער נאָז, גימאַכט אים אומגליקליך... און איצט, קומט אויס לויט אייער מיינונג, נעם איך זיך פאַר אייך! — האָט זי אַרויסגערעדט מיט אַן איינגעהילטענער שטימע, און אין איר שטימע האָבען זיך ווידער דערהערט טרערען.

— טייערע אָלגאַ סערגעיעווּנאַ! זייט ניט בייז, רעדט ניט אַזוי: דאָס איז ניט אייער אַרט רעדען. איר ווייסט, אַז איך מיין דאָס ניט. אָבער מיין קאָפּ קאָן ניט פאַרנעמען, איך פאַרשטעה ניט, ווי אַזוי אַבלאַמאַוו...

— אויב ער איז ווערט אייער פריינדשאַפט, פאַרוואָס איז ער ניט ווערט מיין ליבע? — האָט זי זיך פאַרטיידיגט.

— איך ווייס, — האָט ער געענטפערט, — אַז די ליבע

שטעלט ניט אַרויס אַזוינע שטרענגע פאָדערונגען, ווי עס שטעלט די פריינדשאַפט; איך ווייס, אַז די ליבע איז אָפט בלינד, אַז מען האָט ניט ליב אַ מענטשן לויט זיינע פאַרדינסטען. אָבער כדי געליבט צו ווערן דאַרף מען באַזיצען אַזוינס, אָפטמאָל איז עס גאַנץ אומבאַדייטענדעס, וואָס מען קאָן עס ניט באַ־שטימען, וואָס עס האָט קיין נאָמען ניט, אָבער וואָס עס איז ניט פאַראַן אין מיין אונפאַרגלייכבאַרען, אָבער אומבאַוועגלי־כען איליאַ. דאָס איז די אורזאַך פון מיין פאַרוואונדערונג.

הערט זיך איין, — האָט ער לעבהאַפט ווייטער גערעדט, — אַזוי אַרום וועלען מיר קיינמאָל ניט דערגעהן צו אַ סוף, וועלען זיך קיינמאָל ניט פאַרשטעהן. שעמט זיך ניט מיט די איינ־צעלהייטען, האָט אַ האַלבע שעה אויף זיך קיין רחמנות ניט, דערצעהלט מיר אַלץ, וועל איך אייך זאָגען, וואָס עס איז אין דער אמת'ן געוועזן, און גאַנץ מעגליך, וואָס עס וועט זיין... מיר דאַכט זיך אַלץ, אַז עס איז ניט דאָס... אַך, ווען עס זאָל זיך טאַקע אַזוי אויסלאָזען! — האָט ער מיט באַגייסטערונג אַרויסגערעדט. — ווען עס זאָל זיך אויסלאָזען, אַז טאַקע אָב־לאָמאָוו'ן און ניט קיין אַנדערען! אָבלאָמאָוו'ן! דאָס וואָלט געהייסען, אַז איר באַלאַנגט ניט צו דער פאַרגאַנגענהייט, אַז איר זייט פריי... דערצעהלט, וואָס גיכער דערצעהלט! — האָט ער מיט אַ רואיגער, כמעט פרעהליכער שטימע פאַרענ־דיגט.

— יאָ, אום גאָטעס ווילען! — האָט זי צוטרויליך גע־ענטפערט, אַ דערפרעהטע, וואָס מען האָט אַרונטערגענומען פון איר כאָטש אַ טייל פון דער משא. — איך ווער משוגע. אַ, ווען איר זאָלט וויסען ווי באַדויערנסווערט איך בין! איך ווייס ניט, צי איך בין שולדיג אָדער ניט, צי איך דאַרף זיך שעמען מיט מיין פאַרגאַנגענהייט, באַדויערען זי, האָפען אויף מיין צוקונפט, אָדער פאַרצווייפעלט ווערען... איר האָט גערעדט וועגען אייערע ליידען, און איר האָט גאָרנישט ניט פאַרדעכ־טיגט מיינע. הערט מיך אויס ביז'ן סוף, אָבער הערט מיך ניט מיט אייער שכל: איך האָב מורא פאַר אייער שכל; הערט

מיך בעסער אוים מיט אייער הארץ: אפשר וועט אייער הארץ איינזען, אז איך האב קיין מאמע ניט, אז איך בין געוועזן ווי אין א וואלד... — האט זי שטיל, מיט א דערשלאגענער שטימע צוגעלייגט. — ניין, — האט זי אויף שנעל באלד ארויסגע־רעדט, — האט מיט מיר קיין איינזען ניט. אויב דאס איז טאקע געוועזן ליבע, זאלט איר... אוועקפארען. — זי האט זיך אפגעשטעלט אויף א רגע. — און קומט צוריק שפעטער, ווען אין אייך וועט ווידער רעדן נאר די פריינדשאפט אליין. אויב אבער דאס איז געוועזן בלויז קאקעטעריי, — זאלט איר זיך באציען צו מיר אן רחמנות, אנטלויפט פון מיר וואס וויטער, פארגעסט מיך. איצט הערט.

און אלס אן ענטפער האט ער איר שטארק א דריק געטאן ביידע הענט.

און עס האט זיך אנגעהויבן אלגא'ס וידוי, א לאנגע, אן אויספירליכע. זי האט גענומען געגוי, ווארט ביי ווארט אי־בערטראגען פון איר קאפ אין א פרעמדען אלץ, וואס עס האט זי אזוי געמאטערט, וואס עס האט זי געמאכט רויט ווערען, אלץ מיט וואס זי האט זיך ביז איצט איבערגענומען, געוועזן גליק־ליך, און דערנאך מיטאמאל ארייגעפאלען אין א ים פון טרויער און צווייפעל.

זי האט דערצעהלט וועגען זייערע שפאצירונגען, וועגען פארק, וועגען אירע האפנונגען, וועגען דעם ווי אבלאמאוו פלעגט אויפלויכטען און באלד צוריק פארזונקען ווערען אין זיין אפאטיע, וועגען דעם צווייגעל בעז און אפילו וועגען דעם קוש. זי האט בלויז פארשוויגען דעם שטיקענדיגען אוועגט אין פארק, מסתמא דערפאר, וואס זי האט נאך אלץ ניט גע־האט באשלאסען, פון וואס פאר א כאראקטער איז עס געוועזן יענער פאל.

אין אנפאנג האט זיך בלויז געהערט איר דערשטיקט פליס־טערען, אבער וואס וויטער זי האט גערעדט, איז איר שטימע געווארען אלץ קלארער און פרייער. פון פליסטערען איז זי [illegible]

א פולען טאָן. זי האָט געענדיגט רואיג, ווי זי וואָלט דער־צעהלט א פרעמדע געשיכטע.

און עס האָט זיך פאנאנדערגענומען די פאָרהאנג פון דער פארגאנגענהייט אין וועלכער זי אליין האָט ביז דער מינוט מורא געהאט א קוק צו טאָן. אויף פילעס האָבען זיך ביי איר געעפענט די אויגען, און זי וואָלט פריי און אָפען א קוק געטאָן אויף שטאָלצ׳ען, ווען עס וואָלט ניט געוועז אזוי דונקעל.

זי האָט געענדיגט און געוואַרט אויף איר אורטייל.

און ער? מען הערט ניט קיין וואָרט, קיין ריר, אפילו קיין אָטעם ניט, אזוי ווי זי אליין וואָלט בלויז געוועז אין צימער.

די דאָזיגע שטילקייט האָט זי ווידער אריינגעוואָרפען אין א צווייפעל. דאָס שווייגען האָט אָנגעהאלטען. וואָס זאָל באַ־דייטען דאָס דאָזיגע שווייגען? וואָס פאַר אַן אורטייל גרייט פאַר איר צו דער דורכדרינגליכער און גנעדיגסטער ריכטער אויף דער וועלט? אַלע איבעריגע וועלען זי אומרחמנות׳דיג פאַר־אורטיילען, בלויז ער אליין וואָלט געקאָנט זיין איר פארטייי־דיגער... זי אליין וואָלט אים אויסגעקליבען... ער וואָלט אַלץ פארשטאנען, באגריפען און נאָך בעסער פון איר אליין וואָלט ער אנטשידען צו גונסטען איר! אָבער ער שווייגט: איז זיין אורטייל געגען איר?

ווידער האָט א שרעק זי ארומגענומען.

עס האָט זיך געעפענט די טיר, און צוויי ליכט, וואָס די דינסט האָט אריינגעטראָגען, האָבען מיט זייער שיין באלויכ־טען זייער ווינקעל.

זי האָט א וואָרף געטאָן אויף אים א דערשראָקענעם, אָבער א הונגעריגען, פרגענדיגען בליק. ער האָט צוזאַמענגעלייגט די הענט און געקוקט אויף איר מיט מילדע, אָפענע אויגען און געלאָבט זיך מיט איר צוטראָגענהייט.

איר איז א ביסעל וואָרעמער געוואָרען. זי האָט באַרואי־גענד א זיפץ געטאָן און שיער ניט צואווײנט זיך. זי איז גע־

ווען גליקליך, ווי א קינד, וואָס מען האָט מוחל געווען, באַרו־אינט און א צערטעל געטאָן.

— דאָס איז אַלץ? — האָט ער שטיל א פרעג געטאָן?

— אַלץ! — האָט זי געזאָגט.

— און וואו איז זיין בריוו?

זי האָט דעם בריוו ארויסגענומען פון פּאָרטפּעל און אים דערלאַנגט. ער איז צוגעגאַנגען צום ליכט, אים איבערגעלעזען און אוועקגעלייגט אויפ'ן טיש. און זיינע אויגען זיינען געווען געווענדט אויף איר מיט יענעם אויסדרוק, וואָס זי האָט שוין לאַנג ניט געזען אין אים.

פאַר איר איז געשטאַנען איר פריערדיגער אָן א שיער גו־טער, אין זיך גלויבענדער, אביסעל אָפּשפּעטענדער אַלטער פריינד. אויף זיין פּנים איז ניטאָ קיין שום שאָטען פון ליי־דען, פון צווייפעל. ער האָט זי גענומען פאַר ביידע הענט, א קוש געגעבען פריער איינע און דערנאָך די צווייטע, און דער־נאָך זיך טיף פארטראַכט. זי איז אויך שטיל געווען און ניט קיין בלינצעל טוענדיג אפילו האָט זי אכטונג געגעבען אויף יעדען ריר פון זיין געזיכט.

מיטאמאָל האָט ער זיך אויפגעשטעלט.

— גאָט מיינער! ווען איך זאָל וויסען, אז עס האַנ־דעלט זיך דאָ וועגען אַבלאָמאָוו'ן, וואָלט איך דען זיך אזוי גע־פּייניגט! — האָט ער געזאָגט קוקענדיג אויף איר אזוי צערט־ליך, מיט אזוי פיל צוטרויען, ווי זי וואָלט גאָר ניט געהאַט אזא שרעקליכע פארגאַנגענהייט.

און עס איז איר געוואָרען פרעהליך אויפ'ן הארצען, עס איז איר געוואָרען יום־טוב'דיג. איר איז געווען לייכט. איר איז געוואָרען קלאָר, אז זי האָט זיך געשעמט בלויז פאַר אים אליין, אָבער ער פאַראורטיילט זי ניט, אַנטלייפט ניט! וואָס צרט איר איצט וואָס די גאַנצע וועלט וועט זאָגען!

ער האָט זיך שוין געהאַט באַהערשט, געווען פרעהליך; אָבער דאָס איז געווען ווייניג פאַר איר. זי האָט געזען, אז די שולד איז ארונטערגענומען געוואָרען פון איר אָבער זי,

אַלס באַשולדיגטע, האָט געוואָלט וויסען דעם אורטייל. אָבער ער האָט גענומען דעם הוט.

— וואוהין? — האָט זי געפרעגט.

— רוט זיך אויס, איר זייט אויפגערעגט! — האָט ער געזאָגט. — מאָרגען וועלען מיר איבעררעדען.

— איר ווילט, אז איך זאָל די גאַנצע נאַכט ניט שלאָפען? — האָט זי אים איבערגעשלאָגען, אָננעמענדיג אים פאַר דער האַנט און אָוועקזעצענדיג אים צוריק. — איר ווילט אוועקגעהן, ניט זאָגענדיג, וואָס דאָס איז אזוינס געווען... וואָס ער איז מיט מיר אַצינד, און וואָס וועט זיין שפּעטער. האָט רחמנות, אַנדרעי איוואַניטש: ווער דען וועט עס מיר זאָגען? ווער וועט מיך באַשטראָפען, אויב איך בין עס ווערט, אָדער... ווער וועט מיך פריישפּרעכען? — האָט זי צוגעלייגט און אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אזאַ צערטליכע פריינדשאַפט, אז ער האָט אַ וואָרף געטאָן דעם הוט און שיער ניט געפאַלען צו אירע פיס.

— מלאך — ערלויבט מיר צו זאָגען — מיינער! — האָט ער גערעדט. — מאַטערט זיך ניט אומזיסט: עס איז אייך ניטאָ פאַר וואָס צו באַשטראָפען און עס איז ניטאָ וואָס אייך מוחל זיין. איך האָב אפילו ניט וואָס צוצוגעבען צו אייער ערצעהלונג. וואָס פאַר אַ צווייפלען קאָנען זיין ביי אייך? איר ווילט וויסען וואָס דאָס איז אזוינס געוועזן, אָנרופען עס ביים נאָמען? איר ווייסט עס שוין פון לאַנג... וואו איז אָבלאָמאָוו'ס בריף?

ער האָט גענומען דעם בריף.

— הערט זיך איין! — און ער האָט געלעזען — אייער „איך האָב ליב" באַציט זיך ניט אויף אייער איצטיגער ליבע, נאָר אויף דער קומענדער. דאָס איז בלויז אַן אומבאַוואוסטע נויטווענדיגקייט צו ליבען, וואָס, אַ דאַנק מאַנגעל אין אמת'ער שפּייז, דריקט זי זיך טיילמאָל ביי פרויען אויס אין די צערטליכקייטען צו אַ קינד, צו אַן אַנדער פרוי, אָדער פּשוט אין טרערען, אָדער היסטערישע צופאַלען! איר האָט אַ טעות (האָט שטאָלץ באַטאָנט דאָס וואָרט) פאַר אייך שטעהט ניט

דער וועגען וועמען איר האָט גע'חלומ'ט, אויף וועמען איר האָט געוואַרט. וואַרט־צו — ער וועט קומען, און דאַמאָלט וועט איר אויפוואַכן און זיך דערגערען און שעמען פאַר אייער טעות...״

— קוקט זיך איין, ווי דאָס איז אַלץ ריכטיג! — האָט ער געזאָגט. — אי איר האָט זיך געשעמט, אי אייך האָט גע־ערגערט פאַר אייער... טעות. איך האָב ניט וואָס צוצולייגען צו דעם. ער איז געווען גערעכט, און אייער גאַנצע שולד באַ־שטעהט אין דעם, וואָס איר האָט אים ניט געגלויבט. איר האָט זיך געדאַרפט דאַמאָלט צוגעהן; אָבער אים איז בייגע־קומען אייער שענהייט... און אייך האָט גערירט... זיין טיפע צערטליכקייט! — האָט ער מיט אַ לייכטען חוזק אַרויסגע־רעדט.

— איך האָב אים ניט געגלויבט, ווייל איך האָב געמיינט, אַ האַרץ האָט קיין טעות ניט.

— ניין, עס מאַכט אָפט יאָ אַ טעות, און נאָך וואָס פאַר אַ טעות'ן! אָבער ביי אייך איז עס דאָך נאָך ניט צוגעקומען צו האַרץ, — האָט ער צוגעלייגט, — זעלבסט־ליבע און איינ־בילדונג פון איין זייט, און פון דער צווייטער זייט — שוואַכ־קייט... און איר האָט זיך געשראָקען, אַז קיין צווייטער יום טוב וועט שוין ניט זיין אין לעבען, אַז אָט דער אָרעמער שטראַל וועט באַלויכטען אייער לעבען און דערנאָך וועט שוין הערשען אַן אייביגע נאַכט...

— און די טרערען? — האָט זי געזאָגט. — זיינען זיי אויך ניט געקומען פון האַרצען, ווען איך האָב געוויינט? איך האָב ניט געליינט, איך בין געווען אויפריכטיג...

— גאָט מיינער! — האָט ער געזאָגט. — וועגען וואָס וויינען ניט קיין פרויען? איר האָט דאָך אַליין געזאָגט, אַז אייך איז געווען אַ שאָד דאָס צווייגעל בעז, די באַנק. לייגט נאָך דערצו צו די אָפּגענאַרטע זעלבסטליבע, די ניט איינגעגע־

א. א. גאנטשאראוו

בענע ראָלע פון א רעטערין און אביסעל געוועהנהייט... האָט איר שוין געגוג אורזאכען פאר טרערען!

— און אונזערע באַגעגענישען, אונזערע שפּאַצירונגען, אויך טעות'ן! איר געדענקט דאָך, אז איך בין געווען ביי אים... — האָט זי אומרואיג צוגעלייגט, און אליין, דאכט זיך, האָט זי געוואָלט דערשטיקען אירע ווערטער.

און זי האָט זיך געוואָלט באשולדיגען בלויז דערפאר, וואָס זי האָט געוואָלט, אז ער זאָל וואָס שטארקער זי פארטיידיגען, אז זי זאָל אויסקומען וואָס מער גערעכט אין זיינע אויגען.

— פון אייער ערצעהלונג זעט מען ארויס, אז איר האָט אין אייערע לעצטע באַגעגענישען שוין ניט געהאט וועגען וואָס צו רעדען. אייער אזוי גערופענע „ליבע" איז געווען איינ־האלטלאָז; ווייטער האָט זי שוין ניט געקאָנט געהן, נאָך פאר אייער צושיידונג זייט איר זיך שוין געהאט צוגאנגען און איר זייט געווען געטריי ניט דער ליבע, נאָר איר שאָטען, וואָס איר האָט אליין אויסגעטראכט, — דאָס איז דער גאנצער סוד אייערער.

— און דער קוש? — האָט זיך א מורמעל געטאָן אזוי שטיל, אז ער האָט ניט דערהערט, נאָר אָנגעשטויסען זיך.

— דאָס, זעט איר, איז שוין זער אַן ערענסטע זאך, — האָט ער מיט א געמאכטער שטרענגקייט ארויסגערעדט, — דערפאר האָט מען אייך געדארפט באשטראָפען מיט אָפּנעמען איין געריכט ביים מיטאָג.

ער האָט א קוק געטאָן אויף איר מיט גרויס צערטליכקייט, מיט גרויס ליבע.

— א וויץ קאָן ניט רעכטפערטיגען אזא „טעות"! — האָט זי שטרענג ארויסגערעדט, באליידיגענדיג זיך פאר זיין גלייכגילטיגען און נאכלעסיגען טאָן. — מיר וואָלט פיל לייכ־טער געווען, ווען איר וואָלט מיך באשטראָפט מיט א הארב וואָרט, אָנגערופען מיין האנדלונג מיט'ן ריכטיגען נאָמען.

אַבלאַמאָוו

—איך וואָלט זיך ניט געוויצעלט, ווען עס וואָלט זיך גע־האַנדעלט וועגען אַן אַנדערען און ניט וועגען איליאַ'ן, — האָט ער זיך פאַרטיידיגט, — אין אַזאַ פאַל וואָלט דער טעות גע־קאָנט זיך ענדיגען מיט... אַן אומגליק, אָבער אַבלאָמאָוו'ן קען איך זעהר גוט...

— מיט אַן אַנדערען וואָלט עס קיינמאָל ניט פּאַסירט!

— האָט זי, אויפשפרינגענדיג אים איבערגעשלאָגען. — איך האָב אים דערקאָנט מער, ווי איר קאָנט אים...

— זעט איר דאָך שוין אַליין! — האָט שטאָלץ צוגע־שטימט.

— אָבער ווען ער וואָלט זיך... געענדערט, וואָלט אויפגע־לעבט, געפאָלגט מיך... וואָלט איך דען אים דאַמאָלט ניט ליב געקראָגען? וואָלט עס דען אין אַזאַ פאַל אויך געווען אַ ליגען, אַ טעות? — האָט זי גערעדט, כדי די זאַך אַרומצורעדען פון אַלע זייטען, אַז עס זאָל ניט איבערבלייבען דער קלענסטער פלעק, דער קלענסטער שאָטען.

— עס איז קיין צווייפעל ניט, — האָט שטאָלץ זי איי־בערגעשלאָגען, אַז ווען אויף זיין פּלאַץ וואָלט געווען אַן אַנ־דער מענש, וואָלטען זיך אייערע באַציאונגען פאַרוואַנדעלט אין ליבע, באַפעסטיגט זיך, און דאַמאָלט... אָבער דאָס איז שוין אַ צווייטער ראָמאַן מיט אַ צווייטען העלד, וואָס האָט גאָרנישט צו טאָן מיט אונז.

זי האָט אָפּגעזיפצט, ווי זי וואָלט אַרונטערגעוואָרפען די לעצטע משא פון איר נשמה. זיי האָבעןביידע געשוויגען.

— אַך, וואָס פאַר גרויס גליק איז... געזונט צו ווערען,

— האָט זי פּאַמעליך אַרויסגערעדט, ווי פאַנאַנדערבליענדיג זיך, און זי האָט געווענדעט אויף אים אַ בליק מיט אַזאַ טיפער דאַנקבאַרקייט, מיט אַזאַ הייסער, אומגעוועהנליכער פריינד־שאַפט, אַז ער האָט אין דעם בליק דערזען יענעם פונק, וואָס

ער האָט אומזיסט געזוכט א גאַנצען יאָר. ער האָט א צימער געמאָן פאר פרייד.

— גיין, געזונט ווער איך דאָס אצינד! — האָט ער גע־זאָגט און פארטראַכט זיך. — אָך, ווען איך וואָלט עס פריער געוואוסט, אַז דער העלד פון דעם ראָמאַן איז איליאַ! אָ, וויפיל צייט איז פאַראיבער, וויפיל בלוט איז קאַליע געוואָרען! פאַרוואָס? צוליב וואָס? — האָט ער כמעט מיט ערגערניש ווידערהאָלט.

אָבער ער האָט זיך אזוי ווי מיטאַמאָל אויסגעניכטערט פון אָט דער ערגערניש, אויפגעוואַכט פון זיין טיפער פאַר־חלום׳טקייט. זיין שטערען האָט זיך אויסגעגלייכט, די אויגען זיינען פרעהליכער געוואָרען.

— עס זעט אויס, אַז אזוי האָט עס געמוזט זיין, דער־פאַר אָבער ווי בין איך אצינד רואיג און... ווי גליקליך! — האָט ער א באַרוישטער צוגעלייגט.

— אזוי ווי עס וואָלט געווען א חלום, אזוי ווי גאָרניט וואָלט פאַסירט! האָט זי געזאָגט א פארטראַכטע און שטיל, וואונדערענדיג זיך אויף איר פּלוצליכער אויפלעבונג. — איר האָט ארויסגענומען ניט בלויז די שאַנדע, די חרטה, נאָר אויך די ביטערקייט, די יסורים — אַלץ... ווי אזוי האָט איר עס גע־טאָן? — האָט זי שטיל אים געפרעגט. — און דער... טעות וועט אינגאַנצען פאַראיבער?

— מיר דאַכט זיך, אַז אַלץ איז שוין אריבער! — האָט ער געזאָגט א קוק טועגדיג אויף איר צום ערשטען מאָל מיט ליידענשאַפטליכע בליקען און ניט פאַרהוילענדיג עס. — דאָס הייסט, אַלץ, וואָס האָט פאַסירט.

— און וואָס... וועט זיין... ניט קיין טעות... נאָר אַן אמת?... — האָט זי געפרעגט, ניט דעררעדענדיג.

— אָט שטעהט עס דאָ געשריבען, — האָט ער געזאָגט, נעמענדיג ווידער אַמאָל דעם בריף, — „פאַר אייך שטעהט ניט דער, וועמען איר האָט ערוואַרט, וועגען וועמען איר האָט גע־

חלום'ט. ער וועט קומען, און איר וועט אויפוואכען..." און איר וועט ליב קריגען, וועל איך צוליגען פון מיין זייט, אזוי ליב קריגען, אז עס וועט ניט נאר יארען, נאר דאס גאנצע לע־בען וועט צו קורץ זיין פאר אט דער ליבע, איך וויים בלויז ניט... ווען איר וועט ליב קריגען... — האט ער דערזאגט, פארשלינגענדיג זי מיט די אויגען.

זי האט ארונטערגעלאזען די אויגען און פארביסען די ליפען, אבער פון צווישען די וויהעם האבען ארויסגעדרונגען שטראלען, די ליפען האבען איינגעהאלטען דעם שמייכעל, אבער האבען אים ניט געקאנט פארהאלטען. זי האט א קוק געטאן אויף אים, אזוי הארציג זיך צולאכט, אז עס האבען זיך ביי איר אזש באוויזען טרערען.

— איך האב אייך געזאגט, וואס עס איז געווען מיט אייך און אפילו וואס עס וועט זיין מיט אייך, אלגא סערגעי־עוונא, — האט ער פארענדיגט. — און איר גיט מיר גאר קיין ענטפער ניט אויף מיין פראגע, וואס איר האט מיר ניט געלאזט דערענדיגען.

— אבער וואס קאן איך אייך זאגען? — האט זי מיט ערנעסטערניש ארויסגערעדט. — וואלט איך דען געהאט רעכט, ווען איך זאל קאנען אייך זאגען דאס, וואס אייך איז אזוי נויטיג און וואס איר... זייט אזוי ווערט? — האט זי פליסטערענדיג פארענדיגט און שעמעוודיג א קוק געטאן אויף אים.

אין איר בליק האבען אים ווידער א ליכט געטאן פונקען פון אומגעוועהנליכער פריינדשאפט; ער האט ווידער א ציטער געטאן פאר פרייד.

— איילט זיך ניט, — האט ער געזאגט, — זאגט, וואס איך בין ווערט און דאמאלט וועט זיך ענדיגען אייער הארצענס טרויער, דער טרויער פון אנשטענדיגקייטס וועגען. דאס היינטי־גע יאר האט מיר אויך עפעס געזאגט. איר דארפט בלויז אנטשיידען די פראגע צי איך זאל אוועקפארען, אדער בלייבען?

— הערט זיך איין: איר קאָקעטירט דאָך מיט מיר! — האָט זי מיטאָמאָל פּרעהליך אַרויסגערעדט.

—אָ, אין קיין פאַל ניט! — האָט ער מיט ווירדע באַמערקט. — דאָס איז ניט די אַלטע פראַגע, איצט האָט זי אינגאַנצען אַן אַנדערע באַדייטונג: אויב איך בלייב, בלייב איך מיט וועלכע... רעכט?

זי האָט זיך מיטאָמאָל פאַרלאָרען.

— זעט איר שוין, אַז איך קאָקעטיר ניט! — האָט ער זיך צולאַכט, צופרידען דערפון, וואָס ער האָט זי געכאַפּט. — נאָך דעם היינטיגען געשפּרעך דאַרפען מיר זיך דאָך באַציען שוין אַנדערש איינער צום צווייטען; מיר זיינען דאָך שוין ביידע ניט די זעלבע, וואָס נעכטען.

— איך ווייס ניט... — האָט זי אַ פּליסטער געטאָן, נאָך מער צוטראָגען.

— וועט איר מיר ערלויבען אייך צו געבען אַן עצה?

— זאָגט... איך וועל בלינד אייך אויספאָלגען! — האָט זי צוגעלייגט מיט אַ כמעט ליידענשאַפטליכער אונטערטעניגקייט.

— וואַרטענדיג אויף איִם, האָט דערווייל חתונה מיט מיר.

— איך וואַג עס נאָך ניט... — האָט זי געפּליסטערט, פאַרדעקענדיג אין אויפרעגונג דאָס פּנים מיט די הענט, אָבער אַ גליקליכע.

— וואָרום וואַגט איר ניט? — האָט ער אויך פּליסטערענדיג געפרעגט, צובויגענדיג איר קאָפּ צו זיך.

— און דאָס וואָס איז געוועזן? — האָט זי ווייטער געפּליסטערט, אַוועקלייגענדיג איר קאָפּ אויף זיין ברוסט, ווי אויף אַ מוטערס.

ער האָט פּאַמעליך אַוועקגענומען אירע הענט פון איר געזיכט, אַ קוש געגעבען און אַ לאַנגע צייט באַוואונדערט איר

צוטראַגעגהייט, ער האָט מיט הנאה געקוקט, ווי אירע אויגען זיינען ווידער פאַרשוואומען געוואָרען מיט טרערען.

— עס וועט פאַרוועלקען, ווי אייער בעז! — האָט ער פאַר־ענדיגט. — איך האָב גענומען אַ לעקציע און איצט איז צייט, אַז איר זאָלט זיך באַנוצען מיט דעם, וואָס איר האָט דערוואָר־בען. עס הויבט זיך אָן דאָס לעבען: גיט מיר איבער אייער צוקונפט און זאָרגט ניט וועגען קיין זאַך — איך גאַראַנטיר אייך פאַר אַלץ. קומט צו דער טאַנטע.

שפּעט איז דעם טאָג שטאָלץ אַ היים געגאַנגען.

„ענדליך געפונען דאָס מייניגע, — האָט ער געטראַכט, קוקענדיג מיט פאַרליבטע אויגען אויף די בוימער, אויפ'ן הי־מעל, אויפ'ן וואַסער און אפילו אויפ'ן נעבעל, וואָס האָט זיך אויפגעהויבען פון וואַסער. — דערוואַרט זיך! וויפיל יאָרען פון וואַרטען, פון ליידען, פון עקאָנאָמיזירען די כוחות פון דער נשמה! אַ, ווי לאַנג האָב איך געוואַרט, אָבער איך בין באַ־לוינט געוואָרען: אָט דאָס איז עס דאָס גרעסטע גליק פון אַ מענשען!"

„אָלגאַ — מיין ווייב! — האָט ער ציטערענדיג אַרויסגע־רעדט. — איך האָב געפונען מיין ציל, איך האָב שוין ניט מער וואָס צו זוכען!"

און אין אַ רויך פון גליק איז ער געגאַנגען אַהיים, ער האָט ניט באַמערקט קיין גאַסען, קיין הייזער.

לאַנג האָט אים אָלגאַ באַגלייט מיט די אויגען, דערנאָך האָט זי געעפענט דאָס פענסטער און אַ ווײַלע איינגעאָטעמט די נאַכטיגע קילקייט; די אויפרעגונג איז בּיסלעכווייז פאַר־איבער, איר ברוסט האָט גלייכמעסיג געאָטעמט.

זי האָט געווענדעט איר בליק אויפ'ן זעע, אין דער ווייט־קייט אַריין, און זי האָט זיך פאַרטראַכט אַזוי שטיל, אַזוי טיף, ווי זי וואָלט איינגעשלאָפען. זי האָט געוואָלט אָנכאַפּען דאָס, וועגען וואָס זי האָט געטראַכט, אָבער זי האָט געפילט, אַז זי

קאן עס ניט. גלייך ווי די וועלען, האבען זיך געטראגען אירע געדאנקען, פליסיג האט דאס בלוט פולסירט אין די אדערען. זי האט איבערגעלעבט גליק, אבער זי האט ניט געקאנט באשטימען וואו זיינע גרענעצען זיינען, וואס עס שטעלט מיט זיך פאר, זי האט געטראכט, פארוואס איז עס איר אזוי שטיל, רואיג, אזוי גוט, אין דער צייט וואס...

„איך בין זיין כלה...” האט זי ארויסגעמורמעלט.

„איך בין א כלה!” מיט א ציטער פון שטאלץ טראכט א מיידעל, וואס האט דערלעבט צו דעם מאמענט, וואס באשטראלט איר גאנץ לעבען, זי וואקסט אויס און פון אט דער הויך קוקט זי אויף אט דעם פינסטערען שטעגעל, אויף וועלכען זי איז נאך נעכטען געגאנגען איינזאם און אומבאמערקט.

ווארום אבער ציטערט ניט אלגא? אויך זי איז געגאנגען אויף אן איינזאם שטעגעל, אומבאמערקט, אויך איר איז אויפ'ן שיידוועג אנטקעגען געקומען ער, האט איר דערלאנגט די האנט און ארויסגעפירט זי; ניט אין שיין פון בלענדענדע שטראלען, נאר אזוי ווי אויפ'ן אויסגוס פון א ברייטען טייך צו ברייטע פעלדער און פריינדליך שמייכלענדע פעלדער. אירע אויגען האבען ניט גענומען בלינצלען פונ'ם גלאנץ, דאס הארץ איז ניט געווארען געשטאקט, איר פאנטאזיע איז ניט צורייצט געווארען.

מיט א שטילען פרייד האט זי אפגעשטעלט איר בליק אויפ'ן אויסגוס פון לעבען, אויף זיינע ברייטע פעלדער און גרינע בערג. עס איז קיין ציטער ניט דורכגעלאפען דורך אירע פלייצעס, פון איר בליק האט ניט ארויסגעלויכטען קיין שטאלץ: בלויז דאמאלט, ווען זי האט איבערגעטראגען איר בליק פון די פעלדער און בערג אויף דעם, וואס האט איר דערלאנגט די האנט, האט זי געפילט, אז עס קייקעלט זיך א טרער איבער איר באק.

און זי איז אלץ געזעסען, ווי זי וואלט געשלאפען — אזוי שטיל איז געווען דער חלום פון איר גליק: זי האט זיך

נים באוואויגען, כמעט ניט געאַטעמט. א פארזונקענע אין שלומער, האָט זי געוועגדעט אין די געדאַנקען איר בליק אין עפּעס א שטילער, טיפער, ווארעמער, דופטענדער נאכט, וואָס איז באַלויכטען פון א מילדען שימער. מיט צושפרייטע פליגעל איז פאמעליך געשוואומען איבער איר קאָפּ דאָס גליק, אזוי ווי א וואָלקען אין הימעל.

אין דעם דאָזיגען חלום האָט זי זיך ניט געזען א פארוויקעלטע אין זיידענע שפּיצען און אין טול בלויז אויף צוויי שעה און דערנאָך דאָס גאנצע לעבען אין וואָכעדיגע קליידער; עס האָט זיך איר ניט גע׳חלומ׳ט קיין פייערליכע סעודה, קיינע פייערען, קיינע פרעהליכע אויסגעשרייען; זי האָט געזען אין איר חלום גליק, נאָר אזא פשוט גליק, אָן אויסערליכע באַפוצונגען, אז זי האָט נאָכאמאָל, און ווידער אָן א ציטער פין שטאָלץ, בלויז גערירט ביז דער טיפעניש פון איר הארצען ארויסגעפליסטערט: „איך בין זיין כלה!"

5.

גאָט מײנער! פּאר אַ טרויעריגען אויסזען האָט געהאַט אַבלאָמאָװ'ס דירה אַנדערטהאַלבען יאָר נאָך זײן געבורטסטאָג, װען שטאָלץ איז געקומען צו אים אומגעריכטערהײד אויף מיטאָג. און איליאַ איליטש אַלײן איז אַזױ צושװאָומען געװאָרען, די לאַנגװײל האָט זיך אײנגעגעסען אין זײנע אויגען און קוקט פון זײ אַרױס, װי אַ חלאַת.

ער שלעפּט זיך אַרום איבער'ן צימער, דערנאָך לײגט ער זיך אַװעק און נעמט קוקען אויפ'ן באַלקען; ער נעמט טײל־מאָל אַ בוך פון דער עטאַזשערע, לויפט דורך מיט די אויגען אַ פּאָר שורות, גיט אַ גענעץ און נעמט פּײקלען מיט די פינגער אויפ'ן טיש.

זאַכאַר איז געװאָרען נאָך װײניגער רײן, נאָך װײניגער באַװעגליך; אויף זײנע עלענבויגענס האָבען זיך באַװיזען לאַטעס. ער זעט אויס הונגעריג, אָרעם, װי ער װאָלט װײניג געגעסען, װײניג געשלאָפען און פאַר דרײען געאַרבײט.

אַבלאָמאָװ'ס שלאָפראָק איז אָפּגעטראָגען, און װי עס מיט זיך ניט די באַלעבאָסטע צו פאַרנעהען אַלע לעכער, צוקריכט ער זיך אָבער און ניט נאָר אין די נעט: עס איז שױן לאַנג צײט צו קויפען אַ נײעם. זײן בעט־דעק איז אויך שױן אָפּגעטראָגען, מיט לאַטעס; די פאָרהאַנגלעך פון די פענסטער זײנען פון לאַנג אָפּגעקראָכען און, כאָטש זײ זײנען אויסגעװאַשען, זײנען זײ ענליך אויף שטיקלעך שמאַטעס.

זאַכאַר האָט געבראַכט אַן אַלטען טישטוך און געדעקט לעבען אַבלאָמאָװ'ן אַ האַלבען טיש, דערנאָך האָט ער פאָרזיכטיג, פאַרבײסענדיג דעם שפּיץ צונג, געבראַכט טעלער און אַ פלאַש שנאַפּס, אױפגעלײגט דאָס ברויט און אַרויס.

אבלאמאוו

די טיר האָט זיך געעפֿענט און עס איז אריין אגאפּיא מאַטוועיעוונא, טראָגנדיג אויף שנעל אַ הייסע פאַן מיט אַ פֿיינקוכען.

אויך זי האָט זיך שרעקליך פאַרענדערט צום שלעכטען. זי איז זער אַפּגעפּאַלען. עס איז שוין ניט דאָ מער די רונדע, ווייסע בלייכע באַקען, וואָס ווערען ניט רויט און ניט ווייס! עס גלאַנצען שוין מער ניט אירע שיטערע ברעמען: אירע אויגען זיינען איינגעפאַלען.

אָנגעטאָן איז זי אין אַן אַלט ציצען קליידעל; די הענט זיינען ביי איר אי רויט און האַרב געוואָרען פון דער אַרבייט, פון פייער אָדער פון וואַסער, אָדער פון ביידע צוזאַמען.

אַקולינא איז שוין מער ניט אין הויז. אַניסיא איז איצט אי אין קיך, אי אין גאָרטען, אי זי גיט אַכטונג אויף די הינער, אי זי וואַשט די דילען און וואַשט וועש; זי קאָן אליין מיט אַלעם ניט פאַרטיג ווערען און ווילענדיג ניט ווילענדיג מוז אגאַפּיא מאַטוועיעוונא אליין אַרבייטען אין קיך. אַ טיפער טרויער ליגט אויסגעגאָסען אויף איר פּנים.

אָבער זי טרויערט ניט אויף זיך, נאָר אויף איליא אי־ליטש'ן. איליא איליטש האָט אויפגעהערט אינגאַנצען צו עסען און אויפגעהערט האָט ער דערפאַר, וואָס מען קויפט שוין ניט פאַר אים קיין קאַפּע גאַנצע פּודענווייז פון בעסטען געשעפט, נאָר מען קויפט עס פאַר אַ פּאָר גראָשען אין אַ קרעמעל, וואָס עס ברענגט שוין ניט די פּויערטעס קיין שמאַנד, נאָר מען קויפט זי אויף אין דעם זעלבען קרעמעל, און דערפאַר איז זי געווען טרויעריג, וואָס שטאָט אַ זאַפּטיגען קאָטלעט, דערלאַנגט זי אים אויף אָנבייסען געפּרעגעלטע אייער מיט אַלטען פאַרלענערטען וואורשט, וואָס זי קויפט אין דעם זעלבען קרעמעל.

וואָס זאָל דאָס אַלץ באַדייטען? דאָס באַדייט, אַז שוין דאָס צווייטע יאָר, ווי דער גאַנצער איינקונפט, וואָס שטאָלץ שיקט פּינקטליך צו פון אָבלאָמאָווקע, געהט אַוועק אויף צו באַ־צאָלען דעם חוב, וואָס אָבלאָמאָוו איז דאָס כלומר'שט שולדיג דער באַלעבאָסטע.

א. א. גאַנטשאַראָוו

דער באַלעבאָסטע'ס ברודער האָט זיך די זאַך איינגעגעבען בעסער, ווי ער האָט ערוואַרטעט. ווען טאַראַנטיעוו האָט געמאַכט די קלענסטע אָנדייטונג וועגען דער סקאַנדאַליעזער געשיכטע, האָט זיך איליאַ איליטש פאַרשעמט; דערנאָך זיינען זיי אַוועק זיך אויסגלייכען, דערנאָך האָבען זיי אַלע דריי אויסגעטרונקען, און אַבלאָמאָוו האָט אונטערגעשריבען דאָס פּאַפּיר, אויסצוצאָלען דאָס געלט אין אַ צייט פון פיר יאָר. און אין אַ מאָנאַט אַרום האָט אַגאַפיאַ מאַטוועיעוונאַ איבערגעשריבען דאָס זעלבע פּאַפּיר אויף איר ברודער'ס נאָמען, ניט האָבענדיג די מינדעסטע אַנונג, וואָס זי שרייבט אַזוינס אונטער. דער ברודער האָט איר געזאָגט, אַז דאָס איז אַ פּאַפּיר וועגען הויז און זי האָט עס אונטערגעשריבען.

אונטערשרייבענדיג, האָט זיך אַבלאָמאָוו אַביסעל געטרייסט דערמיט, וואָס דאָס געלט וועט געהן פאַר די יתומים, אָבער צומאָרגענס, ווען דער קאָפּ איז אים ניכטער געוואָרען, האָט ער זיך מיט חרפּה דערמאָנט וועגען אָט דער געשיכטע און האָט אויסגעמידען צו טרעפען זיך מיט איוואַן מאַטוועיִטש'ען, און אויב טאַראַנטיעוו האָט מיט אים אָנגעהויבען צו רעדען דערפון, האָט ער אים געדראָט, אַז ער קלויבט זיך לייך אַרויס פון הויז און פאָרט אַוועק אין דאָרף אַריין.

שפּעטער, ווען ס'איז אָנגעקומען דאָס געלט פון שטאָלץ'ן, איז דער באַלעבאָסטעס ברודער אַריין צו אים און ערקלערט אים, אַז אים איליאַ איליטש'ען, וועט פיל סייכטער זיין אָנצוהויבען אָפּצוצאָלען שוין איצט פון איינקונפט; אַז אַזוי אַרום וועט דער חוב אין אַ דריי יאָר צייט ווערען באַצאָלט, וואָרים ווען ער זאָל ניט אָנהויבען צו צאָלען גלייך, וועט דאָס דאָרף יזען פאַרקויפט ווערען פער אויקציאָן, ווען עס וועט אָנקומען די צייט, וואָרים קיין באַר געלט האָט ער ניט און וועט ניט זאָבען.

אַבלאָמאָוו האָט באַגריפען אין וואָס פאַר אַ קלעם ער איז אַריינגעפאַלען, ווען אַלץ, וואָס שטאָלץ האָט אים צוגעשיקט, האָט אָנגעהויבען אוועקצוגעהן אויף צו באַצאָלען דעם חוב

אבלאמאוו

און אים איז געבליבען אַן אומבאַדייטענדע סומע, אויף דורכ־צושלאָגען זיך.

דער באַלעבאָסטע׳ס ברודער האָט גענומען אונטעריאָגען אַבלאָמאָוו׳ן מיט׳ן חוב; ער האָט געוואָלט קריגען דאָס געלט אין אַ צוויי יאָר צייט, כדי קיין זאַך זאָל ניט שטערען, און ־ערפאַר איז אַבלאָמאָוו מיטאמאָל אַריינגעפאַלען אין אַ פאַר־ענגטער לאַגע.

אין אָנפאַנג האָט מען עס ניט זער באַמערקט, ווייל ער ־האָט קיינמאָל ניט געוואוסט וויפיל ער האָט געלט אין קעשענע. מיטאמאָל איז איוואַן מאַטוועיעוויטשען איינגעפאַלען זיך צו שדכנ׳ען צו אַ טאָכטער פון אַ געוויסען מעל־הענדלער, האָט ער געדונגען אַ צווייטע דירה און אריבערגעקליבען זיך.

אגאַפיא מאַטוועיעוונאַ׳ס שוואונג איז איינגעצאַמט געוואָרען; די פיינע מאכלים האָבען זיך אָנגעהויבען צו באַווייזען אין אַ צווייטער קיך, אין איוואַן מאַטוועיאיטש׳עס נייער דירה.

אין די אווענדען האָבען דאָרטען געברענט לאָמפען: עס האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען די צוקונפטיגע קרובים פון איוואַן מאַטוועיאיטש, זיינע דינסט־גענאָסען און טאַראַנטיעוו; אַלץ האָט זיך אריבערגעקליבען אהין. אגאַפיא און אניסיא זיינען מיטאמאָל געבליבען מיט ברייט צועפענטע מיילער און מיט גרונטערהענגענדע הענט.

אגאַפיא מאַטוועיעוונאַ איז צום ערשטען מאָל געוואָר גע־וואָרען, אַז זי האָט ניט מער ווי אַ הויז, אַ גאָרטען און הינדלעך, און אַז אין איר סאָד וואַקסט ניט קיין צימערינג, קיין וואַנילע, זי האָט דערזען, אַז די קרעמער אין מאַרק האָבען אויפגעהערט צו באַגריסען זי ווי אַמאָל מיט אַ שמייכעל, און אַז די אַלע שמייכלען און גרוסען קריגט איצט איר ברודער׳ס נייע פעטע, אויסגעפוצטע קעכין.

אַבלאָמאָוו האָט אוועקגעגעבען דער באַלעבאָסטע דאָס גאַנצע געלט, וואָס איר ברודער האָט אים איבערגעלאָזען צום לעבען, און זי האָט אַ דריי־פיר חדשים אָן אַ רעכענונג, ווי פריער, געמאָלען קאַפע פודענווייז, געבראָטען אינדיקעס בי־

דעם לעצטען טאג, ווען זי האט געפּטר'ט דעם לעצטען גראשען און געקומען אים זאגען, אז זי האט מער קיין געלט ניט.

ער האט זיך דריימאל איבערגעדרעהט אויף דער סאפע פון אט דער גיים, דערנאך האט ער גענומען זוכען ביי זיך אין קעסטעל; ער האט ניט געהאט קיין געלט. ער האט זיך גענור־מען דערמאנען וואו ער האט עם אהינגעטאן און האט זיך ניט געקאנט דערמאנען; ער האט א שאר געטאן מיט דער האנט אויפ'ן טיש, צי עס געפינען זיך ניט קיין קופערנע מטבעות, געפרעגט זאכאר'ן, אבער ער האט זיי אפילו אין חלום ניט גע־זען. זי איז אוועק צום ברודער און אים געזאגט, אז אין דער היים איז ניטא קיין געלט.

— וואו האסטו דאס מיט דיין פריץ געפּטר'ט טויזענד רובל, וואס איך האב אייך געגבען אויף צו לעבען? — האט ער געפרעגט. — דו ווייסט דאך, אז איך געה חתונה האבען, און קיין צוויי משפחות קאן איך ניט ערנערען. דו מיט דיין פריץ דארפען לעבען לויט די מעגליכקייטען.

— וואס ווארפסטו מיר עפעס פאר דעם פריץ? — האט זי געפרעגט. — וואס האט ער דיר אזוינס געטאן? — ער טשעפּעט קיינעם ניט, לעבט זיך שטיל. ניט איך האב אים דאס גע־בראכט אין הויז אריין, דאס האסטו מיט טאראנטיעוו'ן.

ער האט איר געגעבען צען רובל און געזאגט איר, אז מער קיין געלט וועט ער ניט געבען. אבער דערנאך, ווען ער האט דעם ענין באטראכט צוזאמען מיט טאראנטיעוו'ן ביי א גלעזעל ראם, האט ער באשלאסען, אז אזוי קאן מען ניט איבער־לאזען די שוועסטער און אבלאמאוו'ן, אז די געשיכטע קאן נאך דערגרייכען שטאלץ'ען און ער קאן נאך די גאנצע געשיכטע קאליע מאכען.

ער האט גענומען זיי געבען צו פופציג רובל א חודש, און ער האט אפגעמאכט, אז דאס געלט זאל ער ארונטערנעמען פון אבלאמאוו'ס איינקונפט פון דריטען יאר; דערביי האט ער דער שוועסטער געגעבען צו פארשטעהן און אפילו זיך געשוואוירען, אז ער וועט מער אפילו קיין גראשען ניט געבען, און ער האט

אבלאמאוו

איר אויסגערעכנט, וואָס פאַר אַ טיש זיי דאַרפֿן פירען, ווי אַזוי צו פאַרקלענערען די אויסגאַבען, ער האָט איר אפילו באַשטימט וואָס פאַר אַ מאכלים זי דאַרף מאַכען, האָט איר אויסגערעכנט, וויפיל זי קאָן קריגען פאַר די הינער, פאַר דער קרויט, און ער האָט באַשלאָסען, אַז מיט דעם געלט קאָנען זיי לעבען גרויסאַרטיג.

צום ערשטען מאָל אין לעבען האָט זיך אגאַפיא מאַטוועיעוונא פאַרטראַכט ניט וועגען דער ווירטשאַפֿט, נאָר וועגען עפּעס אַנדערש, צום ערשטען מאָל אין איר לעבען האָט זי זיך צוּוויינט ניט פאַר ערגערניש, וואָס אַקולינא האָט צובראָכען אַ כלי, ניט פאַר די זידלערייען פון איר ברודער, וואָס די פיש זיינען ניט דערקאָכט געוואָרען; צום ערשטען מאָל איז איר פאַרגעשטאַנען אַ ביטערע נויט, ניט ביטער פאַר איר, נאָר פאַר איליא איליטש'ען.

„ווי אַזוי וועט אָט דער פריץ — האָט זי געטראַכט, — אָנהויבען צו עסען שטאָט שפּאַרגעל, ריבען מיט פּוטער, שטאָט די פיינסטע געפֿליגעל — קאַלבספלייש און שטאָט פאָרעלען — געטריקענטע פיש, וואָס מען פאַרקויפט דאָ אין דעם קרעמעל..."

אַ שרעק! זי האָט אפילו ניט געוואָלט דערטראַכטען ביז'ן סוף, נאָר האָט זיך גיך אָנגעטאָן, גענומען אַ דראָשקע און אוועק צו איר מאַנ'ס משפּחה, אַ פאַרזאָרגטע, געהאַלטען אַ גאַנצע רעדע און געפּרעגט, וואו זאָלען זיי נעמען געלט.

זיי האָבען אַ סך געלט און זיי וועלען באַלד געבען, אויב זיי וועלען נאָר געוואָר ווערען, אַז דאָס איז פאַר איליא איליטש'ען. ווען זי וואָלט געדאַרפט קויפען טיי, קאַפע פאַר זיך, די קינדער קליידלאַך אָדער שיכלאַך, וואָלט זי אפילו ניט דערמאָנט וועגען דעם, אָבער איצט, ווען דער חלף ליגט אויפ'ן האַלז: איליא איליטש האָט ניט אויף שפּאַרגעל, אויף פאָרעל, איז עפּעס אַנדערש...

דאָרט האָט מען זיך זער פאַרוואונדערט, אָבער קיין געלט האָט מען איר ניט געגעבען; מען האָט איר געזאָגט, אַז אויב איליא איליטש האָט גאָלדענע זאַכען, אָדער אפילו זילבערוואַרג

און פוטער קאָן מען דאָס פאַרזעצן, און אַז עס זיינען פאַראַן אַזוינע וואַלטעטער, וואָס וועלן געבען אַ דריט חלק פון דעם געבעטענעם געלט ביז ער וועט באַקומען פון דאָרף.

אָט די דאָזיגע פראַקטישע לעקציע וואָלט אין אַן אַנדער צייט פאַרביייגעפלויגן איבער דער געניאַלער באַלעבאָסטע און וואָלט אפילו ניט אַנגערירט איר קאָפּ, און מען וואָלט עס איר אין קיין פאַל ניט געקאָנט געבען צו פאַרשטעהן, אָבער איצט האָט זי מיט קאָפּ און האַרץ אַלץ פאַרשטאַנען, באַגריפען און אָפּגעוואויגען... אירע פּערל, וואָס זי האָט געקראָגען דרשה־געשאַנק.

איליאַ איליטש האָט גאָרנישט ניט פאַרדעכטיגט, ער האָט צוזאָרגענס ווידער געגעסען ווי געוועהנליך. אַגאַפיאַ מאַטוועיעוונאַ מיט די קינדער האָבען געגעסען דאָס, וואָס עס איז געוועזן פאַר דער דינערשאַפט, און בלויז אין דער אַנוועזענהייט פון איליאַ איליטש האָט זי זיך ערלויבט אויסצוטרינקען צוויי גלעזלאַך קאַפע.

און נאָך די פּערל האָט אָנגעהויבען צו געהן זילבערוואַרג, דערנאָך קליידער.

ווען עס איז אָנגעקומען געלט פון דאָרף, האָט איר אָבלאָמאָוו אוועקגעגעבען אינגאַנצען. זי האָט אויסגעקויפט די פּערל און פאַר די איבריגע זאַכען האָט זי דערווייל באַצאָלט פּראָצענט, און האָט ווידער געגרייט פאַר אים שפּאַרגעל, פּאַרעל, און בלויז אין זיין אַנוועזענהייט האָט זי זיך ערלויבט צו טרינקען קאַפע. די פּערל זיינען ווידער אַוועק אויף זייער פּלאַץ.

און אַזוי פון וואָך צו וואָך, פון טאָג צו טאָג האָט זי זיך אַרויסגעשלאָגען פון די כוחות אַלץ מער, זיך געמאַטערט, קוים זיך דורכגעשלאָגען, זי האָט פאַרקויפט איר שאַל, געשיקט פאַרקויפען איר יום־טוב׳דיג קלייד און איז געבליבען אין איר וואָכעדיג ציצען קליידעל מיט די גאָלע עלענבויגענס, און אין די זונטאָגס פלעגט זי פאַרדעקען דעם האַלז מיט אַן אַלט, אָפּגעטראָגען האַלזטיכעל.

דאָס איז די אורזאַך, וואָס זי איז אַזוי אָפּגעפאַלען, וואָס

אבלאמאוו

אירע אויגען זיינען איר איינגעפאלען און ווארום זי אליין האט געבראכט צו טראגען איליא איליטש'ען דעם פרישטיק.

זי האט אפילו באוויזען צו מאכען א פרעהליך פנים, ווען אבלאמאוו האט איר ערקלערט, אז מארגען קומען צו אים אויף מיטאג טאראנטיעוו, אלעקסעיעוו, אדער איוואן גראסימאוויטש. דאס עסען איז געוועזן געשמאק און ריין סערווירט. זי האט ניט פארשעמט דעם באלעבאס. אבער וויפיל אויפרעגונג, ארומלויפעניש, איינבעטען זיך ביי די קרעמער, אז זיי זאלען געבען אויף בארג און אפילו טרערען האט דאס איר געקאסט!

א, ווי טיף האט זי זיך אונטערגעטויכט אין דעם שטראם פון לעבען און דערקאנט זיינע גליקליכע און אומגליקליכע טעג! אבער זי האט ליב געהאט אט דאס לעבען: ניט קוקענדיג אויף אלע אירע טרערען און דאגות, וואלט זי אט דאס לעבען ניט געביטען אויף איר פריערדיגען שטילען, רואיגען לעבען, ווען זי האט נאך ניט געקאנט אבלאמאוו'ן, ווען זי האט נאך מיט ווירדע געהערשט איבער די אנגעפילטע, זידענדיגע קעסלען, פאנען און טעפלאך, ווען זי האט באפוילען אקולינא'ן, דעם דווארניק.

זי פלעגט אפילו אויפשפרינגען פאר שרעק, ווען עס פלעגט איר מיטאמאל איינפאלען דער געדאנק וועגען טויט; ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס דער טויט וואלט מיטאמאל געמאכט א כוף צו אירע שטענדיגע טרערען, צו איר ארומלויפען גאנצע טעג און ניט שלאפען ביינאכט.

איליא איליטש האט זיך נאכ'ן פרישטיקען איינגעהערט, ווי מאשא לעזט פראנצויזיש, געזעסען אביסעל אין אגאפיא מאטוועיעוונא'ס צימער, געקוקט, ווי זי פאררייכט וואניא'ס רעקעל, דרעהט אים א מאל צען איבער פון איין זייט אויף דער צווייטער און אין דער זעלבער צייט איז זי אלע ווייל געלאפען אין דער קיך אריין, צו זען, ווי עס בראט זיך דאס שאפענפלייש און צי עס איז שוין ניט קיין צייט איינצוברוקען די פישסופ.

— וואס לויפט איר אזוי אלע ווייל? — האט איר געזאגט אבלאמאוו. — לאזט עס גיהן!

— אויב ניט איך, ווער וועט אכטונג געבען? — האט זי זיך אפגערופען. — אז איך וועל נאר ליגען אט א דא א צוויי לאטעס, נעם איך זיך גלייך צו דער סוף. א, וואס פאר א ווילד אינגעל, איז אט דער וואניא! ערשט לעצטע וואך האב איך אים אויפס'ניי פארריכט דאס רעקעל, און ער האט עס שוין ווידער צוריסען! וואס לאכסטו? — האט זי זיך אפגערופען צו וואניא'ן, וואס איז געזעסען ביים טיש אין הויזען און אין א העמד מיט איין שלייקע. — דו וועסט זען, איך וועל ניט פארריכטען ביז אין דער פרי, וועסטו ניט קאנען ארויסגעהן פאר'ן הויז. די אינגלעך האבען אפנים עס צוריסען אויף דיר. זיי זיך מודה: האסט זיך געשלאגען?

— ניין, מאמעשי, עס האט זיך אליין צוריסען, — האט וואניא געזאגט.

— האסטו דיר, אליין צוריסען זיך! דו וואלסט ליבערשט געזעסען אין דער היים און געמאכט די לעקציעס, איידער ארומלויפען אין די גאסען! זאל נאר איליא איליטש זאגען, אז דו לערנסט זיך ווידער שלעכט פראנצויזיש, וועל איך באהאלטען דיינע שטיוועל און דו וועסט שוין מוזען זיצען אין דער היים ביים בוך!

— איך האב ניט ליב צו לערנען זיך פראנצויזיש.

— פאר וואס עפעס? — האט אבלאמאוו געפרעגט.

— ווייל אויף פראנצויזיש איז דא א סך ניט קיין שעהנע ווערטער...

אגאפיא מאטוועיעוונא איז אויפגעשפרונגען. אבלאמאוו האט זיך צוקייכט פאר געלעכטער. אפנים עס איז שוין פריער געוועזען ביי זיי א געשפרעך וועגען די „ניט שעהנע ווערטער".

— האלט דאס מויל, דו צולאזענער יונג, האט ארויסגערעדט די מוטער.

—ווארט צו, לאמיך נאר קריגען געלט פון דארף, וועל איך אים לאזען אויפנעהען צוויי אנצוגען, — האט זיך אבלאמאוו ארייגעמישט, — איין אנצוג א בלויעם און א מונדיר: ער הויבט דאך אן קומענדען יאר צו געהן אין גימנאזיום.

— ער קאָן נאָך גאָען אין דעם אַלטען, — האָט געזאָגט אגאַפּיא מאַטוועיעוונא, — און דאָס געלט וועט גוט צונוץ קומען אין הויז. מען וועט זיך אָנגרייטען מיט פלייש, איך וועל אָנ־פּרעגלען אַ סך איינגעמאַכטס... מען דאַרף גאָען אַ קוק טאָן צי אַניסיא האָט געבראַכט שמאַנד...

זי האָט זיך אויפגעהויבען.

— וואָס האָבען מיר היינט צו עסען? — האָט אָבלאָמאָוו געפרעגט.

— פישסופ, געבראָטען שאָפּענפלייש און קרעפּלעך.

אָבלאָמאָוו האָט געשוויגען.

אין דעם מאָמענט איז צוגעפאָרען אַ קאַרעט, מען האָט אָנגעקלאַפּט אין דער פאָרטקע, עס האָט זיך אָנגעהויבען דאָס שפּרינגען און דאָס בילען פון דעם הונט.

אָבלאָמאָוו איז אוועק צו זיך, מיינענדיג, אַז דאָס איז ווער געקומען צו דער באַלעבאָסטע: דער קצב, דער בעקער, אָדער אַן אַנדערער פון די לייט; אַזאַ וויזיט איז שטענדיג באַגלייט געוואָרען מיט פאַרלאַנג נאָך געלט און מיט אַן אָפּזאָג פון דער באַלעבאָסטע'ס זייט, דערנאָך מיט סטראַשונקעס פון דעם הענ־דלער'ס זייט און מיט אַ געבעט פון דער באַלעבאָסטע'ס זייט צוצוואַרטען, און עס פלעגט זיך ענדיגען מיט זידלערייען, מיט אַ קלאַפּען פון טירען און דער פאָרטקע און מיט דעם ווילדען בילען פון הונט און זיין רייסען זיך פון דער קייט — אין קורצען, מיט אַ זער אומאַנגענעמער סצענע. אָבער עס איז דאָך צוגעפאָרען אַ קאַרעט — וואָס קאָן דאָס באַדייטען? קצבים און בעקער פאָרען דאָך ניט אין קאַרעטען.

מיטאַמאָל איז די באַלעבאָסטע אַריינגעלאָפען צו אים אַ דערשראָקענע.

— איר האָט אַ גאַסט! — האָט זי געזאָגט.

— ווער איז דאָס: טאַראַנטיעוו, אַלעקסעיעוו?

— ניין, ניין, דאָס איז דער, וואָס האָט דאָ געמיטאָגט, ווען עס איז געווען אייער געבורטסטאָג.

— שטאָלץ? — האָט אָבלאָמאָוו אַרויסגערעדט אַן אומ־

רואיגער, ארומקוקענדיג ארום זיך, וואו זיך צו קענען באהאלטען. — גאָט מיינער! וואָס וועט ער זאָגען, ווען ער וועט דערזען... זאָגט אים, אז איך בין אוועקגעפאָרען! — האָט ער אויף שנעל ארויסגערעדט און אוועק אין דער באַלע־באָסטע'ס צימער.

אניסיא האָט פונקט געהאַלטען אין אנטקעגען לויפען דעם גאסט און די באַלעבאָסטע האָט באוויזען איר איבערגעבען אָב־לאָמאָוו'ס באפעל. שטאָלץ האָט געגלויבט, ער האָט זיך בלויז פארוואונדערט, וואָס אָבלאָמאָוו איז עפּעס ניט אין דער היים.

— זאָג אים, אז איך וועל קומען אין צוויי שעה ארום, כ'וועל קומען עסען מיטאָג, — האָט ער געזאָגט און אוועק אין דעם דערנעבענדיגען פּאַרק.

— עסען מיטאָג! — האָט אניסיא א דערשראָקענע אי־בערגעבען.

— מען דאַרף אַן אנדער מיטאָג אָנגרייטען, — האָט ער באַשלאָסען און אנטשווינגען געוואָרען.

זי האָט געווענדעט אויף אים א בליק, וואָס איז געווען פּול מיט שרעק. אינגאנצען איז ביי איר געבליבען א האלבער אימפעריאל, און ביז דעם ערשטען, ווען איר ברודער גיט איר די פופציג רובל, איז נאָך פארבליבען צען טעג, און לייען וויל קיינער ניט.

— מיר וועלען שוין ניט דערווייזען, איליא איליטש, זאָל ער עסען, וואָס מיר האָבען אָנגעגרייט.

— ער וועט די דאָזיגע זאַכען ניט עסען, אגאפיא מאט־וויעיעוונא, ער וועט עס אפילו אין מויל ניט נעמען.

— א צונג קאָן מען אין וואורשט געשעפט קריגען! — האָט זי מיטאמאָל ארויסגערעדט. — און עס איז ניט ווייט.

— א צונג איז גוט; הייסט אויך ברענגען גרינסען, פרישע בעבלעך...

— בעבלאך זיינען איצט אכציג קאָפּיקעס א פונט! — איז איר צוגעקומען צו דער קעל, אָבער עס איז ניט ארונטער פון דער צונג.

— גוט, איך וועל עס מאכען, — האט זי געזאגט, באַשליסענדיג צו פארבייטען די בעבלעך מיט קרויט.

— הייסט אויך ברענגען א פונט שווייצער קעז, — האט ער באפוילען, ניט וויסענדיג פון אגאפיא מאטוועיעווגא'ס מיטלען, — דאס אלץ! איך וועל זיך פאר אים אנטשולדיגען, אז מיר האבען אים ניט ערוואַרט... יא, זעט איר, ווען מען זאל קאנען צוגרייטען עפעס א בוליאן.

זי איז שוין געווען ביי דער טיר.

— און ויין? — האט ער זיך מיטאמאל דערמאנט.

זי האט אים געענטפערט מיט א נייעם קוק פול מיט שרעק.

— מען מוז שיקען נאך וויין, — האט אבלאמאוו קאלטבלוטיג פארענדיגט.

6.

אין אַ צוויי שעה אַרום איז שטאָלץ געקומען.

— וואָס איז מיט דיר? וואָס האָסטו זיך אַזוי פאַרענ־דערט, בלייך געוואָרען, צושוואָלען! ביסט געזונד? — האָט שטאָלץ געפרעגט.

— ניט זער, אַנדרעי, — האָט אָבלאָמאָוו געזאָגט, אַרומ־נעמענדיג אים, — דער לינקער פוס חלש'ט אָפט ביי מיר אַוועק.

— ווי עקלהאַפט איז דאָ ביי דיר! — האָט שטאָלץ גע־זאָגט, אַרומקוקענדיג זיך. — פאַרוואָס וואַרפסטו נאָך אַלץ ניט אַוועק אָט דעם שלאַפראָק? ער איז דאָך פול מיט לאַטעס!

— צוגעוועהנט צו אים, אַנדרעי; אַ שאָד זיך צו שיידען מיט אים.

— און די קאָלדרע, און די פאַרהאַנגען... — האָט שטאָלץ אָנגעהויבען, — צו זיי זיך אויך צוגעוואוהנט? עס איז דיר אַ ישאָד איבערצובייטען אָט די שמאַטעס? האָב רחמנות, ווי קאָנסטו שלאָפען אין אַזאַ בעט? וואָס איז מיט דיר, איליאַ?

אָבלאָמאָוו האָט שטאַרק אַ קוק געטאָן אויף שטאָלץ'ן, דער־נאָך אויפ'ן בעט און אויף די פאַרהאַנגען.

— קליינינקייטען, — האָט אָבלאָמאָוו געזאָגט, אַ צוטראַ־גענער, — דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב קיינמאָל ניט געשאָנ־קען קיין אויפמערקזאַמקייט מיין דירה... קום בעסער עסען. זאַכאַר! גרייט גיכער דעם טיש. און איצט דערצעהל; ווי לאַנג וועסטו דאָ בלייבען און פון וואַנען קומסטו?

— טרעף אַליין צו וואָס איך בין געקומען און פון וואַנען איך קום? — האָט געפרעגט שטאָלץ. — צו דיר דאָ גרייכען דאָך ניט קיין שום נייעסען פון דער לעבעדיגער וועלט?

אָבלאָמאָוו האָט מיט נייגעריגקייט געקוקט אויף אים און געוואַרט וואָס ער וועט דערצעהלען.

אַבלאַמאָוו

— און וואָס מאַכט אָלגאַ? — האָט ער געפרעגט.

— דו האָסט זי ניט פאַרגעסן! און איך האָב געמיינט, אַז דו וועסט זי פאַרגעסן, — האָט שטאָלץ געזאָגט.

— ניין, אַנדרעי, קאָן מען דען זי פאַרגעסן? דאָס הייסט, אַז איך זאָל פאַרגעסן, אַז איך האָב אַמאָל געלעבט, געווען אין גן עדן.. און איצט! — ער האָט אַ זיפץ געטאָן. — וואו איז זי?

— ביי זיך אין דאָרף, פירט די באַלעבאַטישקייט.

— מיט דער טאַנטע? — האָט אַבלאַמאָוו געפרעגט.

— און מיט איהר מאַן.

— זי ,האָט שוין חתונה געהאַט? — האָט אַבלאַמאָוו אויסגלאַצענדיג די אויגען, אַרויסגערעדט.

— וואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקען? — האָט שטאָלץ שטיל, כמעט צערטליך צוגעלייגט.

— אַך, ניין, וואָס דיר קאָן איינפאַלען! — האָט אַבלאַמאָוו זיך פאַרטיידיגט, קומענדיג צו זיך. — איך האָב זיך ניט דערשראָקען, נאָר עס האָט מיך פאַרוואונדערט; איך וויים נים פאַר וואָס עס האָט מיך אַזוי איבעראַשט. שוין לאַנג? איז זי גליקליך? זאָג שוין, ווי גאָט איז דיר ליב. איך פיל, אַז דו האָסט אַרונטערגענומען פון מיר אַ שווערע משא! כאָטש דו האָסט מיך פאַרזיכערט, אַז זי האָט מיר מוחל געווען, אָבער דו ווייסט דאָך... איך בין ניט געווען רואיג! עס האָט געהאַלטען מיך אין איין עסען... טייערער אַנדרעי, איך בין דיר אַזוי דאַנקבאַר!

ער האָט זיך אַזוי האַרציג געפרעהט, אַז ער האָט אַזש גענומען שפּרינגען אויף דער סאָפע, ער האָט אַזוי אונטערגעטאַנצט, אַז שטאָלץ האָט אים באַוואונדערט און איז גערירט געוואָרען.

— וואָס פאַר אַ גוטער ביסטו, איליא! — האָט ער געזאָגט. — דיין האַרץ איז זי ווערט געווען! איך וועל איר דאָס אַלץ איבערגעבען.

—ניין, דו דערצעהל ניט! — האָט אים אַבלאַמאָוו איבערגעשלאָגען. — זי וועט מיך האַלטען פאַר אַ געפיללאָזען מענשען,

ווען זי וועט הערען, אַז איך האָב זיך געפרעהט ווען איך האָב געהערט, אַז זי האָט חתונה געהאַט.

— און איז דען פרייד קיין געפיל ניט, און דערצו אַ פרייד אָן ענטאַזיזם? דו פרעהסט זיך דאָך מיט איר גליק.

— אמת, אמת! — האָט אים אָבלאָמאָוו איבערגעשלאָגען.

— איין גאָט ווייס וואָס איך פּלאַפּעל דאָ... ווער איז דער גליקלי־כער? איך וויל אפילו ניט פרעגען...

— ווער? — האָט שטאָלץ איבערגעפרעגט. — אָ, ווי דו שטויסט זיך ניט אָן, איליאַ.

אָבלאָמאָוו האָט מיטאמאָל אָנגעשטעלט אויף זיין פריינד אַ שטאַרען בליק; די שטריכען פון זיין פּנים זיינען מיטאמאָל פאַרגליווערט געוואָרען און די פאַרב איז פאַרשוואונדען פון זיין געזיכט.

— ביסטו עס ניט אמאָל? — האָט ער מיטאמאָל געפרעגט.

—דו האָסט שוין ווידער זיך דערשראָקען! וואָס זאָל עס באַדייטען? — האָט שטאָלץ געפרעגט, פאַנאַנדערלאַכענדיג זיך.

— טרייב מיט מיר קיין שפּאַס ניט, אַנדרעי, זאָג דעם אמת! — האָט מיט אויפרעגונג אַרויסגערעדט אָבלאָמאָוו.

— ערען וואָרט, איך לאָך ניט. עס איז שוין דאָס צווייטע יאָר ווי מיר האָבען חתונה געהאַט.

ביסלעכווייז איז דער שרעק אַרונטער פון אָבלאָמאָוו'ס פּנים און זיין פּלאַץ האָט פאַרנומען אַ רואיגע פאַרטראַכטקייט; ער האָט נאָך געהאַלטען אַרונטערגעלאָזען די אויגען, אָבער דורך זיין פאַרטראַכטקייט האָט אָנגעהויבען אַרויסצולויכטען אַ שטי־לע, טיפע פרייד, און ווען ער האָט פּאַמעליך אויפגעהויבען דעם בליק אויף שטאָלץ'ן, איז זיין בליק געווען פול מיט טרערען און מיטגעפיל.

— טייערער אַנדרעי! — האָט ער אַרויסגערעדט, אַרומנע־מענדיג אים. — טייערע אָלגאַ... סערגעיעוונאַ. — אייך האָט גאָט אַליין צוזאַמענגעפירט! גאָט מיינער! אָ, ווי איך בין גליקליך! זאָג איר...

— איך וועל איר זאָגען, אַז קיין צווייטען אָבלאָמאָוו קען

איך ניט! — האט אים שטאָלץ איבערגעשלאָגען זייענדיג טיף נערירט.

—ניין, דו זאָג איר, אז איך האָב זי באַגעגענט דערפאר, כדי זי אַרויסצופירען אויפ'ן ריכטיגען וועג, און אז איך בענש ענע באגעגעניש, און איך בענש זי אויף איר נייעם וועג! ווען דאָס זאָל זיין אַן אַנדערער?... האט ער מיט שרעק צוגעלייגט.

— אָבער איצט, — האט ער פרעהליך צוגעלייגט, — ווער איך ניט רויט פאר שאַנד פאַר מיין ראָל; עס איז אַרונטער א שטיין פון מיין הארץ. מיין הארץ איז איצט קלאָר, איך בין גליקליך! איך דאַנק דיר, גאָט!

ער האָט שיער ניט ווידער א שפרונג געטאָן אויף דער כּאפּע: אָט האָט ער זיך צולאַכט און אָט האָבען זיך טרערען באוויזען אין זיינע אויגען.

—זאכאר! שאַמפּאַניער זאָל היינט זיין צום מיטאָג! — האָט ער א געשריי געטאָן און פאַרגעסען, אז ער האָט ניט קיין גראָשען ביי דער נשמה.

— איך וועל אַלץ דערצעהלען אָלגאַ'ן, אַלץ! — האָט שטאָלץ גערעדט. — ניט אומזיסט קען זי דיך ניט פאַרגעסען. יאָ, דו ביסט זי ווערט געוועזען: דיין הארץ איז טיף ווי א ברונען!

זאכאר'ס קאָפּ האָט זיך אַרויסגערוקט פון פאָדערהויז.

— ערלויבט אויף א מינוט! — האָט ער געמורמעלט, ווינקענדיג אָבלאָמאָוו'ן.

— וואָס ווילסטו? — האָט אָבלאָמאָוו געפרעגט אַן אומגעדולדיגער. — טראָג זיך!

— זייט אַזוי גוט און גיט געלט! — האָט זאכאר געשעפּטשעט.

אָבלאָמאָוו איז מיטאמאָל אַנטשוויגען געוואָרען.

— וועט מען זיך באַגעהן אָן דעם! — האָט ער אין דער שטיל אַרויסגערעדט אין דער טיר. — זאָלסטו זאָגען, אז דו האָסט פאַרגעסען. געה דיר. געה דיר!... ניין, קום אהער!

האט ער הויך ארויסגערעדט. — ווייסטו די נייס, זאכאר? ווינש גליק: אנדרעי איוואניטש האט חתונה געהאט!

— א דאנק גאט, וואס דו האסט מיך געלאזט דערלעבן צו אזא פרייד! איך ווינש אייך אלדאס גוטס, אנדרעי איוואניטש; זאל גאט געבען אייך א גליקליך לעבען, איר זאלט דערלעבען האבען קינדער. אך, גאט מיינער, אט דאס הייסט א שמחה!

זאכאר האט זיך געבויגען, געשמייכעלט. שטאלץ האט ארויסגענומען אן אסיגנאציע און אים דערלאנגט.

— קויף דיר דערפאר א נייעם ראק, — האט ער געזאגט. — דו זעסט דאך אויס ווי א בעטלער.

— מיט וועמען, פאטער'ל, האט איר חתונה געהאט? — האט זאכאר געפרעגט, כאפענדיג שטאלץ'ס האנט.

— מיט אלגא סערגעיעווגא'ן, געדענקסט זי? — האט אבלאמאוו געזאגט.

— מיט דער פריילין אילינסקאיא! גאט מיינער! וואס פאר א טייערע פריילין! גערעכט זייט איר געווען איליא איליטש, וואס איר האט מיך דאמאלט געזידעלט, מיך אלטען הונט! איך בין זינדיג, שולדיג געגען אייך! דאס האב איך דאמאלט צופויקט עם! איך, ניט ניקיטא, האב עם דערצעהלט די דינער פון די אילינסקי'ס. גאט מיינער, גאט מיינער! — האט ער איבערגע'חזר'ט, ארויסגעהענדיג אין קארידאר אריין.

— אלגא לאדט דיך איין צו גאסט אין דארף אריין; דיין ליבע האט שוין אפגעקילט, איז שוין ניט געפערליך; וועסט ניט זיין אייפערזיכטיג. קום פארען!

אבלאמאוו האט אפגעזיפצט.

— וואס האסטו מורא?

— איך האב מורא פאר קנאה: אייער גליק וועט זיין פאר מיר א שפיגעל, וואו איך וועל זען מיין ביטער און גע־פטר'ט לעבען; און איך וועל דאך שוין אנדערש ניט אנהויבען צו לעבען, איך קאן ניט.

— רעד ניט קיין נארישקייטען, טייערער אילא! ניט ווילענדיגערהייט וועסטו אנהויבען צו לעבען, ווי מען לעבט

פרום דיר. וועסט לעזען, פירען דיין באלעבאטישקייט, רעכע־נען, הערען מוזיק. אָ, ווי איך שטימע האט זיך איצט אנטוויקעלט! געדענקסט קאסטא דיוואַ?

— אבלאָמאָוו האט א מאך געטאָן מיט דער האנט, אז ער זאָל עס אים ניט דערמאָנען.

— לאָמיר פאָרען! — איז שטאָלץ צוגעשטאנען. — דאָס איז איר פארלאנג; זי וועט ניט אָפּלאָזען. איך קאָן אָפּלאָזען, אָבער ניט זי. קום, ווידער וועט אין דיין הארצען אויפלעבען דאָס פארגאנגענע. וועסט זיך דערמאָנען דעם פארק, דעם בעז, וועסט זיך א ריר טאָן...

— ניין, אנדרעי, ניין, דערמאָן ניט, ריר ניט אָן, ווי גאָט איז דיר ליב! — האט אים אבלאָמאָוו ערנסט איבערגעשלאָגען. — עס ברענגט מיר קיין פרייד ניט, נאָר יסורים. ערינערונגען זיינען די העכסטע פּאָעזיע, ווען זיי דערמאָנען דיך לעבעדיג גליק, און זיי זיינען ברענעדע יסורים, ווען זיי האָבען צו טאָן מיט פארוואקסענע וואונדען... לאָמיר ריידען וועגען עפּעס אנדערש. יאָ, איך האָב דיר גאָר פארגעסען צו באדאנקען דיר פאר די אלע זאָרג, וואָס דו האָסט אויף דיר גענומען וועגען מיין דאָרף. פריינד מיינער! איך קען דיר ניט דאנקען, איך קען ניט; זוך א דאנק אין דיין אייגענעם הארץ, אין דיין גליק, אין אָלגאַ... סערגעיעוונאַ'ן, אָבער איך... איך... קען ניט! זיי מיר מוחל, וואָס איך האָב דיך ביז איצט ניט באפרייט פון די אלע דאגות. נאָר אָט קומט אָן אין גיכען דער פרילינג, און איך וועל אומבאדינגט זיך איבערקלייבען קיין אבלאָמאָווקע.

— און ווייסטו וואָס עס קומט איצט פאָר אין אבלאָמאָווקע? דו וועסט זי ניט דערקענען! — האט שטאָלץ געזאָגט. — איך האָב דיר ניט געשריבען, ווייל דו האָסט ניט געענט־פערט אויף מיינע בריף. מען האט אויפגעשטעלט א בריק, אויסגעבויט דאָס הויז ביז צום דאך. בלויז אינווייניג איז עס נעבליבען ניט פארענדיגט, דאָס מאך שוין דו לויט דיין גע־שמאק. מיינם א מענש איז דאָרט דער פארוואלטער. האָסט איבערגעקוקט די אויסגאבען?

אבלאמאוו האט געשוויגען.

— ניט איבערגעקוקט זיי? — האט שטאלץ געפרעגט — וואו זיינען זיי?

— איך וועל זיי אויפזוכען נאכ'ן מיטאג; מען דארף א פרעג טאן זאכאר'ן.

— אך, איליא, איליא! איך ווייס ניט צי איך זאל לאכען, אדער וויינען.

— נאכ'ן מיטאג וועלען מיר זיי אויפזוכען. קום עסען.

שטאלץ האט זיך א קרום געטאן, ווען ער האט זיך אוועקגעזעצט צום טיש. ער האט זיך דערמאנט, ווען ער איז געוועזן דאס לעצטע מאל ביי אבלאמאוו'ן, האט מען דערלאנגט אויסטערן, אנאנאסען, און איצט האט ער געזען א גראב טישטוך, אויף די טעלער איז געלעגען צו שטיקער שווארץ ברויט, אבלאמאוו'ן האט מען דערלאנגט פישסופ און אים — גריץ־סופ און א אויסגעקאכט הינדעל, דערנאך איז געקומען א הארבער צונג און שפעטער דאס שאפענפלייש. עס האט זיך באוויזען רויטער וויין. שטאלץ האט זיך אנגעגאסען א האלב גלאז, פארזוכט, אוועקגעשטעלט דאס גלאז אויפ'ן טיש און זיך שוין מער ניט צוגערירט דערצו. איליא איליטש האט אויסגעטרונקען צוויי גלעזלעך ווישניאק און מיט אפעטיט זיך גענומען צום שאפענפלייש.

— דעם וויין קאן מען אין מויל ניט נעמען, — האט שטאלץ געזאגט.

— אנטשולדיג, מען האט ניט באוויזען צו געהן אויף יענער זייט ניעווא, — האט אבלאמאוו געזאגט. — ווילסטו אפשר דעם שנאפס? — פארזוך, אנדרעי, גרויסארטיגער שנאפס!

ער האט זיך אנגעגאסען נאך א גלעזעל און אויסגעטרונקען.

שטאלץ האט אן ערשטוינטער געקוקט אויף אים, אבער ער האט געשוויגען.

— דעם שנאפס פארפערטיגט אגאפיא מאטוועיעוונא פון וויינפערלעך. זי איז א וואונדערבארע פרוי! — האט אבלאמאוו געזאגט, ווערענדיג אביסעל שכור. — איך בין זיך דיר מודה,

אַבּלאַמאָוו

אַז איך ווייס ניט, ווי איך וועל לעבען אין דאָרף אָן איר: אַזאַ ווירטין איז שווער צו געפינען.

שטאָלץ האָט זיך איינגעהערט צו אים און אַביסעל צוזאַמענגעצויגען די ברעמען.

— ווער, מיינסטו, גרייט דאָס אַלץ צו? אַנאַסיאַ? ניין! — האָט אָבלאָמאָוו ווייטער גערעדט. — אַניסיאַ גיט אַכטונג בלויז אויף די הינער, באַגיסט אין גאָרטען די קרויט, וואַשט די דילען; אַגאַפיאַ מאַטוועיעווונאַ גרייט דאָס אַלץ צו.

שטאָלץ האָט ניט געגעסען ניט דאָס שאָפּענפלייש, ניט די קרעפּלעך, ער האָט אַוועקגעלייגט דעם גאָפּעל און געקוקט, מיט וואָס פאַר אַן אַפּעטיט איליאַ איליטש האָט דאָס אַלץ געגעסען.

— איצט וועסטו שוין ניט טרעפען מיך טראָגען אַ העמד אויף דער לינקער זייט, — האָט ווייטער גערעדט אָבלאָמאָוו, אַרומבייסענדיג מיט אַפּעטיט אַ ביינדעל, — זי גיט אויף אַלעם אַכטונג, אַלץ זעט זי, קיין איין לעכעל אין אַ זאָק וועסטו ניט געפינען — און אַלץ אַליין. און וואָס פאַר אַ קאָפע מאַכט זי! איך וועל דיר געבען צו פאַרזוכען נאָך מיטאָג איר קאָפע.

מיט אַ פאַרזאָרגט פּנים האָט זיך שטאָלץ איינגעהערט צו אים און געשוויגען.

— לעצטענס האָט זיך איר ברודער פון דאַנען אַרויסגעקליבען, ער קלייבט זיך חתונה האָבען, פירט זיך שוין איצט ניט אַזאַ גרויסע באַלעבאַטישקייט ווי פריער. און דו האָסט געדאַרפט זען, ווי אַלץ האָט פריער געברענט אונטער אירע הענט... ווייסטו וואָס איך וועל דיר זאָגען, — האָט ער קוים באַוועגענדיג מיט דער צונג פאַרענדיגט, — דו גיב מיר איצט אַ צוויי־דריי טויזענד רובל און שטאָט שאָפּענפלייש און צונג, וועל איך דיר דערלאַנגען פאָרעלען, ערשטען סאָרט פילע. און אָן אַ קוכאַר וואָלט אַגאַפיאַ מאַטוועיעוונאַ אויך באַוויזען וואונדער!

ער האָט אויסגעטרונקען נאָך אַ גלעזעל שנאַפּס.

— טרינק אויס, אַנדרעי, טרינק אויס, פיינער שנאַפּס! אָלגאַ סערגעיעוונאַ וועט דיר אַזאַ בראַנפען ניט צוגרייטען! — האָט ער גערעדט, וואַקלענדיג זיך. — זי קען זינגען קאַסטאַ

דיווא, אָבער קיין בראנפען קען זי ניט מאכען! און אזא פּיראָג
ועט זי אויך ניט אויסבאקען! בלויז אין אָבלאָמאָווקע און דאָ
באקט מען אזוינע פּיראָגען! און דער עיקר, וואָס ניט קיין
קוכאר מאכט אים, וואָרים איין גאָט וויים מיט וואָסערע הענט
ער געהט דערצו צו, נאָר עם באקט אים אגאפיא מאַטוועיעווגאַ
— די זויבערקייט אליין!

שטאָלץ האָט זיך אויפמערקזאם איינגעהערט, אָנשפּיצענ־
דיג די אויערען.

— און אירע הענט זיינען געווען וויים, — האָט אָבלאָמאָוו
ווייטער גערעדט, ווערענדיג נאָך מער שכור, — אז עם איז געווען
א פארגעניגען זיי א קוש צו געבען. איצט זיינען זיי געוואָרען
צוהאַקט, ווייל זי טוט אלץ אליין! זי אליין פּרעסט מיר די
העמדער! — האָט אָבלאָמאָוו מיט געפיל, כמעט מיט טרערען
ארויסגערעדט. — ערען וואָרט, איך האָב עם אליין געזען. אַן
אייגען ווייב גיט טיילמאָל אויף איר מאַן אזוי ניט אכטונג! פאָלג
מיך, אנדרעי, קום דאָ אהער מיט אָלגא סערגעיעוונא׳ן, דינג דיר
דאָ א פלאַץ, וועסט וויסען וואָס עם הייסט לעבען. אגאפיא
מאַטוועיעוונא וואָלט אויסגעלערענט אָלגא סערגעיעוונא׳ן ווי צו
פירען א באלעבאטישקייט, זי וואָלט איר זיכער אויסגעלערנט.
בלויז איצט איז שלעכט דאָ: דער ברודער אירער האָט זיך
ארויסגעקליבען; און ווען מען זאָל אונז געבען אצינד א
דריי־פיר טויזענט רובל, וואָלסטו געזען וואָסערע אינדיטשקעס
וואָלטען איצט געשטאַנען דאָ אויפ׳ן טיש...

— דו האָסט פון מיר באקומען פינף! — האָט שטאָלץ
מיטאמאָל געזאָגט. — וואו האָסטו זיי אהינגעטאָן?

— און דער חוב? — האָט זיך מיטאמאָל ניט ווילענדיג
ארויסגעריסען פון אָבלאָמאָוו׳ן.

— א חוב? — האָט שטאָלץ איבערגעפרעגט. — וואָס פאר
א חוב?

און ווי א שטרענגער לערער האָט ער געקוקט אויף אים.

אָבלאָמאָוו איז מיטאמאָל אנטשוויגען געוואָרען. שטאָלץ
האָט זיך איבערגעזעצט צו אים אויף דער סאָפע.

אבלאַמאַוו

— וועמען ביסטו שולדיג? — האָט ער געפרעגט.

אַבלאַמאַוו איז אַביסעל ניכטערער געוואָרען און דערמאָנט זיך, וואָס ער האָט אָנגערעדט.

— איך בין קיינעם ניט שולדיג, דאָס האָב איך געליינט, — האָט ער געזאָגט.

— ניין, דאָס ליינסטו איצט, און דערצו זער ניט קלוג. וואָס קומט מיט דיר פּאַר, איליאַ? אַהאַ! אָט וואָס עס באַדייט שאַפּענפּלייש, זויערער וויין! דו האָסט קיין געלט ניט! וואו האָסטו עס אַהינגעטאָן?

— איך בין שולדיג אַביסעל געלט... דער באַלעבאָסטע בין איך שולדיג פאַר פּראָוויאַנט... — האָט אַבלאַמאַוו געזאָגט.

— פאַר שאַפּענפּלייש און פאַר'ן צונג! איליאַ, זאָג, וואָס קומט דאָ פאַר? וואָס איז דאָס פאַר אַ געשיכטע: דער ברודער האָט זיך איבערגעקליבען, די באַלעבאַטישקייט איז אַוועקשלעכט... עפּעס איז דאָ ניט גלאַט. וויפיל ביסטו שולדיג?

— צען טויזענט, — האָט אַבלאַמאַוו ארויסגעשעפּטשעט.

שטאָלץ איז אויפגעשפּרונגען און זיך ווידער צוריקגעזעצט.

— צען טויזענט? דער באַלעבאָסטע? פאַר שפּייז־פּראָוויקטען? — האָט שטאָלץ מיט שרעק ווידערהאָלט.

— יאָ, מיר האָבען זער ברייט געלעבט, דו ווייסט דאָך, — האָט אַבלאַמאַוו אונטער דער נאָז ארויסגערעדט. — וואָס לוינט זיך צו רעדען דערפון?

שטאָלץ האָט אים ניט געענטפערט. ער האָט זיך גענומען די זאַך איבערלייגען: „דער ברודער האָט זיך ארויסגעקליבען, דאָס באַלעבאַטישקייט האָט אָנגעהויבען צו געהן שלעכט — און עב איז טאַקע אַזוי: אַלץ זעט אויס אָפּגעריסען, הויל, שמוציג! וואָס פאַר אַ פרוי איז די באַלעבאָסטע? אַבלאַמאַוו רימט זי! ער רעדט וועגען איר מיט ווארעמקייט..."

מיטאַמאָל האָט זיך שטאָלץ'עס פּנים פאַרענדערט, ער האָט דערטאַפּט דעם אמת. אַ קעלט האָט אויף אים אַ ווער געטאָן.

—איליאַ! — האָט ער געפרעגט. — וואָס פאַר אַ שייכות האָט צו דיר אָט די פרוי?

אָבער אָבלאָמאָוו האָט אָוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויפ'ן טיש און האָט איינגעדרימעלט.

„זי באַגאַזעלט אים, נעמט ביי אים אַלץ צו... זאַכען, וואָס פּאַסירען אָפּט, און מיר איז עס ביז איצט ניט געקומען אויפ'ן זינען!" האָט ער געטראַכט.

שטאָלץ איז אויפגעשטאַנען און אויף שנעל אָן עפּען געטאָן די טיר, וואָס האָט געפירט צו דער באַלעבאָסטע; פאַר שרעק האָט די באַלעבאָסטע, ווען זי האָט אים דערזען, ארויסגעלאָזען פון האַנט אַ לעפעלע מיט וועלכער זי האָט געטרונקען קאָפע.

— איך דאַרף מיט אייך עפּעס איבעררעדען, — האָט ער העפליך איר געזאָגט.

— געהט אַריין, ביטע, אין זאַל, איך קום גלייך, — האָט זי אויף שנעל געענטפערט.

און, פאַרוואָרפענדיג אַרום האַלז איר טיכעל, איז זי גלייך נאָך אים אַריין אין זאַל און געזעצט זיך ביים סוף פון דער סאָפע. זי האָט ניט געהאַט אויף זיך קיין שאַל, און דערפאַר האָט זי געזען באַהאַלטען די הענט אונטער איר האַלזטיכעל.

— איליא איליטש האָט אייך געגעבען אַ וועקסעל? — האָט ער געפרעגט.

— ניין, האָט זי מיט אַ טעמפּען אויסדרוק פון פאַרוואונדערונג געענטפערט, — זיי האָבען מיר קיין שום פּאַפּירען ניט געגעבען.

— קיין שום פּאַפּיר ניט?

— איך האָב קיין שום פּאַפּיר ניט געזען פאַר די אויגען, — האָט זי געענטפערט מיט דער זעלבער פאַרוואונדערונג.

— אַ וועקסעל! — האָט שטאָלץ ווידערהאָלט.

זי האָט זיך פאַרטראַכט אויף אַ ווײַלע.

— רעדט זיך בעסער דורך מיט מיין ברודער, — האָט זי געזאָגט, — ווארים איך האָב קיין שום פּאַפּירען ניט געזען.

—„וואָס איז זי, אַ בהמה אָדער אַ שווינדלערין?" האָט שטאָלץ אַ טראַכט געטאָן.

זי האָט אויף אים אַ קוק געטאָן טעמפּ, אָבער מיטאָמאָל

האט זיך אויף איר פּנים געגומען באַווייזען אַ געדאַנק, עס האָט אָנגעהויבען אויסצודריקען שרעק. זי האָט זיך דערמאָנט אָן די פּאַרזעצטע פּערל, זילבערוואַרג און איר האָט זיך געגומען אויס־דאַכטען, אַז שטאַלץ מיינט דאָס אָט דעם חוב; זי האָט בלויז ניט געקאָנט פאַרשטעהן, ווי אַזוי מען איז דערפון געוואָר גע־וואָרען, ווארים זי האָט ניט נאָר ניט אַבלאַמאָוו'ן, נאָר אפילו אַניסיאַ'ן, ווען זי האָט שטענדיג אָפּגעגעבען אַ רעכענונג וועגען יעדער אויסגעגעבענער קאָפּיקע, ניט געזאָגט דערפון.

— וויפיל איז ער אייך שולדיג? — האָט שטאַלץ געפרעגט אָן אומרואיגער.

— זיי זיינען מיר גאָרנישט ניט שולדיג, אפילו קיין קאָפּי־קע ניט!

„זי שעמט זיך פאַר מיר, אָט דער אויסוואורף, אָט די וואָר־בערניצע! — האָט ער ביי זיך געטראַכט. — אָבער איך וועל אַלץ אויסגעפינען!"

— און די צען טויזענט? — האָט ער געפרעגט.

— וואָסערע צען טויזענט? — האָט זי געפרעגט מיט אַן אומרואיגער פאַרוואונדערונג.

— ענטפערט: איז אייך יאָ אָדער ניט איליאַ איליטש שולדיג צען טויזענט רובל? — האָט ער געפרעגט.

— זיי זיינען מיר גאָרנישט ניט שולדיג. זיי זיינען שול־דיג געוועזען דעם קצב צוועלף און אַ האַלבען רובל, אָבער זיי האָבען עס שוין מיט דריי וואָכען צוריק באַצאָלט; פאַר דער שמאַנד האָבען זיי שוין אויך באַצאָלט — זיי זיינען גאָרנישט ניט שולדיג.

— האָט איר גאָרניט קיין דאָקומענט אויף אים?

זי האָט טעמפּ אַ קוק געטאָן אויף אים.

— רעדט עס בעסער איבער מיט מיין ברודער, — האָט זי געענטפערט, — ער וואוינט דאָ ניט ווייט.

—ניין, איך וויל מיט אייך איבעררעדען, — האָט שטאַלץ אַנטשלאָסען אַרויסגערעדט, — איליאַ איליטש האַלט, אַז ער איז אייך שולדיג און ניט אייער ברודער.

— זיי זיינען מיר גארניט ניט שולדיג, — האָט זי גע־ענטפערט, — און דאָס, וואָס איך פארזוץ דאָס זילבער, די פערל און דאָס פוטער, פארזוץ איך זיי דאָס פאר זיך. איך האָב זיך און מאשא׳ן געקויפט שיך און וואניא׳ן האָב איך געקויפט אויף העמדלעך. אויף איליא איליטש׳ן האָב איך קיין גראָשען ניט אויסגעגעבען.

ער האָט געקוקט אויף איר, איינגעהערט זיך און אריינגע־דרונגען אין דעם מיין פון אירע ווערטער. ער איז, דאכט זיך, געווען נאָענט צו דער לעזונג פון אגאפיא מאטוועיעווגא׳ס גע־היימנים, און דער כמעט פאראכטליכער בליק, וואָס ער האָט גע־וואָרפען אויף איר, ווען ער האָט גערעדט מיט איר, האָט ניט ווילענדיג זיך פארביטען אויף א נייגעריגען, אפילו מיטפילענ־דיגען בליק.

ער האָט ניט געוואוסט צי ער זאָל זיך פרעהען, אָדער ער זאָל טרויערען אויף אָבלאָמאוו׳ן. עס איז געווען קלאָר, אז ער איז איר ניט געווען שולדיג קיין געלט, און אז דער דאָזיגער חוב איז געווען עפעס א שווינדעל פון איר ברודער׳ס זייט, אָבער דערפאר איז אים געוואָרען קלאָר פיל אנדערע זאכען... וואָס זאָל באדייטען דאָס פארזעצען פון די פערל, פון דעם זילבער?

— האָט איר גאָרניט וואָס איינצומאָנען פון איליא אי־ליטש? — האָט ער געפרעגט.

— זייט אזוי פריינדליך און רעדט עם דורך מיט׳ן ברודער, — האָט זי איינטאָניג געענטפערט, — איצט איז ער אין דער היים.

— איר זאָגט, אז אייך קומט איליא איליטש גאָרניט?

— איך שווער אייך ביי גאָט, אז ער קומט מיר אפילו ניט קיין גראָשען! — האָט זי זיך געשוואָרען, קוקענדיג אויף דער איקאָנע און צלמ׳ענדיג זיך.

—וועט איר דאָס באשטעטיגען פאר עדות?

— פאר אלעמען, אפילו פאר׳ן גלח! און דאָס וואָס איך האָב פארזעצט די פערל און דאָס זילבער, איז דאָס געווען פאר מיינע אייגענע אויסגאבען.

א ב ל א מ א ו ו

— אויסגעצייכענט! — האט שטאלץ זי איבערגעשלאגען. מארגען וועל איך ביי אייך זיין מיט צוויי מיינע באקאנטע, וועט איר זיך ניט אפזאגען ערקלערען דאס זעלבע אין זייער אנוועזענהייט?

— רעדט שוין וועגען דעם בעסער איבער מיט מיין ברודער, — האט זי איבערגע׳חזר׳ט איר ביטע, — ווארים איך בין ניט אנגעטאן ווי מען דארף... איך בין שטענדיג אין דער קיך, עס איז ניט גוט, אז פרעמדע זאלען מיך אזוי זען, וועלען האבען א שלעכטע מיינונג...

— עס מאכט ניט! דאס איז קלייניגקייטען! און מיט אייער ברודער וועל איך זיך זען מארגען, נאכדעם ווי איר וועט אונטערשרייבען א געוויס פאפיר.

— איך האב זיך שוין אינגאנצען אפגעוועהנט פון שרייבען.

— מען דארף ניט פיל שרייבען, אינגאנצען א צוויי שורות.

— ניין, דאס ניט; זאל שוין בעסער וואנושא שרייבען: ער האט אזא שעהנע האנטשריפט.

— ניין, איר טארט זיך ניט אפזאגען, — איז ער ניט אפגעטראטען, — אויב איר וועט דאס פאפיר ניט אונטערשרייבען, וועט עס הייסען, אז איליא איליטש איז אייך שולדיג צען טויזענט רובל.

— ניין, זיי זיינען מיר גארניט ניט שולדיג, אפילו קיין קאפיקע ניט, — האט זי געזאגט, — איך בין גרייט צו שווערען פאר גאט!

— אויב אזוי מוזט איר מארגען אונטערשרייבען דאס פאפיר. צום ווידערזען ביז מארגען.

— פארגעהט מארגען בעסער צום ברודער... — האט זי געזאגט, באגלייטענדיג אים. — אטא וואוינט ער דא...

— ניין, און איך בעט אייך ניט צו זאגען אייער ברודער גארניט וועגען מיר, אז ניט וועט איליא איליטש׳ען זיין זעהר אומאנגענעם...

— וועל איך אים טאקע קיין ווארט ניט זאגען! — האט זי נעהארכזאם געזאגט.

7.

צומאַרגענס האָט אַגאַפּיאַ מאַטוועיעווגאַ אונטערגעשרי־בען שטאָלצ׳ען אַ פּאַפּיר, אַז איר קומט קיין שום געלט ניט פון אַבלאָמאָוו׳ן. מיט אָט דער צייגנים האָט זיך שטאָלץ באַוויזן פאַר איר ברודער.

עס איז געווען ווי אַ דונער וואָלט געפאַלען אויף אים. ער האָט אַרויסגענומען דעם דאָקומענט, אָנגעוויזן מיט׳ן מי־טעלסטען פינגער פון דער רעכטער זייט אויף אָבלאָמאָוו׳ס אונטערשריפט און אויף דער באַשטעטיגונג פון די עדות.

— עס איז אַ געזעצליכע זאַך, — האָט ער געזאָגט, — עס האָט גאָרניט צו טאָן מיט מיר, איך האָב בלויז אַכטונג געגעבען אויף די אינטערעסען פון מיין שוועסטער, און וואָס פאַר אַ געלט איליאַ איליטש האָט ביי איר גענומען, ווייס איך ניט.

— מיט דעם ענדיגט עס זיך נאָך ניט, — האָט שטאָלץ איהם געדראָהט, אוועקפאָרענדיג.

— אַזוי איז דאָס געזעץ, מיט מיר האָט עס ניט צו טאָן!

— האָט זיך פאַרטיידיגט איוואַן מאַטוועיאיטש.

צומאַרגענס, ווי נאָר ער איז געקומען אין דער קאַנצע־לאַריע, איז געקומען אַ קוריער פון גענעראַל, וואָס האָט געפאָ־דערט, אַז ער זאָל גלייך קומען צום גענעראַל.

— צום גענעראַל! — האָט נאָכגעזאָגט די גאַנצע קאַנ־צעלאַריע. — פאַר וואָס? וואָס זאָל דאָס באַדייטען?

ביי נאַכט איז איוואַן מאַטוועיאיטש געקומען אין דער קרעטשמע אַ דערשלאָגענער. טאַראַנטיעוו האָט שוין געהאַט געוואַרט אויף אים.

— וואָס איז געשען? — האָט ער מיט אומגעדולד געפרעגט.

אבלאמאוו

— וואָס? — האָט איינטאָניג אַרויסגערעדט איוואַן מאַטוועיאיטש. — און וואָס מיינסטו איז געשען?

— מען האָט דיך אַנגעזידעלט?

— אַנגעזידעלט! — האָט אים איוואַן מאַטוועיאיטש נאָכגעקרימט. — עס וואָלט שוין בעסער געווען, ווען זיי וואָלטען מיך אָנגעשלאָגען! און דו, ברודער לעֶב, ביסט אַ פיינער מענש! — האָט ער אים פאַרגעוואָרפען. — פאַר וואָס האָסטו ניט געזאָגט, וואָס פאַר אַ מענש דיין דייטש איז?

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז דאָס איז אַ דורכגע־טריבענער יונג! — האָט טאַראַנטיעוו געענטפערט.

— אַ דורכגעטריבענער! מיר האָבען שוין געזען אַזוינע לייט! אָבער פאַר וואָס האָסטו ניט געזאָגט, אַז ער איז אַן איינפלוסרייכער מענש? ער האָט מיט דעם גענעראַל גערעדט פער דו, אַזוי ווי איך מיט דיר. וואָלט איך זיך אָנגעהויבען, ווען איך זאָל וויסען, וואָס פאַר אַ פויגעל דאָס איז?

— דו האַנדעלסט דאָך אָבער לויט דעם געזעץ! — האָט אים געענטפערט טאַראַנטיעוו.

— לויט דעם געזעץ! — האָט ער אים ווידער איבער־געקרימט. — פרואוו נאָר דאָרט אַזוי צו רעדען: דער צונג וועט זיך דיר צוקלעפּען צום גומען. ווייסטו וואָס דער גע־נעראַל האָט מיך געפרעגט?

— וואָס? — האָט טאַראַנטיעוו מיט נייגעריגקייט גע־פרעגט.

— „איז דאָס אמת, אַז איר צוזאַמען מיט נאָך עפּעס אַ לומפּ האָט אַנגע'שכור'ט דעם פריץ אָבלאָמאָוו און געמאַכט אים אונטערשרייבען זיך, אַז ער איז אייער שוועסטער שול־דיג געלט?"

— האָט ער טאַקע געזאָגט: „מיט עפּעס אַ לומפּ"? — האָט אים טאַראַנטיעוו געפרעגט.

— יאָ, ער האָט אַזוי געזאָגט.

— ווער איז דאָס דער דאָזיגער לומפּ? — האָט טאַראַנ־טיעוו ווידער אַמאָל געפרעגט.

איוואן מאטוועיאיטש האט אים א קוק געטאן אין פנים אריין.

— אזוי, דו ווייסט גאר ניט? — האט מיט גיפט ארויס־גערעדט איוואן מאטוועיאיטש. — גיב נאר א טראכט: ביסטו עס ניט אליין?

— וואס האט מען מיך דא ארייננעשלעפט?

— דערפאר קומסטו א דאנק דעם דייטש און דיין לאנדס־מאן. דער דייטש האט אלץ נאכגעזוכט, נאכגעפרעגט.

— דו, ברודער לעב, האסט געדארפט אנגעבען א צוויי־טען, און אויף מיר האסטו געדארפט זאגען, אז איך בין גאר דערביי ניט געווען.

— אזוי? אזא הייליגער ביסטו? — האט אים איוואן מאטוועיאיטש געענטפערט.

— וואס האסטו אים געענטפערט, ווען דער גענעראל האט דיך געפרעגט: „אז איהר מיט נאך עפעס א לומפ...” דאמאלט איז געווען א גוטע געלעגענהייט אים צו פאררעדען.

— פאררעדען? דו ווערסט שוין אים פאררעדען! אויגען האט עס גרינע! איך האב זיך געשטארקט און געשטארקט און געוואלט ארויסרעדען: „עס איז ניט אמת, אייער עקסע־לענץ, איך האב קיין שום אבלאמאוו׳ן ניט געקענט און איך קען אים ניט, דאס אלץ האט אט דער טאראנטיעוו!...” נאר עס איז ניט ארונטער פון דער צונג און איך בין אים געפאלען צו די פיס.

— ווילען זיי פארפירען א פראצעס? — האט טאראנ־טיעוו געפרעגט מיט א דומפען קול. — איך בין דאך א זייטיגער מענש, דאס האסטו דאך, ברודער לעבען...

— א זייטיגער! דו ביסט א זייטיגער? ניין, ברודער לעבען, אויב מען וועט דארפען באצאלען דערפאר, וועסטו עס דער ערשטער: ווער האט איינגערעדט אבלאמאוו׳ן צו טרינ־קען? ווער האט אים גערדאהט?

— דו האסט עס דאך מיך אויסגעלערענט, — האט טאראנטיעוו געענטפערט.

אבלאמאוו

— דו ביסט נאך ניט פוליעריג, הא? איך חויב פון קיין שום זאך ניט אן צו וויסען.

— דאס איז שוין ניט ערליך, ברודער לעבען! איך האב אין גאנצען געקראגען דערפאר דריי הונדערט רובל.

— דו ווילסט, אז איך זאל אלץ נעמען אויף זיך? סאר א קלוגער דו ביסט! ניין, איך ווייס פון גאר ניט, — האט ער גערעדט, — איך האב בלויז ארויסגעהאלפען דער שוועס־טער. ענטפערען דארפסט דו און זאטערטי, ווייל איר זייט געוועזען די עדות!

— דו מעגסט גוט אנלערנען דיין שוועסטער: ווי וואגט זי געהן געגען איר ברודער? — האט טאראנטיעוו געזאגט.

— די שוועסטער איז א בהמה: וואס קאן איך מיט איר מאכען?

— וואס זאגט זי?

— וואס? זי וויינט און טענה'ט זיך דאס איריגע: „ער איז ניט שולדיג, איליא איליטש איז ניט שולדיג, אז קיין שום געלט האט זי אים ניט געליען".

— הייסט עס, אז עס וועט זיך אנהויבען א פראצעס?

— האט, ציטערענדיג, געפרעגט טאראנטיעוו.

— וואס פאר א פראצעס? עס וועט ניט זיין קיין אונ־טערזוכונג, עס וועט ניט זיין קיין פראצעס! דער גענעראל האט געוואלט מיך פארטרייבען פון דער שטאדט, אבער דער דייטש האט זיך ארייגעמישט, ער וויל ניט, אז מען זאל בארעדען אבלאמאוו'ן.

— וואס זאגסטו, ברודער לעבען! לאמיר אויסטרינקען! וואס פאר א גליק! — האט געזאגט טאראנטיעוו.

— אויסטרינקען? אויף וועמעס רעכענונג? אויף דיינעם אודאי...

— און אויף דיינעם?

— איך מעג זיך שוין געזעגענען מיט מיינע איינקונפ־טען: איך האב דיר ניט דערדערט, וואס דער גענעראל האט געזאגט.

— וואָס? — האָט טאַראַנטיעוו געפרעגט, ווידער פאַר־לירענדיג דעם מוט.

— אַז איך זאָל אַרויסטרעטען פון דינסט.

— וואָס רעדסטו, ברודער לעבען! — האָט ער אויף אים אַרויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגען. — אוי, וועל איך דאָס איצט, — האָט ער מיט כעס פאַרענדיגט, — אָנזידלען מיין לאַנדס־מאַן, אַז ער וועט עס האָבען מיך צו געדענקען!

— דו ווייסט בלויז פון זידלען!

— איך וועל שוין אים אָנזידלען! — האָט געזאָגט טאַראַנטיעוו. — און ווייסט וואָס, איך וועל זיך דערווייל אָפּ־האַלטען. הער זיך נאָר איין, וואָס מיר איז איינגעפאַלען.

— וואָס נאָך? — האָט איוואַן מאַטוועיאיטש אים גע־פרעגט, אַ פאַרזונקענער אין געדאַנקען.

— מען וואָלט געקאָנט עפּעס אויספירען, אַ שאָד נאָר וואָס דו האָסט זיך איבערגעקליבען אין אַ נייער דירה.

— וואָס אַזוינס?

— אָט וואָס! — האָט ער געזאָגט, קוקענדיג אויף איוואַן מאַטוועיאיטש'ען. — מען דאַרף נאָכקוקען נאָך אָבלאָ־מאָוו'ן און נאָך דיין שוועסטער און זען, וואָס פאַר אַ פּיראָגען זיי באַקען דאָרט... דער עיקר עדות! דאַמאָלט וועט שוין דער דייטש אויך גאָר ניט קאָנען מאַכען. וועסט זען דעם דייטש וועט אויך פאַרפעלען מוט און ער וועט איינגעהן, אַז מען זאָל זיך אַזוי אויסגלייכען.

— יאָ, דאָס איז ניט קיין שלעכטער פּלאַן! — האָט איוואַן מאַטוועיאיטש געענטפערט, איבערטראַכטענדיג עס. — דו האָסט ניט קיין שלעכטע פּלענער, אָבער דורכצופירען זיי, טויגסטו ניט, און זאַטערטי טויג ניט. וואַרט צו, איך האָב אַ פּלאַן. איך וועל זיי שוין געבען! — האָט ער גערעדט. — איך וועל מיין קעכין אַריבערשיקען אין מיין שוועסטער'ס קיך, זי וועט זיך באַפריינדען מיט אַניסיאַ'ן, וועט אַלץ אויס־פאָרשען, און דערנאָך... לאָמיר אויסטרינקען, ברודער לעבען!

— לאָמיר אויסטרינקען! — האָט טאַראַנטיעוו נאָכגע־

אבלאמאוו

זאגט. — און דערנאך וועל איך דאס אנזידלען מיין לאנדס־מאן!

שטאלץ האט אנגעווענדעט אלע זיינע כחות אוועקצופירען פון דאנען אבלאמאוו'ן, אבער ער האט געבעטען שטאלצ'ען, אז ער זאל אים לאזען זיין דא נאך א חודש. ער האט אזוי געבעטען, אז שטאלץ האט ניט געקאנט ניט צושטימען דערצו. דער דאזיגער מאנאט איז אים, לויט זיינע ווערטער, נויטיג געווען צו פארענדיגען אלע זיינע רעכענונגען, איבערגעבען די דירה, און איינארדנען זיינע געשעפטען אזוי, אז ער זאל זיך שוין ניט דארפען מער אומקערען קיין פעטערבורג. דערצו האט ער געוואלט איינקויפען וואס ער האט נויטיג געהאט פאר דער איינארדנונג פון זיין הויז אין אבלאמאווקע; און ענדליך האט ער געוואלט דא אויסזוכען א גוטע הויזהאלטערין, אן ענליכע צו אגאפיא מאטוועייעווגא'ן. ער האט זיך אפילו ניט אפגעהאלטען צו צורעדען זי, אז זי זאל פארקויפען דאס הויז און איבערקלייבען זיך אין דארף אריין, וואו זי וועט האבען פאר זיך א גרויס און ווירדיג טעטיגקייטס־פעלד: א גרויסע און א פארצווייגטע באלעבאטישקייט.

— גוט, וואס דו האסט מיך דערמאנט וועגען דער באלעבאסטע, — האט שטאלץ אים איבערגעשלאגען, — איך האב דיך געוואלט פרעגען, איליא, אין וועלכע באציאונגען ביסטו מיט איר...

אבלאמאוו איז מיט אמאל רויט געווארען.

— וואס ווילסטו דערמיט זאגען? — האט ער אים גיך געפרעגט.

— דו ווייסט אליין גאנץ גוט, — האט שטאלץ באמערקט, — אז ניט וואלסטו ניט געהאט פאר וואס רויט צו ווערען. הער זיך איין, איליא, אויב א ווארנונג קאן דא עפעס העלפען, בעט איך דיך אין נאמען פון אונזער פריינדשאפט, אז דו זאלסט זיין פארזיכטיג...

— וואס רעדסטו? — האט זיך אבלאמאוו פארטיידיגט.

א. א. גאָנטשאַראָוו

— דו האָסט גערעדט וועגען איר מיט אַזאַ וואַרעמקייט, אַז איך הויב אָן צו מיינען, אַז דו האָסט זי...

— ווילסטו ניט זאָגען אפשר ליב? באַזין זיך ,אנדרעי!

— האָט אים אָבלאָמאָוו איבערגעשלאָגען מיט אַ געמאַכט געלעכטערל.

— איז נאָך טויזענט מאָל ערגער, אויב דאָ איז ניט פאַראַן קיין גייסטיגער פונק, אויב דאָס איז בלויז...

— אנדרעי! קענסטו מיך פאַר אַן אוממאָראַלען מענשען?

— אָבער פאַר וואָס ביסטו רויט געוואָרדען?

— דערפאַר, וואָס דיר האָט געקאָנט קומען אויפ'ן זינען אַזאַ געדאַנק.

שטאָלץ האָט מיט צווייפעל אַ שאָקעל געטאָן דעם קאָפּ.

— גיב אַכט, איליא, פאַל אין קיין גרוב ניט אַריין. עס איז אַ פּשוט'ע פרוי: אַן אומזויבערקייט, אַ שטיקענדע, טעמפּע אומגעבונג, רויקייט — פוי!...

אָבלאָמאָוו האָט געשוויגען.

— נו, זייט געזונט, — האָט שטאָלץ פאַרענדיגט, — וועל איך זאָגען אָלגאַ'ן, אַז זומער וועלען מיר זיך זען, אויב ניט ביי אונז, איז אין אָבלאָמאָווקע. געדענק, זי וועט באַשטעהן אויף איר פאַרלאַנג!

— זיכער, זיכער, — האָט אָבלאָמאָוו געענטפערט מיט זיכערקייט, — קאָנסט נאָך צוגעבען, אַז אויב זי וועט ערלויבען, וועל איך דעם ווינטער פאַרברענגען ביי אייך.

— דו וואָלסט אונז דערמיט זעהר דערפרעהט!

שטאָלץ איז אַוועקגעפאָרען נאָך אין דעם זעלבען טאָג און אין אָווענט איז צו אים געקומען טאַראַנטיעוו. ער האָט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטען און ער האָט אים גוט אויסגעזידעלט פאַר זיין גוטען־ברודער. ער האָט בלויז ניט גענומען אין אַכט, אַז אין דער געזעלשאַפט פון די איליגסקים האָט זיך אָבלאָמאָוו אָפּגעוואוהנט פון אַזעלכע ערשיינונגען, און אַז זיין פריערדיגע אַפּאַטיע און גלייכגילטיגקייט צו טאַראַנטיעוו'ס אַרויסטרע־

אבלאמאוו

טונגען איז פארביטען געוואָקסען אויף א געפיל פון עקעל. דאָס וואָלט שוין אנטפּלעקט געוואָרען, און צו ביסלאַך האָט עס זיך שוין ארויסגעוויזען דאמאָלט אויף דער זומער־וואוינונג, אָבער פון יענער צייט האָט אים טאראנטיעוו זעהר זעלטען באזוכט, און איז ער געווען, איז עס געווען אין דער אַנוועזענהייט פון פרעמדע מענשען און עס איז צו זיי צו קיין צוזאמענשטויסען ניט געקומען.

— גוט אָוונט, לאנדסמאן! — האָט מיט כעס טאראנטיעוו געזאָגט, ניט דערלאנגענדיג אים די האנט.

— גוט אָוונט! — האָט אים אבלאָמאָוו קאַלט געענטפערט, קוקענדיג אין פענסטער אריין.

— האָסטו שוין באגלייט דיין וואוילטעטער?

— באגלייט. וואָס איז דען?

— א פיינער מענש! — האָט גיפטיג טאראנטיעוו ווייטער גערעדט.

— ער געפעלט דיר ניט?

— איך וואָלט אים אויפגעהאנגען! — האָט טאראנטיעוו ארויסגעברומט מיט שנאה.

— טאַקע?

— און דיך אויפ'ן זעלבען בוים.

— פאר וואָס עפּעס?

— מען דארף זיך פירען ערליך: מען צאָלט, אויב מען איז שולדיג, מען דרעהט זיך ניט אוים. וואָס האָסטו דאָ אנגעמאכט?

— הער זיך איין, מיכעי אנדרעאיטש, זיי אזוי גוט און באפריי מיך פון דיינע געשיכטעס; א לאנגע צייט, א דאנק מיין פוילקייט, מיין נאכלעסיגקייט, האָב איך זיך איינגעהערט צו דיר, ווייל איך האָב געמיינט, אז עס איז אין דיר דאָ כאָטש א פונק פון געוויסען, אָבער איך האָב געהאט א טעות. דו מיט אָט דעם זשוליק האָבען מיך געוואָלט באשווינדלען. איך וויים ניט, ווער עס איז פון אייך ביידען ערגער, איך ווייס

בלויז, אַז אירביידע זייט עקעלהאַפט. מיין פריינט האָט מיך ארויסגעראַטעוועט פון אַט דער נאַרישער געשיכטע...

— אַ טייערער פריינט! — האָט טאַראַנטיעוו ארויסגערעדט. — איך האָב געהערט, אַז ער האָט ביי דיר צוגעצויגען אַ כלה, מען קאָן ניט זאָגען, זעהר אַ טייערער פריינט! אַי, ביסטו אַ בהמה, לאַנדסמאַן!

— זיי אַזוי פריינדליך און לאָז צורו! — האָט אָבלאָמאָוו אים אָפּגעשטעלט.

— ניין, איך וועל דיך ניט לאָזען צורו! דו האָסט מיך ניט געוואָלט קענען, דו ביסט אומדאַנקבאַר! איך האָב דיך דאָ איינגעאָרדענט, געפונען פאַר דיר אַ פרוי אַן אוצר. איך האָב דיך באַזאָרגט מיט רו, מיט פאַרשידענע באַקוועמליכקייטען, געהאַלטען דיר אין איין טאָן טובות, און דו האָסט זיך נאָך אָפּגעקערט פון מיר. און געפונען האָט ער זיך אַ בעל־טובה אַ דייטש! גענומען דעם גוט אויף אַרענדע; וואַרט צו: ער וועט דיך נאָך שיקען אין די הייזער! געדענק מיין וואָרט! אידיאָט, זאָג איך דיר, עס איז נאָך ווייניג פאַר דיר אידיאָט, דו ביסט אַ בהמה, און אַן אומדאַנקבאַרע דערצו.

— טאַראַנטיעוו! — האָט אָבלאָמאָוו מיט כעס אַ געשריי געטאָן.

— וואָס האָסטו זיך צושריען? איך וועל באַלד נעמען שרייען אויף דער גאַנצער וועלט, אַז דו ביסט אַן אידיאָט, אַ בהמה! — האָט טאַראַנטיעוו געשריען. — איך און איוואַן מאַטוועיאיטש זיינען ארומגעגאַנגען ארום דיר, אָפּגעהיט דיך, באַדינט דיך, ווי מיר וואָלטען געווען דיין לייב־איינגענטום, אויף די שפּיץ פינגער געגאַנגען פאַר דיר, געקוקט דיר אין די אויגען, און דו ביסט געגאַנגען און אים גע'מסר'ט פאַר דער נאַטשאַלסטווע: איצט איז ער אָהן אַ שטעל און אָהן אַ שטיקעל ברויט! דאָס איז געמיין, נידעריג! דו דאַרפסט אים איצט געבען אַ העלפט פון דיין פאַרמעגען! גיב מיר אַ וועקסעל אויף זיין נאָמען: איצט ביסט דאָך ניט שכור,

אבלאמאוו

ביסט ביי דיין פארשטאנד, גיב, זאג איך דיר, איך וועל אחן דעם ניט אוועקגעהן...

— וואס שרייט איר אזוי, מיכעי אנדרעיאיטש? — האט בען געזאגט די באלעבאסטע און אניסיא, ארויסקוקענדיג פון אונטער דער טיר. — צוויי פארבייגעהער האבען זיך אפגעשטעלט, הערען זיך איין, וואס איר שרייט...

— איך וועל שרייען, — האט טאראנטיעוו געליארעמט, — זאל ער זיך שעמען אט דער נאר! זאל ער דיך ווייטער גענארען אט דער מאשעניק, הער דייטש, מיט דיין ליובאוויניצע זיך אודאי צוזאמענגערעדט...

אין צימער האט זיך דערהערט א שטארקער פאטש. באקומענדיג פון אבלאמאוו'ן אין באק אריין, איז טאראנטיעוו מאמענטאל אנטשוויגען געווארען, ארונטערגעלאזען זיך אויף א שטול און, אין גרויס פארוואונדערונג, האט ער געדרעהט אויף אלע זייטען זיינע צוטומעלטע אויגען.

— וואס איז דאס אזוינס? וואס איז דאס אזוינס, הא? וואס איז דאס אזוינס? — האט ער גערעדט, א בלייבער, שטיקענדיג זיך און האלטענדיג מיט א האנט די באק. — באליידיגט מיך? דו וועסט מיר דערפאר באצאלען! איך וועל גלייך אנגעבען אויף דיר צום גענעראל-גובערנאטאר: איר האט געזען?

— מיר האבען גארניט ניט געזען! — האבען ביידע פרויען ארויסגערעדט מיט אמאל.

— אהא! דא קומט פאר א פארשווערונג, דא איז א נעסט פון גזלנים! א באנדע גנבים! מען רויבט, מען הרג'עט...

— ארויס פון דאנען, לומפ! — האט א געשריי געטאן אבלאמאוו, א בלייכער און ציטערענדיג פון צארן. — די מינוט זאלסטו ארויס פון דאנען, אז ניט דער'הרג'ע איך דיך, ווי א הונט.

ער האט געזוכט מיט די אויגען א שטעקען.

— מען הרג'עט! העלפט! — האט טאראנטיעוו געשריען.

— זאכאר! ווארף ארויס אט דעם לומפ און זאל ער ניט וואגן מער דא ארייננצושטעלן א פוס! — האט אבלאמאוו א געשריי געטאן.

— אט איז די טיר! — האט געזאגט זאכאר און אים אנגעוויזן אויף דער טיר.

— איך בין ניט צו דיר געקומען, נאר צו אגאפיא מאטוועייעוונא'ן, — האט טאראנטיעוו געליארעמט.

— איך דארף אייך ניט האבן דא, מיכעי אנדרעיאיטש, — האט די באלעבאסטע געזאגט. — איר פלעגט קומען צו מיין ברודער און ניט צו מיר! איר זייט מיר אזוי ליב ווי א זויערער רעטאך! איר טרינקט זיך אן, פרעסט זיך אן און בילט נאך דערצו.

— אזוי גאר! נו, נו, אייער ברודער וועט אייך שוין געבען! און דו וועסט מיר באצאלן פאר דער באליידיגונג! וואו איז מיין הוט? באנדיטען, מערדער! — האט ער געשריען, געהענדיג איבער'ן הויף. — דו וועסט מיר באצאלען פאר דער באליידיגונג!

דער הונט האט זיך געריסען פון דער קייט און פארגאנגען זיך אין א בילען.

נאך דעם האבען זיך טאראנטיעוו און אבלאמאוו מער ניט באגעגענט.

8

שטאָלץ איז אַ פּאָר יאָהר ניט געווען אין פּעטערבורג. ער האָט בלויז איין מאָל אָפּגעטראָטען אין אָלגאַ'ס גוט און אין אָבלאָמאָווקע. איליאַ איליטש האָט באַקומען פון אים אַ בריף, אין וועלכען אַנדרעי האָט אים צוגערעדט צו פאָרען אליין אין דאָרף אריין און איבערנעמען אין זיינע הענט די פאַרוואַלטונג, און אַליין איז ער מיט אָלגאַ סערגעיעווגאַ'ן אַוועקגעפאָרען נאָך דעם זידליכען ברעג פון קרים צוליב צוויי צוועקען: ער האָט געהאַט געשעפטען אין אַדעס און צוליב זיין פרוי'ס געזונט; זי איז געוואָרען שוואַך נאָך איר קימפּעט.

זיי האָבען זיך באַזעצט אין אַ שטיל ווינקעל ביים ברעג פון ים. באַשיידען און ניט גרויס איז געווען זייער הויז. די אינווייניגסטע איינריכטונג פון הויז האָט געהאַט איר סטיל, ווי עס האָט געהאַט די דרויסענדיגע ארכיטעקטור, ווי די גאַנצע אויסשטאַטונג האָט אויף זיך געטראָגען דעם זיגעל פון די באַלעבאַטים'ס פערזענליכען געשמאַק. פילעס האָבען זיי מיטגעבראַכט מיט זיך, פילעס האָט מען זיי צוגעשקט פון רוסלאַנד און פון אוסלאַנד.

אַ ליבהאָבער פון קאָמפאָרט וואָלט, מעגליך, געקנייטשט מיט די פּלייצעס, ווען ער זאָל אַ קוק טאָן אויף די, אויפ'ן קוק אומהאַרמאָנישע, מעבעל, אַלטע בילדער, סטאַטועז מיט אָפּגעבראָכענע הענט און פיס, גראַווירען, וואָס האָבען אויסגעזען אומבאַדייטענד, אָבער וועלכע זיינען געווען עכטע אַנטיקען. בלויז די אויגען פון אַ מבין וואָלטען זיך אָנגעצונדען מיט אַ פייערעל פון קנאה, ווען ער וואָלט אַ קוק געטאָן אויף דעם אָדער אויף אַן אַנדער בילד, אויף אַ בוך, וואָס איז פאַר־

געלט געווארען פאר אלטקייט, אויף אלטען פארצעליין, ערעל־שטיינער, אדער מטבעות.

אבער פון צווישען די פארשידענסטיליגע מעבעל, בילדער, פון צווישען קלייניגקייטען, וואס האבען פאר קיינעם קיין שום באדייטונג ניט געהאט, וואס האבען בלויז זיי עראינערט אן זייערע א גליקליכער שעה, אן אן אומפארגעסליכען מאמענט, פון דעם ים ביכער, נאטען, האט געוועהט מיט ווארעמען לעבען, מיט עפעס וואס רעגט דעם שכל און דאס עסטעטישע געפיל; אומעטום איז אנוועזענט געווען אדער דער קיינמאל ניט דרעמ־לענדער געדאנק, אדער עס האט ארויסגעלויכטען די שעהנהייט פון דעם מענשליכען קערפער, פונקט ווי ארום האט געלויכטען די אייביגע שעהנהייט פון דער נאטור.

דא האט זיך געפונען אי דער הויכער פולט, וואס אנדרעי האט געהאט פון זיין פאטער, די זאמשענע האנט־שו; אין ווינקעל, לעבען דער שראנק מיט מינעראלען, מושלען, אויס־געשטאפטע פויגעל, מוסטערען פון פארשידענע ליימען, סחורות איז געהאנגען דער צעראטענער מאנטעל.

א נעץ פון וויינריב, עפיי און מירטען האט באדעקט זייער הויז פון אויבען ביז ארונטער. פון איין זייט פון זייער גאניק האט זיך געזען דער ים און פון דער צווייטער זייט — דער וועג אין שטאדט אריין.

דארט האט אלגא סערגעיעוונא געווארט, ווען אנדרעי איז אוועקגעפארען פון דער היים צוליב זיינע געשעפטען און, ווען זי האט אים דערזען, האט זי זיך ארונטערגעלאזען, דורכגע־לאפען דעם פראכטפולען בלומען־בייט, די לאנגע אליי פון טאפאלען און זיך געווארפען אויף איר מאנ׳ס ברוסט; שטענדיג מיט באקען, וואס האבען געפלאמט פאר פרייד, מיט גלאנצענדיגע אויגען, שטענדיג מיט דער זעלבער אומגעדול־דיגקייט, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס עס איז שוין פאר־איבער ניט נאר דער ערשטער און דער צווייטער יאר פון זייער חתונה.

שטאלצ׳עס קוק אויף דער ליבע, אויף דער חתונה, איז,

מעגליך, געווען אָריגינעל, איבערגעטריבען, אָבער אין יעדען פאַל, זעלבסטשטענדיג. אויך דאָ איז ער געגאַנגען מיט אַ פרייען און, ווי אים האָט זיך געדאַכט, מיט אַ נאַטירליכען וועג. אָבער וואָס פאַר אַ שווערע שולע פון באַאָבאַכטען, אויסדויער, מי האָט ער געדאַרפט דורכגעהן ביז ער האָט זיך אויסגעלערענט צו מאַכען אָט די נאַטירליכע טריט.

פון זיין פאָטער האָט ער גע'ירש'ענט די טבע צו קוקען אויף אַלץ אין לעבען, אפילו אויף די אומבאַדייטענדסטע זאַכען, מיט ערנסט; מעגליך, אַז ער וואָלט איבערגענומען פון פאָטער די פעדאַנטישע שטרענגקייט, מיט וועלכער די דייטשען באַגלייטען זייער יעדען בליק, זייער יעדען טראָט אין לעבען, און, פאַרשטעהט זיך, די חתונה.

ווי אויף שטיינערנע טאָוולען איז געווען אויסגעקריצט און פאַר אַלעם אָפען דאָס לעבען פון דעם אַלטען שטאָלץ און עס איז ניט געווען וואָס זיך אָנצושטויסען. אָבער די מוטער מיט אירע לידער און איר צערטליך פליסטערען, שפּעטער דאָס פירשטליכע הויז, און נאָך שפּעטער דער אוניווערסיטעט, ביכער, די וועלט — דאָס אַלץ האָט אַנדרעי'ן אַראָפּגעפירט פון דעם גלייכען וועג, וואָס דער פאָטער האָט פאַר אים אָנגעצייכענט. דאָס רוסישע לעבען האָט געצייכענט אירע אומזעבאַרע שטריכען און פון די פאַרבלאָזע טאָוולען האָט עס געמאַכט אַ העל און ברייט בילד.

אַנדרעי האָט ניט געשמידט אין פעדאַנטישע קייטען זיינע געפילען, ער האָט זיי געגעבען אפילו פרייהייט, ער האָט בלויז געזען, אַז ער זאָל ניט פאַרלירען דעם „באָדען פון אונטער די פיס". און דאָך, ווען ער האָט זיך אויסגעניכטערט פון זיי אַ דאַנק זיין דייטשער נאַטור, אָדער צוליב אַן אַנדער אורזאַך, האָט ער זיך ניט געקאָנט איינהאַלטען פון צו מאַכען אַן אויספיר און דרינגען דערפון עפּעס אַ לעבענס ווייזהייט.

ער איז געווען פיזיש געוואַגט, ווייל ער איז געווען אַ גייסטיג מוטיגער מענש. אין זיינע אינגעל־יאָרען האָט ער ליב געהאַט אַרומצושפּרינגען, אַרומלויפען, און ווען ער האָט ניט

אַרומגעטומעלט, האָט ער זיך אונטער דעם פֿאָטערס אויפֿזיכט מיט עפּעס פֿאַרנומען. ער האָט ניט געהאַט קיין צייט פֿאַנאַנ־דערצעשווימען אין חלומות. זיין איינבילדונג איז ניט פֿאַר־דאָרבען געוואָרען, זיין האַרץ איז ניט קאַלע געוואָרען: אויף דער ריינקייט און פֿרישקייט פֿון זיי ביידען האָט אַכטונג געגעבען די מוטער.

נאָך אַלס אינגעל האָט ער אינסטינקטיוו אָפּגעהיט די פֿרישקייט פֿון זיינע כוחות: עס איז אים אין גיכען קלאָר געוואָרען, אַז די דאָזיגע פֿרישקייט געבירט מוט און פֿרעה־ליכקייט, בויט אויף יענע מעגליכקייט, אין וועלכער עס דאַרף זיין איינגעראַמט דאָס האַרץ, כדי עס זאָל ניט בלייך ווערען אין אָנגעזיכט פֿון לעבען, ניט קוקענדיג, ווי שווער דאָס לעבען זאָל ניט זיין, עס זאָל קוקען אויפֿ'ן לעבען ניט ווי אויף אַ יאָך, נאָר ווי אויף אַ פֿליכט, און אַז עס איז ווירדיג איבערצוטראָגען אַ קאַמף מיט'ן לעבען.

ער האָט אויך אָפּגעגעבען אַ סך מאַרך צו דער נשמה און אירע געזעצען. באָאָבאַכטענדיג באַוואוסטזיניג און אומבאַ־וואוסטזיניג די ווירקונג פֿון דאָס שעהנע אויף דער איינביל־דונג, און דעם איבערגאַנג פֿון איינדרוק אין געפֿיל, זיינע סימפּטאָמען, זיין אויסגאַנג, איז ער געקומען צו דער איבער־צייגונג, אַז די וועלט ווערט רעגירט דורך דער ליבע. און אַז אין דער ליבע איז דאָ פּונקט אַזוי פֿיל גליק און אמת, וויפֿיל עס איז דאָ אין איר מיאוס'קייט און שלעכטס. וואו זשע איז דאָס גליק? וואו איז דאָס שלעכטס? וואו איז דער גרענעץ צווישען זיי?

אויף דער פֿראַגע: וואו איז דער ליגען? האָט זיך אין זיינע געדאַנקען געגומען ציען אַ בונטע קייט פֿון מאַסקען פֿון דער געגענוואַרטיגער און פֿאַרגאַנגענער צייט. אַמאָל מיט אַ שמייכעל, אַמאָל ווערענדיג רויט, אַמאָל אָנבלאָזענדיג זיך, האָט ער געקוקט אויף דער אומענדליכער קייט פֿון די אַלע העלדען און העלדינען פֿון דער ליבע: אויף די דאָן־קיכאָטען אין די שטאָלענע האַנט־שו, אויף די דאַמען פֿון זייערע הערצער, אויף

זייער געגענזייטיגער פּופּציג יעריגער טריישאַפט, ניט קוקענדיג וואָס זיי זיינען געווען צושיידט; אויף די הירטינס מיט די רויטע געזיכטער און אָפענהערציגע אויגען.

עס האָבען זיך באַוויזען פאַר אים אָנגעפּודערטע מאַר־קיזען, אין שפּיצען, מיט אויגען, וואָס האָבען געלויכטען מיט חכמה און מיט פאַרדאָרבענע שמייכלען; דערנאָך האָבען זיך פאַר אים באַוויזען די, וואָס האָבען זיך דערשאָסען, געהאַנגען און דערוואָרגען; שפּעטער האָט ער פאַר זיך געזען פאַר־וועלקטע יונג־פרויען מיט די אייביגע טרערען פון ליבע, מיט זייערע קלויסטערס, און די באַוואָנסטע געזיכטער פון די העל־דען פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט, מיט דעם אומרואיגען פייער אין די אויגען, נאַאיווע און באַוואוסטזיניגע דאָן־זשור־אַנען... אַלע, אַלע!...

אויף דער פראַגע: וואו איז דער אמת? האָט ער גע־זוכט אין דער ווייט און אין דער נאָענט, אין דער פאַנטאַזיע זיינער און מיט זיינע אויגען ביישפּילען פון פּשוט'ן, ערליכען, אָבער טיפען און אומצושיידבאַרען צוזאַמענלעבען מיט אַ פרוי, און ער האָט עס ניט געפונען; אויב עס האָט זיך אים אויס־געוויזען, אַז ער האָט עס שוין יאָ געפונען, האָט עס זיך אים נאָר אַזוי אויסגעדאַכט, באַלד איז געקומען די אַנטוישונג, און ער איז געוואָרען באַהערשט פון אַ טרויער און איז אַריינ־געפאַלען אין אַ פאַרצווייפלונג.

„ווי עס זעט אויס, קאָן מען דאָס דאָזיגע גליק ניט געני־סען אין זיין פולער מאָס", האָט ער ביי זיך געטראַכט: „אָדער די דאָזיגע הערצער, וואָס זיינען באַשאָנקען מיט אַזאַ ליבע זיינען ניט געוואַגט: זיי ציטערען, באַהאַלטען זיך, ווי־לען ניט אַרויס אין קאַמף מיט די כיטרע לייט; און עס איז נאָך גאַנץ מעגליך, אַז זיי באַדויערען זיי, פאַרגיבען זיי אין נאָמען פון זייער גליק, וואָס יענע שטויסען אין קויט די שפּראָצונג, ווייל זיי פעלט אַ באָדען, וואו די דאָזיגע פלאַנצונג וואָלט געקאָנט לאָזען טיפע וואָרצלען און אויסוואַקסען אין

אזא גרויסען בוים, וואס וואלט זיין א גליק אויף זייער גאנץ לעבען".

ער האט פאר זיך געזען די הייראט, ער האט געזען פאר זיך די מענער און אין זייער באציאונג צו זייערע פרויען האט ער שטענדיג געזען א רעטזעלהאפטען ספינקס, דאס אלץ איז אזוי ווי אומפארשטענדליך, ווי עס וואלט עפעס ניט דערזאגט געווארען; אבער אין דער זעלבער צייט פארטראכטען זיך גאר ניט אט די דאזיגע מענער וועגען אט די אלע קלוגע פראגען, געהען זיך אויפ'ן וועג פון פארהייראטען לעבען מיט אזוינע זיכערע און גלייכע טריט, אזוי ווי אלע פראגען וואלטען געווען פארענטפערט.

„אפשר זיינען זיי גערעכט? אפשר דארף מען אויף אן אמת מער ניט ווי דאס?, האט ער מיט אומצוטרויען צו זיך געטראכט, קוקענדיג, ווי גיך זיי געהען דורך די ליבע, ווי עס וואלט געווען דער אלף־בית פון דער הייראט, אדער א פארם פון העפליכקייט, פונקט אזוי ווי זיי וואלטען זיך באגריסט, אריינגעהענדיג אין א הויז, און — א סוף!

זיי ווארפען מיט אומגעדולד ארונטער פון זייערע פלייצעס דעם פרילינג פון זייער לעבען; אנדערע, דאכט זיך, זיינען שפעטער דאס גאנצע לעבען ביז אויף זייערע פרויען, ווי עס וואלט געווען זייער שולד, וואס די מענער זיינען אמאל געווען אזוי נאריש און זיי ליב געהאט.

אנדערע ווערען ניט פארלאזען פון דער ליבע א לאנגע צייט, טיילמאל ביז דער טיפער עלטער, דערפאר, אבער, פארלאזט אויך זיי קיינמאל ניט דער שפאט־שמייכעל...

די גרעסטע טייל, ווידער, טרעט אריין אין פארהייראטען לעבען, ווייל מען זעט אויבען אויף די נוצען דערפון: א ווייב ברענגט אריין מער ארדנונג אין א הויז — זי איז די באלעבאסטע, מוטער, גיט אכטונג אויף די קינדער; און אויף דער ליבע קוקען זיי, ווי א פראקטישער באלעבאס קוקט אויף דעם געגענט וואו עס געפינט זיך זיין גוט, דאס הייסט, ער גע־

ווערנט זיך דערצו גלייך צו און שפעטער באמערקט ווי עס מער קיינמאל ניט.

— וואס, אלזא, איז עס פארט? איז עס אן איינגע־בארענע אומפעהיגקייט, וואס קומט א דאנק די געזעצען פון דער נאטור, — האט ער געזאגט צו זיך, — אדער עס קומט פון מאנגעל אין ערציאונג?... וואו זשע איז דאס געפיל, וואס ווערט קיינמאל ניט אן זיין נאטירליכע שעהנהייט, וואס קליידט זיך ניט אין דעם טראכט פון א ליגן, וואס בייט דעם אויסזען, אבער פארלעשט זיך קיינמאל ניט? וואס איז דער נאטירליכער קאליר און פארב פון אט דעם לעבענס זאפט, פון אט דעם פרייד, וואס איז פארשפרייט איבעראל און פילט אלץ אן מיט זיך?

ווי א נביא האט ער אריינגעקוקט אין דער צוקונפט און דארט האט זיך פאר אים באוויזען, אין א נעבעל, א געפיל, א פשוט געפיל, אבער אזא ריין, אזא ליכטיג...

— חלומות, חלומות! — האט ער ארויסגערעדט מיט א שמייכעל, אויסניכטערענדיג זיך פון די אומזיסט אויפגערייצטע געדאנקען.

אבער א בילד פון אט דעם געפיל האט נעגען זיין ווילען געלעבט אין זיין זכרון.

אין אנפאנג האט ער אין זיינע פאנטאזיעס געזען אין אט דעם בילד די צוקונפט פון אלע פרויען; אבער ווען ער האט שפעטער דערזען אין דער דערוואקסענער און צייטיג געווארענער אלגא, ניט בלויז די פראכט פון פאנאנדערבליהענ־דער שעהנהייט, נאר אויך א קראפט, וואס איז גרייט געווען צו דעם לעבען און וואס האט געגארט צו באנעמען און אריין אין קאמף מיט'ן לעבען, האט אין אים אויפגעוואכט דאס אלטע, כמעט פארגעסענע בילד פון ליבע און אין דעם דאזיגען בילד האט זיך אים געגומען חלומ'ען אלגא, און אים האט זיך אויס־געוויזען, אז עס איז מעגליך, אז זייער געפיל זאל זיין דורכ־געדרונגען פונ'ם אמת — אהן יענעם לצ'אנישען מיצעל און אהן מיסברויך.

ניט שפּילענדיג זיך מיט דער פראגע פון ליבע און חיי־ראַט, ניט אַריינמישענדיג אין איר קיינע אַנדערע אויסרעכע־נונגען, ווי געלט, שטעלע, פאַרבינדונגען, האָט זיך שטאָלץ דאָך פאַרטראַכט וועגען דעם, ווי אַזוי ער וועט קאָנען שלום מאַכען צווישען זיין אויסערליכער אומאויפהערליכער טעטיגקייט מיט דער אינערליכער, מיט דער פאַמיליען סביבה, ווי אַזוי ער וועט זיך פאַרוואַנדלען פון א טוריסט אין אַ הויז־זיצער? אויב ער וועט זיך באַפרייען פון אַט דעם אויסערליכען טומעל און יאָגעניש, מיט וואָס וועט זיך אָנפּילען זיין פאַמיליען לעבען? אמת, דאָס אויפהאָדעווען, דאָס ערציען פון די קינדער, זייי אַרויספירען אויפ'ן וועג פון לעבען איז ניט קיין לייכטע אויפ־גאַבע, אָבער צו דעם איז נאָך זעהר ווייט; וואָס וועט ער אָבער טאָן ביז יענער צייט?

די דאָזיגע פראַגען האָבען אים שוין פון לאַנג באַאומרו־איגט, און עס איז אים ניט געפאַלען שווער דאָס בחור'שע לעבען; עס איז אים קיינמאָל ניט איינגעפאַלען אָנצוטאָן אויף זיך די קייטען פון פאַרהייראַטען לעבען, ווען זיין האַרץ האָט אָנגעהויבען צו קלאַפּען, דערפילענדיג לעבען זיך א שעהנע פרוי. דערפאַר האָט ער אַזוי ווי ניט באַמערקט אָלגאַ'ן אלס מיידעל, ער האָט זי באַוואונדערט, ווי מען באַוואונדערט אַ ליב קינד, וואָס גיט גרויסע האָפנונגען; שפּאַסענדיג, פון דער זייט, האָט ער אַריינגעוואָרפען אין איר הונגעריגען, אויפנע־מענדען שכל אַ נייע געוואַגטען געדאַנק, אַ טרעפענדע באַמער־קונג, אָבער באַלד האָט ער פאַרגעסען אי אָלגאַ'ן, אי זיינע אויבענאויפיגע לעקציעס.

און טיילמאָל, ווען ער האָט געזען, אַז אין איר פינקלען אַמאָל דורך אומגעוועהנליכע שטריכען פון פאַרשטאַנד, אַנשויי־אונגען, אַז אין איר איז ניטאָ קיין ליגען, אַז זי זוכט ניט גע־פעלען צו ווערען אַנדערע, אַז געפילען לעבען אין איר אויף און פאַרלאָזען זי אַזוי פשוט און פריי, אַז אַלץ אין איר איז אייי־גענס, ניט קיין פרעמדס; און אַלץ, וואָס עס איז איר איי־גענס, איז מוטיג, פריש, פעסט — האָט ער ניט געקאָנט באַ־

גרייפען פון וואנען האט זיך דאס אלץ גענומען צו איר, און ער האט ניט דערקענט זיינע שנעלע באמערקונגען און לעקציעס.

ווען ער וואלט זיך דאמאלט לענגער פארטראכט אויף איר, וואלט ער געזען, אז זי געהט כמעט אליין איר אייגענעם וועג, אז דער טאנטע'ס אויפזיכט היט זי נאר אפ אויבערפלעכליך, אז זי ווערט ניט אונטערגעיאכט פון דעם אויטאריטעט פון באנעס, באבעס, מומעס, פון דער טראדיציע פון איר פאמיליע, שטאנד, פארעלטערטע זיטען, געוועהנהייטען, פאר־אורטיילען; אז מען פירט זי ניט איבערגעוואלט אויף דעם אויסגעטראטענעם וועג, אז זי געהט מיט א נייעם שטעג, אויף וועלכען זי האט זיך געמוזט דורכשלאגען מיט איר אייגענעם שכל, געפיל און קוק אויף זאכען.

און די נאטור האט זי מיט קיין זאך ניט פארזען; די טאנטע הערשט ניט דעספאטיש אויף איר ווילען און איר שכל, און אלגא שטויסט זיך אן און א סך זאכען, באגרייפט אליין, קוקט זיך פארזיכטיג צו צום לעבען, הערט זיך איין... צווישען אנדערע, אויך צו די רייד און עצות פון איר פריינט.

ער האט זיך דאס אלץ ניט פארגעשטעלט און האט בלויז געווארט פון איר זעהר פיל אין דער צוקונפט, אבער בלויז אין דער וויטער צוקונפט.

און א דאנק איר שעמעוודיגקייט האט זי זיך א לאנגע צייט ניט געלאזט דערקענען, און ערשט נאך דעם פיינליכען קאמף אין אויסלאנד, האט ער מיט ערשטוינונג דערזען, צו וואס פאר א מוסטער פון פשוט'קייט, קראפט און נאטירליכ־קייט איז אויסגעוואקסען דאס פיל פארשפרעכענדע און פון אים פארגעסענע קינד. דא האט זיך צוביסלאכווייז אנטפלעקט פאר אים די טיפעניש פון איר נשמה, וואס אים איז אויס־געקומען אנצופילען, אבער וועלכע ער האט קיינמאל ניט אנ־געפילט.

אין אנפאנג איז אים אויסגעקומען צו קעמפען מיט דער לעבעדיגקייט פון איר כאראקטער, עס איז אים אויסגעקומען איבערצורייסען איר יוגענד פיבער, אונטערברענגען איהע

אויסברוכען אונטער אַ געווויסען געזעץ, געבען איר לעבען אַ מעגליכקייט רואיג צו פליסען, אָבער דאָס אַלץ איז אים געלונגען בלויז אויף אַ צייט, וואָרים ווי נאָר ער האָט מיט צו־טרויען פאַרמאַכט די אויגען, האָט זיך אויפגעהויבען אַ ליאַרם, דאָס לעבען האָט אָנגעהויבען שלאָגען ווי אַ קוואַל, עס האָבען זיך אָנגעהויבען הערען נייע פראַגען פון דעם אומרואיגען שכל, פון דעם אויפגערעגטען האַרץ; אָט האָט מען געדאַרפט באַרואיגען די צורייצטע פאַרשטעלונגס־קראַפט, אָט האָט מען געדאַרפט איינגעמען אָדער אויפוועקען איר זעלבסט־ליבע. האָט זי זיך פאַרטראַכט וועגען געוויסע ערשיינונגען פון לעבען — האָט ער שוין געאיילט איר צו געבען דעם שליסעל צו זיי.

דאָס גלויבען איז צופאַלען, דער נעבעל פון גאַליצונאַציעס איז פאַרשוואונדען. קלאָר און אָפען האָט זיך פאַר איר אויסגעשפּרייט די ווייט, און זי האָט אין איר, ווי אין אַ דורכזיכטיג וואַסער, געזען איטלאַך שטיינדעל, איטלאַך גריבעל און דעם קלאָרען גרונט.

„איך בין גליקליך!“ האָט זי געפליסטערט, אַרומנעמענדיג מיט אַ בליק פון דאַנקבאַרקייט אירע פאַרגאַנגענע טעג און, פאַרשענדיג איר צוקונפט, האָט זי זיך דערמאָנט איר חלום פון גליק, וואָס עס האָט זיך איר גע׳חלומ׳ט מיידעלווייז אין דער שווייץ, אָט יענע פאַר׳חלומ׳טע בלויע נאַכט, און זי האָט דערזען, אַז אָט דער חלום טראָגט זיך אַרום אין לעבען ווי אַ שאָטען.

„פאַר וואָס איז דאָס אַלץ אויסגעפאַלען אויף מיין מזל?“ האָט זי געטראַכט.

זי האָט זיך פאַרטראַכט, צייטענווייז האָט זי אפילו מורא געהאַט, אַז דאָס דאָזיגע גליק זאָל זיך מיט אַמאָל ניט איבעררייסען.

עס זיינען פאַרפלאָסען יאָרען, און זיי זיינען ניט מיד געוואָרען צו לעבען. עס איז אָנגעקומען די רו, עס האָבען זיך איינגעשטילט די אויסברוכען: די אומגלייכקייטען פון לעבען זיינען געוואָרען פאַרשטענדליך, מוטיג און געדולדיג האָט

מען זיי איבערגעטראָגען, אָבער דאָס לעבען איז ביי זיי נאָך אַלץ ניט געוואָרען עפּעס אומבאַוועגליכעס.

אָלגא האָט זיך שוין דערצויגען ביז צו אַ שטרענגען פאַר־שטעהן פון לעבען: צוויי לעבענס, אירס און אַנדרעי׳ס האָ־בען זיך צוזאַמענגעגאָסען אין איין שטראָם; עס האָט שוין ביי זיי ניט געקאָנט זיין קיין פריי פאַנאַנדערשפּילען זיך פון ווילדע ליידענשאַפטען: ביי זיי האָט געהערשט האַרמאָניע און רו.

עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי דאַרפען איינשלאָפען אין זייער פאַרדינטער רו און גליקזעליג זיין, ווי עס זיינען גליק־זעליג די באַוואוינער פון פאַרוואָרפענע ווינקלען, וואָס קומען זיך צוזאַמען דריי מאָל אַ טאָג, גענעצען ביי זייערע געשפּרע־כען, פאַלען אריין אין אַ טעמפּער פאַרדרימעלטקייט, קוועלען זיך פון דער פריי ביז׳ן אָוונט, אַז אַלץ איז שוין איבערגע־טראַכט געוואָרען, איבערגערעדט און איבערגעמאַכט געוואָרען, און אַז עס איז ניטאָ מער וועגען וואָס צו רעדען און וואָס צו טאָן, און אַז „אַזוי איז שוין דאָס לעבען אויף דער וועלט".

אויסערליך איז ביי זיי פאָרגעקומען אַלץ פּונקט אַזוי ווי ביי אַלע אַנדערע מענשען. זיי האָבען זיך אויפגעהויבען, אמת, ניט מיט׳ן מאָרגענשטערען, אָבער דאָך גאַנץ פריי; זיי האָבען ליב געהאַט לאַנג צוזיצען ביים טיי, טיילמאָל האָבען זיי אַזוי ווי פויל געשוויגען, דערנאָך איז זיך יעדער געגאַנגען אין זיין ווינקעל, אָדער זיי האָבען געאַרבייט צוזאַמען, געמיטאָגט, גע־פּג׳רען אין פעלד אריין, פאַרנומען זיך מיט מוזיק... פּונקט ווי אַלע, פּונקט ווי עס האָט אויך גע׳חלומ׳ט אָבלאָמאָוו.

עס איז בלויז ביי זיי ניט געווען קיין פאַרשלאָפענקייט, קיין דערשלאָגענהייט; אָהן לאַנגווייליגקייט און אַפּאַטיע האָ־בען זיי פאַרבראַכט די טעג; זייערע ווערטער און בליקען זיינען ניט געווען וועלק; זייער געשפּרעך האָט זיך קיינמאָל ניט געענדיגט, אָפטמאָל געווען זעהר הייס.

איבער די צימערען האָבען געקלונגען זייערע קלינגענדיגע שטימען, האָבען דערגרייכט ביז׳ן גאָרטען, אָדער זיי האָבען

אין דער שטיל איבערגעגעבען איינער פאר'ן אנדערען די ליי־
גיעס פון זייערע חלומות, די ערשטע באוועגונגען, וואס דער
צונג קאן נאך ניט דערכאפען, דעם קוים הערבארען געפליס־
טער פון דער נשמה...

און זייער שווייגען איז געווען — אדער פאר'חלומ'ט
גליק, וועגען וועלכען עס האט גע'חלומ'ט אבלאמאוו, אדער
אן אנשטרענגונג פון מוח אויף ניט פארענטפערטע פראגען,
וואס איינער האט געשטעלט דעם צווייטען.

צייטענווייז זיינען זיי פארזונקען געווארען אין א שטו־
מער באוואונדערונג פאר דער אייביג נייער, און מיט שעהנ־
הייט שטראלענדער נאטור. זייערע דינע נשמות האבען ניט
געקאנט צוגעוועהנט ווערען צו אט דער שעהנהייט: די ערד,
דער הימעל, דער ים — דאס אלץ האט אויפגעוועקט זייער
געפיל, און שווייגענדיג זיינען זיי געזעסען צוזאמען, מיט די
זעלבע אויגען און מיט איין נשמה געקוקט אויף אט דעם שע־
פערישען גלאנץ און האבען אן ווערטער פארשטאנען איינער
דעם צווייטען.

זיי האבען ניט באגעגענט גלייכגילטיג דעם פרימארגען:
זיי האבען ניט געקאנט טעמפ פארזונקען ווערען אין דער
ווארעמער, באשטערענדער דרום־נאכט. עס האט זיי געהאל־
טען דער שטענדיג באוועגענדער זיך געדאנק, דאס שטענדיגע
אויפרעגונג פון הארץ און די נויטווענדיגקייט צו טראכטען,
פילען, רעדען זאלבעצווייט.

וואס האט געבראכט צו די אלע הייסע דיספוטען, שטילע
נעשפרעכען, לעזען, ווייטע שפאצירונגען?

אלץ. נאך אין אויסלאנד האט זיך שטאלץ אפגעוועהנט
צו לעזען, ארבייטען איינער אליין: דא, אויג אויף אויג מיט
אלגא'ן, האט ער אפילו געטראכט זאלבעצווייט. אים איז קוים
וואס געלונגען צו באווייזען נאכצוגעהן די ביכקייט פון איר
שכל.

די פראגע, ווי אזוי ער וועט איינארדנען זיין פארהייראט
לעבען, האט זיך איינגעשטעלט פון זיך אליין. אים איז אויס־

געקומען זי אריינצונעמען אפילו אין זיין שווערען געשעפטלי־כען לעבען, ווארים אין א לעבען אן באוועגונג האט איר גע־שטיקט, ווי זי וואלט געווען אן לופט.

א נייע געביידע, אלץ וואס עס האט זיך געפאדערט מיט זייער אדער מיט אבלאמאוו׳ס גוט, געשעפטליכע אנגעלעגענ־הייטען — קיין שום זאך איז ניט געטאן געווארען אן איר ווימען און אן איר מיטהילף. קיין איין בריף איז ניט אוועק־געשיקט געווארען, אז זי זאל אים ניט האבען דורכגעלעזען, קיין איינציגער פלאן, ניט רעדענדיג שוין פון קיין באשלוס, איז ניט געטאן געווארען אהן איר; זי האט אלץ געוואוסט, אלץ האט זי פארנומען, ווייל עס האט אים פארנומען.

אין אנפאנג האט ער עס געטאן, ווייל מען האט זיך ניט געקאנט באהאלטען פון איר: איז געשריבען געווארען א בריף, האט ער גערעדט מיט זיין פארוואלטער — אלץ איז געטאן געווארען אין איר געגענווארט. שפעטער האט ער עס געטאן פון געוועהנהייט און מיט דער צייט איז עס געווארען פאר אים א נויטווענדיגקייט.

איהרע באמערקונקען, איר׳ס אן עצה, איר׳ס אן ערמוטי־גונגס ווארט, איר׳ס א ווארנונג זיינען פאר אים געווארען א נויטווענדיגע פראבע. ער האט זיך איבערצייגט, אז זי פאר־שטעהט, באגרייפט ניט ערגער פון אים... זאכאר האט זיך געפילט באליידיגט פון זיין ווייב׳ס פעהיגקייט, און א סך אנדערע באליידיגען זיך — אבער שטאלץ איז געווען גליקליך דערמיט.

אלגא איז געווען אייפערזיכטיג צו יעדען בוך, וואס ער האט איר ניט געוויזען, צו יעדען ארטיקעל אין א זשורנאל. זי איז געווען אויף אן אמת אין כעס, ווען ער האט איר עפעס ניט באוויזען, ווייל לויט זיין מיינונג, איז דאס געווען צופיל ערנסט, צו לאנגווייליג פאר איר, זי האט אזא האנדלונג אנ־גערופען אפגעשטאנענקייט, פעדאנטיזם. דאס איז געווען אן אורזאך פאר פילע אויפגערעגטע סצענען.

זי האט זיך געבייזערט, און ער האט געלאכט, דאס האט

זי נאָך מער אריינגעבראַכט אין כעס; און שלום איז זי מיט אים געוואָרען ערשט דאַמאָלט, ווען ער האָט אויפגעהערט צו טרייבען שפּאַס און האָט זיך מיט איר געטיילט מיט זיין געדאַנק, מיט זיין וויסען. עס האָט זיך געענדיגט דערמיט, אַז אַלץ, וואָס עס איז געווען נויטיג פאַר אים און עס האָט זיך אים געוואָלט וויסען ,לעזען, איז אויך געווען אומבאַדינגט נויטיג פאַר איר.

ער האָט ניט אַרויפגעצוואונגען אויף איר קיין וויסענשאַפטען בלויז דערפאַר, כדי ער זאָל זיך קאָנען באַרימען מיט דער נאַרישסטער פון אַלע באַרימערייען — מיט א געלערענט ווייב. ווען עס וואָלט זיך ביי איר אַרויסגעריסען אַן איינציג וואָרט אָדער אפילו באַמערקונג וועגען דעם, וואָלט ער רויט געוואָרען פיל מער, ווי ווען זי וואָלט געענטפערט מיט א טעמפּען בליק פון אומוויסענהייט אויף א וויסענשאַפטליכער פראַגע, וואָס איז נאָך דערווייל ניט אָנגענומען, אַז פרויען זאָלען זיך מיט דעם פאַרנעמען. אים האָט זיך בלויז געוואָלט, און איר דאָפּעלט אזוי שטאַרק, אַז עס זאָל זיך קיין זאַך ניט געפינען, וואָס זאָל ניט זיין צוגענגליך און פאַרשטענדליך פאַר איר.

ער האָט ניט געצייכענט פאַר איר קיינע טאַבעלען מיט ציפערען, אָבער גערעדט האָט ער מיט איר וועגען אַלץ, ער האָט ניט אויסגעמידען קיינע עקאָנאָמישע טעאָריען, קיין סאָציאַלע אָדער פילאָזאָפישע פראַגען; גערעדט האָט ער ליידענשאַפטליך: ער האָט אזוי ווי געמאָלען פאַר איר אַן אומענדליך לעבעדיג בילד פון וויסען. מיט דער צייט זיינען פון איר זכרון פאַרשוואונדען די איינצעלהייטען, אָבער קיין מאָל איז ניט אָפּגעווישט געוואָרען פון איר אויפנעמענדען קאָפּ דאָס בילד, עס זיינען ניט בלייך געוואָרען די פאַרבען, עס איז ניט פאַרלאָשען געוואָרען דאָס פייער, מיט וועלכען ער האָט באַלויכטען דעם פאַר איר געשאַפענעם קאָסמאָס.

ער האָט געציטערט פאַר פרייד און שטאָלץ, ווען ער האָט באַמערקט, אַז א פונק פון דעם פייער לויכט אין אירע אויגען, ווי אַן עכאָ פון א געדאַנק, וואָס ער האָט איר איבערגעגעבען,

קלינגט אין אירע רייד, ווי אזוי אט דער געדאנק איז אריין אין איר, איבערגעארבייט זיך אין איר קאפ און לייכט ארויס פון אירע אויגען ניט ווי עפעס טרוקענעס, נאר מיט'ן גלאנץ פון פרויען גראציע, און באזונדערס, ווען עפעס א פרוכטבארער טראפען פון דעם וואס ער האט איר געזאגט, פארגעלעזען, אויפגעצייכענט האט זיך ווי א פערל ארונטערגעלאזען אויפ'ן ליכטיגען גרונט פון איר לעבען.

ווי א דענקער און קינסטלער האט ער געשטריקט איר גייסטיג לעבען, און קיינמאל פריער, ניט אין דער צייט, ווען ער האט זיך נאך געלערענט, ניט אין דער שווערער צייט, ווען ער האט געקעמפט מיט'ן לעבען, ווען ער האט זיך ארויסגעפלאנטערט פון זיינע פארדרעהענישען און שטארק געווארען, ניט אין דער צייט, ווען ער האט זיך פארפאנצערט אין די ערפארונגען פון א מאן, איז ער ניט געווען אזוי פארכאפט, ווי ער איז עס געווען איצט, ווען ער האט זיך פארנומען מיט אט דער אייביג וואכענדיגער, וואולקאנישער ארבייט פון ארומגעהן ארום דעם גייסט פון זיין פריינדין.

„א, ווי איך בין גליקליך!” האט שטאלץ צו זיך גערעדט, און זיין געדאנק איז פארלאפען פאראויס, נאך די האניג־יארען.

און פון דארט האט צו אים ארויסגעשמייכעלט א נייע בילד, ניט פון אלגא דער עגאאיסטין, ניט פון דער ליידענשאפטליך ליבענדער פרוי, ניט פון דער מוטער־אם„ וואס ווערט שפעטער פארוועלקט אין דעם פארבלאזען, קיינעם ניט נויטיגען לעבען, נאר פון עפעס אנדערש, פון עפעס הויכעס, כמעט אומגעוועהנליכעס...

אים האט זיך גע'חלומ'ט א מוטער — א באשאפערין און אן אנטייל נעמערין אין דעם גייסטיגען און געזעלשאפטליכען לעבען פון א גאנצען גליקליכען דור.

ער האט מיט שרעק געטראכט צי איר וועט קלעקען גענוג ווילען און כוחות... און ער האט איר ווייטער געהאלפען וואס גיכער צו באהערשען דאס לעבען, אנצוזאמלען כוחות פאר'ן

קאַמף מיט'ן לעבען שוין איצט, ווען זיי זיינען נאָך יונג און שטאַרק, ווען דאָס לעבען האָט זיי נאָך געשווינט, אָדער זיינע קלעפּ האָבען ניט אויסגעזוען צו זיין שטאַרק, ווען יעדער אומ־גליק איז נאָך פאַרשוואונדען געוואָרען אין דער ליבע.

זיי האָבען געהאַט אומאַנגענעמע טעג, אָבער דאָס האָט ניט לאַנג געדויערט. מיסערפאָלגען אין געשעפט, דאָס אָנווערען אַ באַדייטענדע סומע געלט — אָבער דאָס אַלץ האָט זיי זער ווייניג געאַרט. עס האָט זיי בלויז פאַרשאַפט איבריגע דאגות, איבריגע רייזעס, אָבער באַלד דערנאָך האָבען זיי אָן דעם אַלעם פאַרגע־סען.

דער טויט פון דער טאַנטע האָט ביי אָלגאַ'ן ארויסגערופען ביטערע, אמת'ע טרערען און אַ האַלב יאָר צייט איז אַ שאָטען געלעגען אויף איר לעבען.

אָבער די גרעסטע שרעק און אייביגע זאָרגען האָבען ארויס־גערופען די קראַנקהייטען פון די קינדער, אָבער ווי נאָר די גע־פאַר איז פאָראיבער, האָט זיך גלייך אומגעקעהרט דאָס גליק.

מער פון אַלץ האָט אים באַאומרואיגט אָלגאַ'ס געזונט: איר האָט גענומען אַ לאַנגע צייט ביז זי איז געקומען צו זיך נאָך אַ קימפעט, און כאָטש זי איז סוף כל סוף צוריקגעקומען צו אירע כּחות, אָבער אים האָט דאָס באַאומרואיגט. פון קיין גרעסערע אומגליקען האָט ער ניט געוואוסט.

„אָ, ווי גליקליך איך בין!” פלעגט אָלגאַ זאָגען אין דער שטיל, באַוואונדערענדיג איר לעבען, און אין מינוטען פון אָט דעם באַוואוסטזיין איז זי אָפטמאָל ארייגעפאַלען אין חלומות... באַ־זונדערס פון אַ געוויסער צייט אָן, אַ דריי פיר יאָר נאָך דער חתונה.

מאָדנע איז די מענשליכע נאַטור! וואָס פולשטענדיגער איר גליק איז געווען, איז זי אַלץ געוואָרען פאַרטראַכטער און אפילו... שרעקענדיגער. זי האָט גענומען ערנסט נאָכקוקען נאָך זיך און זי האָט באַמערקט, אַז עס האָט זי באַאומרואיגט אָט דאָס שטילקייט פון לעבען. זי האָט איבערגעוואַלט אָפּגעטריי־סעלט פון איר נשמה אָט די פאַרטראַכטקייט און זי האָט פאַר־

אַבלאָמאָוו

גיכּט די לעבענס טריט, זי האָט פיבערהאַפט געזוכט טומעל, רויש, באַוועגונג, זאָרגען, זי האָט געבעטען דעם מאַן צופאָרען אין שטאָדט אַריין, זי האָט געפּרואווט אַריינגעהן אין דער געזעלשאַפט, זען זיך מיט מענשען, אָבער דאָס האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטען.

דער טומעל פון דער שטאָדט האָט כמעט זי ניט אָנגערירט, און זי האָט גלייך געאײַלט זיך צוריק אין איר ווינקעל כּדי אַרונטערצוטרייסלען פון איר נשמה עפּעס אַ שווערען, אומגעוועהנליכען איינדרוק. און ווידער איז זי דערטרונקען געוואָרען אין די קליינע דאגות פון דעם פאַמיליען לעבען, האָט גאַנצע טעג ניט פאַרלאָזען די קינדער, געטראָגען די פליכטען פון אַ מוטער־אַם, האָט זיך פאַרטיפט מיט אַנדרעי׳ען אין לעזען, אין געשפּרעכען וועגען ערנסטע פראַגען, אָדער האָט געלעזען פּאָעטען, גערעדט וועגען אַ רייזע קיין איטאַליען.

זי האָט געציטערט אַריינצופאַלען אין אַזאַ צושטאַנד, וואָס זאָל זיין ענליך אויף דער אָבלאָמאָווישער אַפּאַטיע. אָבער ווי זי האָט זיך ניט באַמיט אַרונטערצוּוואַרפען פון איר נשמה די פּעריאָדישע מאָמענטען פון פאַרגליווערונג, פון פאַרשלאָפענקייט, האָט זיך צו איר אין אָנפאַנג אונטערגע׳גנב׳עט דער חלום פון גליק, עס האָט זי אַרומגערינגעלט אַ טיפע נאַכט, עס פלעגט זי שמידען דער שלאָף, דערנאָך פלעגט ווידער קומען אַ פאַרחלומ׳טע אומגעבונג, עפּעס אַ טעמפּער טרויער, עס האָבען זיך גענומען הערען אין דעם אומרואיגען קאָפּ אַזוינע טרויעריגע, נעבעלהאַפטע פראַגען.

אָלגאַ האָט וואַכיג זיך צוגעהערט צו זיך, אויסגעפּרואווט זיך, אָבער זי איז גאָרניט ניט דערגאַנגען, זי איז ניט קלאָר געוואָרען, וואָס עס זוכט און עס בעט צייטענווייז איר נשמה; זי האָט בלויז געוואוסט, אַז עס בעט און זוכט וואָס איר נשמה, און אַזוי ווי — עס איז שווער אַרויסצורעדען — זי וואָלט געבענקט נאָך עפּעס, ווי דאָס גליק פון איר לעבען וואָלט איר ניט גענוגענט, אַזוי ווי זי וואָלט מיד געוואָרען פון איר לעבען און

געפאָדערט נאָך גייערע, אומגעווענליכע ערשיינונגען, איר בליק איז געלאָפען פאַראויס.

„וואָס זאָל דאָס באַדייטען?״ — האָט זי מיט שרעק געטראַכט. — קאָן מען דען, דאַרף מען דען פאָדערען נאָך עפּעס? וואו נאָך קאָן מען שטרעבען? שוין ערגעץ ניט! ווייטער איז שוין קיין וועג ניטאָ... איז שוין ניטאָ? האָסטו שוין פאַרענדיגט דיין לעבענס וועג? איז שוין דאָס אַלץ... אַלץ?״... האָט איר נשמה געזאָגט און עפּעס ניט דעררעדט... און מיט אומרו האָט זיך אַלגאַ אַרומגעקוקט, אז קיינער זאָל זיך ניט דערוויסען, אז קיינער זאָל ניט אונטערהערען דאָס פליסטערען פון איר נשמה... זי האָט מיט די אויגען געפרעגט דעם הימעל, דעם ים, דעם וואַלד... זי זעט אין ערגעץ קיין באַשייד ניט: דאָרט איז ווייט, טיף און פינסטער.

די נאַטור האָט געזאָגט איינס און דאָס זעלבע; זי האָט אין דער נאַטור געזען אַן אומאונטערגעבראָכען, איינפאָרמיג שטראָמען, אָן אַן אָנהויב און אָן אַ סוף.

זי האָט ניט געוואוסט ביי וועמען צו פרעגען וועגען איר אומרואיגקייט, וואו צו געפינען אַן ענטפער. און אויב דאָס איז בלויז אַ פליסטערען פון אַן אומפּרובטבאַרען פאַרשטאַנד, אָדער, וואָס נאָך ערגער, דאָס פליסטערען פון אַ פרויען האַרץ, וואָס איז ניט באַשאַפען געוואָרען פאַר ליבע! גאָט מיינער! זי — זיין אָפגאָט, האָט קיין האַרץ ניט, האָט אַ טרוקענעם שכל, וואָס איז מיט קיין זאַך ניט צופרידען! וואָס וועט פון איר ווערען? ווי וועט זי פאַלען, ווען עס וועלען זיך אַנטפּלעקען פאַר אים די נייע, ביז אַהער ניט געוועזענע, אָבער, פאַרשטעהט זיך, באַקאַנטע ליידען!

זי האָט זיך באַהאַלטען פון אים, אָדער זי האָט אויסגעטראַכט אַ קראַנקהייט, ווען אירע אויגען האָבען, געגען איר ווילען, אָנגעוואָרען די סאַמעטענע ווייכקייט, האָבען געקוקט טרוקען און היים, ווען אויף איר פּנים איז געלעגען אַ שווערער וואָלקען, און ניט קוקענדיג אויף אַלע אירע באַמיאונגען, האָט זי ניט געקאָנט זיך צווינגען אַ שמייכעל צו טאָן, רעדען; גלייכ-

גילטיג האט זי זיך איינגעהערט צו די ברענענדסטע גייסען פון דער פאליטישער וועלט, צו די אינטערעסאנטע ערקלערונגען וועגען א נייעם טראט אין דער וויסענשאפט, אין דער קונסט.

און אין דער זעלבער צייט, האט זיך איר ניט געוואלט וויינען, זי האט ניט געפילט קיין פלוצליכען אנגסט, ווי אין יענער צייט, ווען עס האבען זיך פאנאנדערגעשפילט אירע נער־ווען, ווען עס האבען אויפגעוואכט און זיך ארויסגעוויזען אירע מיידעלשע כוחות. ניין, דאס איז ניט דאס!

„וואס דען איז עס?" האט זי זיך א פארצווייפעלטע גע־פרעגט, ווען איר איז אמאל אין א אווענט, אדער ביים ווינעל, אדער גאר צווישען די צערטליכקייטען פון איר מאן געווארען לאנגווייליג, און זי איז געווארען גלייכגילטיג צו אלץ אין דער וועלט.

זי פלעגט מיטאמאל אזוי ווי פארגליווערט ווערען, האט אויפגעהערט צו רעדען, דערנאך האט זי מיט א געמאכטער לע־בעדיגקייט גענומען זיך טומלען, כדי צו פארדעקען איר מאדנע אויפפירונג, אדער זי פלעגט זיך באקלאגען אויף קאפוועהטאג און זיך לייגען שלאפען.

אבער עס איז איר ניט געווען לייכט זיך אויסצובאהאלטען פון אנדרעי'ס שארפען בליק. זי האט עס געוואוסט, און מיט אן איגערליכער אומרואיגקייט האט זי זיך געגרייט צום גע־שפרעך, וואס זי האט פאראויסגעזען, ווי זי האט זיך געגרייט אמאל צו איר ודוי. דער געשפרעך איז פארגעקומען.

אמאל אין אן אווענד האבען זיי ביידע שפאצירט איז אן אליי. זי האט כמעט ווי געהאנגען אויף זיין פלייצע און געשוויי־גען. עס האט זי געמאטערט אן אנפאל, וואס זי האט ניט גע־וואוסט ווי אים צו ערקלערען; און וועגען וואס ער האט ניט אנגעהויבען, האט זי אין קורצען אים גענטפערט.

— די אם זאגט, אז אלא הוסט ביי נאכט, זאל מען אפשר שיקען מארגען נאך א דאקטאר? — האט ער געפרעגט.

— איך האב איר געגעבען צו טרינקען הייסען טיי און

א. א. גאַנטשאַראָוו

מאָרגען וועל איך זי ניט אַרויסלאָזען פון הויז, לאָמיר איבער־וואַרטען! — האָט זי געענטפערט איינטאָניג.

שווייגענדיג זיינען זיי דערגאַנגען ביז צו דער ענד פון דער אַליי.

— פאַרוואָס האָסטו ניט געענטפערט אויפ׳ן בריף פון דיין פריינדין, סאָניטשקאַ? — האָט ער געפרעגט. — דאָס איז שוין איר דריטער בריף, אויף וועלכען דו ענטפערסט ניט.

— מיר ווילט זיך וואָס שנעלער פאַרגעסען אָן איר, — האָט זי געזאָגט און איז אַנטשוויגען געוואָרען.

— איך האָב אין דיין נאָמען געשיקט ביטשורינ׳ען אַ גרוס, — האָט אַנדרעי ווייטער גערעדט, — ער איז דאָך אויף אַן אמת פאַרליבט אין דיר.

זי האָט טרוקען אַ שמייכעל געטאָן.

—יאָ, דו האָסט מיר שוין וועגען דעם געזאָגט, — האָט זי געזאָגט גלייכגילטיג.

— דיר ווילט זיך שלאָפען? — האָט ער געפרעגט.

איר האַרץ האָט אַ ציטער געטאָן, און דאָס ניט צום ערש־טען מאָל; עס פלעגט אָנהויבען צו ציטערען, ווען עס האָבען זיך נאָר אָנגעהויבען געשפּרעכען, וואָס האָבען געהאַט צו טאָן מיט׳ן ענין.

—ניין, איך וויל נאָך ניט, — האָט זי מיט אַ קינסטליכער וואַכזאַמקייט געזאָגט. — וואָס איז דען?

— דו ביסט ניט געזונט? — האָט ער ווייטער געפרעגט.

— ניין. פאַרוואָס דאַכט זיך דיר אַזוי?

— לאַנגווייליגסט זיך גלאַט אַזוי!

—זי האָט מיט ביידע הענט אַ דריק געטאָן זיין פּלייצע.

— ניין, ניין! — האָט זי געלייקענט מיט אַ פאַלשער, געבראָכענער שטימע, פון וועלכער עס האָט אויף אַן אמת אַזוי ווי אַרויסגעקלונגען דער אומעט.

ער האָט זי אַרויסגעפירט פון דער אַליי און אומגעקערט איר פּנים צום לבנה שיין.

אבלאמאוו

— גיב א קוק אויף מיר! — האט ער געזאגט און אויפמערקזאם ארייננעקוקט אין אירע אויגען.

— מען קאן מיינען, אז דו ביסט... אומגליקליך! עפעס האסטו היינט אזוינע מאדנע אויגען, און ניט בלויז היינט אליין... וואס איז מיט דיר, אלגא?

און אננעמענדיג זי פאר דער טאליע, האט ער זי צוריקגעפירט אין דער אליי.

— ווייסט וואס מיט מיר איז? איך בין הונגעריג! — האט זי געזאגט און געמיטליך זיך פאנאנדערגעלאכט.

— לייג ניט! לייג ניט! איך האב דאס ניט ליב! — האט ער ארויסגערעדט מיט א בלומרשט'ער שטרענגקייט.

— איך בין אומגליקליך! — האט זי געזאגט מיט פארווארף, אפשטעלענדיג אים אין דער אליי. — יא, מסתמא אומגליקליך דערפאר, וואס איך בין צופיל... גליקליך! — האט זי פארענדיגט מיט אזא צערטליכע, ווייכע קלאנג, אז ער האט זי א קוש געטאן.

זי איז געווארען געוואגטער. דער געדאנק אז עס איז מעגליך, אז זי איז אומגליקליך, האט אומערווארטעט ארויסגערופען אין איר אפענהערציגקייט.

— עס איז מיר ניט לאנגווייליג, און עס קאן מיר לאנגווייליג ניט זיין. דו אליין ווייסט עס זער גוט און, עס פארשטעהט זיך, אז דו גלויבסט ניט דיינע רייד; איך בין ניט קראנק, נאר מיר איז... טרויעריג... עס פאסירט אמאל... אט האסטו דעם גאנצען אמת, דו אומערטרעגליכער מענש, אויב עס איז אוממעגליך זיך אויסצובאהאלטען פון דיר! יא, עס טרעפט, אז מיר ווערט טרויעריג און איך וויים ניט פארוואס!

זי האט אוועקגעלייגט איר קאפ אויף זיין פלייצע.

— אזוי גאר! פון וואנען קומט עס? — האט ער זי שטיל נעפרעגט, איינבויגענדיג זיך צו איר.

— איך וויים ניט, — האט זי נאכאמאל געזאגט.

— עס דארף אבער פארט זיין אן אורזאך; אויב די אורזאך איז ניט אין מיר, ניט אין דער סביבה, וואס רינגעלט דיך

אַרום, מוז עס זיין אין דיר אַליין. אַמאָל איז אַזאַ טרויער אַן אָנפאַנג פון אַ קראַנקהייט... ביסטו כאָטש געזונט?

— עס איז גאַנץ מעגליך, — האָט זי ערנסט אַרויסגערעדט, — עפּעס ענליכעס דערצו מוז עס זיין, כאָטש איך פיל דערוויל גאָרניט. דו זעסט דאָך אַליין, ווי איך עס, שפּאַציר, שלאָף. מיטאַמאָל ווער איך אַזוי ווי באַפאַלען פון אַ שווערמוט... מיר זעט דאַמאָלט אויס דאָס לעבען מיינס ווי עס וואָלט ניט אַלץ פאַרמאָגט... אָבער גיין, דו הער זיך ניט איין צו מיינע ווער־טער; איך פּלאַפּעל בלויז...

— רעד, רעד! — איז ער צוגעשטאַנען צו איר. — וואָס פעלט דיר אין לעבען?

— צייטענווייז האָב איך אַזוי ווי מורא, — האָט זי ווײַ־טער גערעדט, — אַז עס זאָל ניט אָננעמען אַן אַנדער פאָרם, אַז עס זאָל אינגאַנצען ניט נעמען אַ סוף דערצו... איך ווייס אַליין ניט קלאָר! אָדער מיך מאַטערט אַ נאַרישער געדאַנק: וואָס וועט ווייטער זיין?... און דאָס גאַנצע גליק... דאָס גאַנצע לעבען... — האָט זי גערעדט אַלץ שטילער און שטילער, שעמענ־דיג זיך פאַר די דאָזיגע פראַגען, — אַלע מיינע פריידען, ליי־דען... די גאַנצע נאַטור... — האָט זי געפליסטערט, — דאָס אַלץ ציט מיך ערגעץ ווייט אַוועק; איך בין מיט קיין שום זאַך ניט צופרידען... גאָט מיינער! איך שעם זיך אפילו פאַר די אַלע נאַרישקייטען... פאַר די אַלע פאַנטאַזיעס... דו קוק ניט, באַ־מערק ניט... — האָט זי צוגעלייגט מיט אַ בעטענדער שטימע, צוטוליענדיג זיך צו אים. — דער דאָזיגער טרויער וועט אין גיכען פאַראיבער און מיר וועט ווידער ווערען ליכטיג, פרעהליך, ווי עס איז מיר איצט געוואָרען!

אַ ציטערנדיגע און אַ צערטליכע האָט זי זיך געטוליעט צו אים, שעמענדיג זיך אויף אַן אמת מיט אירע „נאַרישקייטען" און בעטענדיג ביי אים פאַרגעבונג פאַר זיי.

לאַנג האָט דער מאַן זי אויסגעפרעגט, לאַנג האָט זי אים איבערגעגעבען, ווי אַ קראַנקע דעם דאָקטאָר, די סימפּטאָמען פון איר טרויער, די אַלע אומקלאָרע פראַגען, וואָס מאַטערען זי; זי

אבלאמאוו

האט פאר אים געמאָלען דעם אומרו, וואָס באַפאַלט איר נשמה און דערנאָך — ווי אַזוי אַט דער מיראַזש פאַרשווינדט, — אַלץ, אַלץ, וואָס זי האָט באַמערקט, וואָס זי האָט זיך געקאָנט דער־מאָנען.

שווייגענדיג איז שטאָלץ ווידער געגאַנגען איבער דער אַליי, אַרונטערלאָזענדיג דעם קאָפּ אויף דער ברוסט; מיט אומרו און אַ שטוינענדער האָט ער זיך מיט זיין גאַנצען שכל פאַרטיפט אין דער אומקלאָרער ווידוי פון זיין פרוי.

זי האָט אַלעמאָל אים אַ קוקט געטאָן אין די אויגען, אָבער זי האָט גאָרניט אין זיי ניט געזען, און ווען זיי זיינען צום דריי־טען מאָל דערגאַנגען צום סוף פון דער אַליי, האָט זי אים ניט געלאָזען אומקערען זיך און האָט אים אַרויסגעפירט צום שיין פון דער לבנה, און פרעגענדיג אַריינגעקוקט אים אין די אויגען.

— נו, וואָס? — האָט זי, ניט פילענדיג זיך פריי, אים געפרעגט. — לאַכסט פון מיינע נאַרישקייטען? ניט אמת, עס איז זער נאַריש, אַט דער טרויער מיינער?

ער האָט געשוויגען.

— וואָרום שווייגסטו? — האָט זי אים געפרעגט אומ־געדולדיג.

— דו האָסט לאַנג געשוויגען כאָטש דו האָסט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז איך האָב עס שוין לאַנג אין דיר באַמערקט; טאָ לאָז אויך מיר אַ ביסעל שווייגען און איבערטראַכטען עס. דו האָסט מיר אויפגעגעבען ניט קיין לייכטע אויפגאַבע!

— דו געהסט איצט זיך נעמען טראַכטען און איך וועל זיך דערווייל פּייניגען, וואָס דו וועסט אַליין דאָרט אויסטראַכטען וועגען מיר. עס איז געוועזן נאַריש פון מיר, וואָס איך האָב עס דיר דערצעהלט! — האָט זי צוגעלייגט. — רעד בעסער עפּעס...

— וואָס קאָן איך דיר זאָגען? — האָט ער געזאָגט פאַר־זונקען אין געדאַנקען. — עס איז גאַנץ מעגליך, אַז פון דיר רעדט אַרויס די צורייצטקייט פון די נערוועז, אויב אַזוי, איז עס פאַר אַ דאָקטאָר צו באַשטימען, וואָס עס איז מיט דיר און ניט

פאַר מיר. מען דאַרף מאָרגען שיקען... און אויב עס איז ניט דאָס... — האָט ער אָנגעהויבען און פאַרטראַכט זיך...

— זאָג, וואָס איז אויב „עס איז ניט דאָס"! — איז זי אָן אומגעדולדיגע צוגעשטאַנען צו אים.

— זאָג שוין, זאָג שוין, — האָט זי גערעדט, טרייסלענדיג אים פאַר דער האַנט.

— עס איז מעגליך, אַז דאָס קומט פון אַן איבערפלוס פון פאַנטאַזיע, דו ביסט זער אַ לעבעדיגע... און עס איז גאַנץ מעג־ליך, אַז האָסט באַוויזען ביז דער צייט אינגאַנצען רייף צו ווע־רען... — האָט ער פאַרענדיגט, אונטערברומענדיג צו זיך.

— רעד, אַנדרעי, אויפ'ן קול, איך בעט דיך זער! איך קאָן ניט פאַרטראָגען, ווען דו ברומסט אונטער דער נאָז! — האָט זי זיך געקלאָגט. — איך האָב אָנגערעדט נאַרישקייטען, לאָזט ער אַרינטער דעם קאָפּ און ברומט פאַר זיך עפּעס! מיך באַפאַלט פּשוט אַ מוראַ צו בלייבען מיט דיר דאָ אין דער פינסטערניש...

— וואָס דיר צו זאָגען ווייס איך ניט... „עס באַפאַלט מיך אַ טרויער, עס מאַטערען מיך פראַגען..." מען קאָן דערפון ניט קלאָר ווערען. מיר וועלען וועגען דעם נאָך רעדען און זען, וואָס דאָס איז. מיר דאַכט זיך, אַז דו וועסט זיך ווייטער דאַרפען באָ־דען אין ים...

— דו האָסט געברומט אונטער דער נאָז: „און עס איז גאַנץ מעגליך... רייף געוואָרען..." וואָס האָסטו דערמיט גע־מיינט? — האָט זי אים געפרעגט.

— איך האָב דערמיט געמיינט... — האָט ער גערעדט לאַנג־זאַם, איבערגעלעגטערהייט, ניט געטרויענדיג זיין געדאַנק, און אַזוי ווי שעמענדיג זיך פאַר זיינע רייד, — אַז עס זיינען פאַראַן מינוטען... דאָס הייסט, איך וויל זאָגען, אַז אויב דאָס איז ניט קיין רעזולטאַט פון עפּעס אַ קראַנקהייט, אויב דו ביסט פול־שטענדיג געזונט, איז עס מעגליך אַז דו ביסט רייף געוואָרען, ביסט צוגעקומען צו דעם פּעריאָד אין לעבען, ווען מען שטעלט זיך אָפּ... ווען דאָס לעבען האָט פאַר דיר מער קיין סודות ניט, איז אינגאַנצען אָפען פאַר דיר...

אבלאמאוו

— דו ווילסט, דאכט זיך, זאגען, אז איך בין אלט געווארען? — האט זי אים לעבהאפט איבערגעשלאגען. — וואגעס ניט! — זי האט אים א מאך געטאן מיט'ן פינגער. — איך בין יונג, פול מיט כוחות... — האט זי צוגעלעגט, אויסגלייכענדיג זיך.

ער האט זיך צולאכט.

— שרעק זיך ניט, — האט ער געזאגט, — עס זעט גארניט ניט אויס, אז דו זאלסט זיך קלייבען אמאל אלט צו ווערען! ניין, איך האב דאס ניט געמיינט... אז מען ווערט אלט, געהען אוים די כוחות, און מען הערט אויף צו קעמפען מיט'ן לעבען. ניין, דיין טרויער, דיינע ליידען, אויב עס איז נאר דאס, פאר וואס איך נעם עס אן, איז מער א סימן פון כוח... די זוכונגען פון דעם לעבעדיגען, צורייצטען מוח גרייכען אמאל איבער די גרענעצען פון דעם ערדישען לעבען און, פארשטעהט זיך, אז זיי קריגען ניט קיין ענטפער אויף זייערע פראגען, באפאלט זיי א טרויער... א צייטווייליגע אומצופרידענהייט מיט'ן לעבען... דאס איז דער טרויער פון דער נשמה, וואס פרעגט אן דאס לעבען וועגען זיינע געהיימניסען... עס איז מעגליך, אז מיט דיר האט דאס זעלבע פאסירט... אויב דאס איז דער פאל — איז ניט והערט וועגען דעם צו רעדען.

זי האט אפגעזיפצט, אבער דער זיפץ איז געקומען פון פרייד איבער דעם, וואס עס איז פאראיבער איר מורא, אז זי וועט פאלען אין איר'ס מאן אויגען, אים געגענטייל...

— אבער איך בין דאך גליקליך; מיין קאפ איז פארנומען מיט ערנסטע פראגען; איך פאנטאזיר ניט; מיין לעבען איז פארשידענטארטיג — וואס נאך קאן מען וועלען? וואס ווילען אט די אלע פראגען? — האט זי געזאגט. — דאס איז א חולאת, א משא...

— יא, א משא פאר'ן שוואכען שכל, וואס איז ניט צוגעגרייט דערצו. דער דאזיגער טרויער און די דאזיגע פראגען, איז גאנץ מעגליך, האבען שוין א סך מענשען משוגע געמאכט;

פאַר אַנדערע, ווידער, זעען זיי אויס, ווי אומאַנשטענדיגע וויזאַגען, ווי די פיבער פאַנטאַזיעס פון דעם שכל...

— דאָס גליק שטראָמט אַריבער דעם ברעג, עס ווילט זיך אַזוי לעבען... און מיט אַמאָל נאַ דיר גאָר אַזאַ אומגליק!

— דאָס באַצאָלט מען פאַר פּראָמעטייאוס'עס פייער! און ניט נאָר, וואָס מען ליידט, נאָר האָב נאָך ליב דיין טרויער און באַצי זיך מיט אַכטונג צו דיינע פראַגען און צווייפלען: — זיי זיינען דער אַריבערשטראָמענדער איבערפלוס, דער גלאַנץ פון לעבען און זיי באַווייזען זיך מערסטענס אויף די שפּיצען פון גליק, ווען מען האָט שוין מער ניט קיין גראָבע, עגאָאיסטישע פאַרלאַנגען; זיי ווערען ניט געבאָרען אין דער סביבה פון געוועהנליכען לעבען: עס איז ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר זיי דאָרט, וואו עס הערשט נויט און פּיין; דעם המון איז אומבאַקאַנט דער נעבעל פון צווייפעל, דער טרויער פון פראַגען... אָבער דער, וואָס וועט זיך באַגעגענען מיט זיי אין דער רעכטער צייט, פאַר אים זיינען זיי ניט קיין משא, נאָר ליבע געסט.

— עס איז אָבער שווער מיט זיי אויסצוקומען; זיי וועקען אויף בענקשאַפט און אין דער זעלבער צייט גלייכגילטיגקייט... כמעט צו אַלעס... — האָט זי אַרויסגערעדט אומאַנטשלאָסען.

— אויף אַ לאַנגע צייט דען? אָבער דערנאָך פרישען זיי דאָך אויף דאָס לעבען, — האָט ער געזאָגט.

— אַלץ אַרום איז ליכטיג, העל, — האָט זי זיך געקלאָגט, — און מיטאַמאָל לייגט זיך אַזאַ אומגליקליכער שאָטען! איז דען ניטאָ קיין מיטלען געגען דעם?

— וואָס הייסט ניטאָ! אַ שטיצע אין לעבען! און האָט מען זי ניט, איז אַפילו אָן די פראַגען שווער צו לעבען!

— וואָס בלייבט צו טאָן? אונטערגעבען זיך?

— אָ, ניין, — האָט ער געזאָגט, — באַוואָפענען זיך מיט שטאַנדהאַפטיגקייט און אויסדויער, און איינגעשפּאַרטערהייט געהן אויף דעם וועג, וואָס דו האָסט אויסגעקליבען. איך און דו זיינען קיין טיטאַנען ניט, — האָט ער ווייטער גערעדט,

ארומנעמענדיג זי, — מיר וועלען ניט ארויס צוזאמען מיט די מאנפרעד'ס און די פאוסט'ס אויף א מלחמה מיט די רעבע־לירענדע פראגען, מיר וועלען ניט אננעמען זייער ארויסרוף, נאר מיר וועלען איינבויגען די קעפ און איבערוואַרטען די שווערע צייט, און דערנאך וועט ווידער צו אונז א שמייכעל טאן דאס לעבען, דאס גליק און . . .

— און אויב זיי וועלען קיינמאל ניט אפטרעטען, דער טרויער וועט נעמען אלץ שטארקער און שטארקער באאומרו־איגען? — האט זי געפרעגט.

— איז וואס? וועלען מיר עס אננעמען... ניין, ניין, דאס קאן ניט און וועט ניט פאסירען מיט אונז! דאס איז ניט דיין פערזענליכער טרויער; דאס איז א קראנקהייט אויף וועלכער עס ליידט די גאנצע מענשהייט. אויף דיר האט א שפריץ געטאן איין טראפען... עס איז זער שלעכט, ווען דאס פאסירט מיט א מענשען, וואס האט ניט אן וואס זיך אנצו־שפארען אין לעבען. אבער ביי אונז... זאל גאט געבען, אז דיין אומעט זאל זיין דאס, וואס דאכט זיך מיר אויס, און ניט קיין סימפטאם פון עפעס א קראנקהייט... דאס וואלט גע־ווען ערגער... דאס וואלט געווען אן אומגליק, געגען וועלכען איך וואלט ניט געקאנט מיר העלפען... און ווידער דאס, וואס עפעס א טרויער, א צווייפעל, געוויסע פראגען קאנען צונעמען, צושטערען אונזער גליק, אונזער . . .

ער האט ניט דערעדט, און זי ווי א פארדיקטע, האט זיך געווארפען אין זיינע ארעמס און איז אין א ליידענשאפטליכער פארגעסענהייט פארגליווערט געווארען אויף א רגע, ארומוויק־לענדיג מיט די הענט זיין האלז.

— ניט קיין טרויער, ניט קיין קראנקהייט, אפילו ניט... דער טויט! — האט זי געפליסטערט א באגייסערטע, אויף ס'ניי א גליקליכע, א בארואיגטע, א פרעהליכע. איר האט זיך אויסגעוויזען, אז זי האט אים קיינמאל אזוי ליידענשאפטליך ניט ליב געהאט ווי אין דער מינוט.

— גיב אכט, אז דער שיקזאל זאל ניט אונטערהערען

דיין מורמלען, — האָט ער פאַרענדיגט מיט אַן אָבערגלויבע־רישער באַמערקונג, וואָס איז אַרויסגערופען געוואָרען דורך זיין צערטליכער פאַרזיכטיגקייט, — און ער זאָל עס ניט אָנגעמען פאַר אַן אומדאַנקבאַרקייט! ער איז ניט צופרידען, ווען מען שעצט ניט גענוג אָפּ זיינע מתנות.

זי האָט געשוויגען, ווערענדיג איבערראַשט פון דעם טרויעריגען קלאַנג פון זיין שטימע. זי האָט אים אומבאַגרע־נעצט געגלויבט, זי האָט אויך געגלויבט זיין קול. זי האָט זיך אָנגעשטעקט מיט זיין פאַרדאַכטקייט, קאָנצענטרירט אַלע אירע געדאַנקען און פאַרטראַכט זיך.

אָנלענענדיג זיך אָן אים, איז זי מעכאַניש און לאַנגזאַם נעגאַנגען איבער דער אַליי, פאַרזונקען אין אַן איינגעשפּאַרט שווייגען. איר האָט זיך גענומען חלומ'ן אַן אַנדער חלום, ניט קיין בלויע נאַכט, עס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר איר אַן אַנדער זייט פון לעבען, ניט קיין דורכזיכטיגע און יום־טוב'דיגע, אין דער איינזאַמקייט, צווישען אומענדליכען רייכטום, צוזאַמען מיט אים...

ניין, דאָרט האָט זי געזען אַ ריי פאַרלוסטען, באַוויינטע קרבנות, אַ לעבען אָן יענע קאַפּריזען, וואָס ווערען געבאָרען פון גאָרניט ניט טאָן, יאָמערען און קרעכצען; עס האָבען זיך איר גע'חלומ'ט קראַנקהייטען, שלעכטע געשעפטען, דער טויט פון מאַן...

זי איז געבליבען אָן כוחות, געציטערט, אָבער מיט אַ מוטיגער נייגעריגקייט האָט זי אַריינגעקוקט אין דעם נייעם בילד פון לעבען, מיט שרעק האָט זי אים באַטראַכט און געמאָסטען אירע כוחות... בלויז די ליבע האָט איר אין דעם חלום ניט פאַרראַטען, זי איז געווען אַ טרייער וועכטער אויך פון דעם נייעם לעבען; אָבער אפילו זי איז אויך שוין ניט געווען די זעלבע, וואָס אַמאָל!

אין דעם פאַרנעבעלטען טרויער און אומקלאָרע פראַגען, וואָס האָבען פון צייט צו צייט באַזוכט אָלגאַ'ן, האָבען זיך

אבלאמאוו

פריינגע׳גנב׳עט, דערוויל נאך ווייטע, אבער קלארע, באשטימ־טע און גרויזאמע חלומות.

נאך אט דעם „נעבעל״ איז געקומען א ליכטיגער פרי־מארגען, די דאגות פון א מוטער, ווירטין; אט האט איר גע־צויגען צו זיך דאס פעלד און דער בלומען־בייט, און ווידער אמאל דעם מאנס קאבינעט. אבער ניט מיט קיין זארגלאזער זעלבסטצופרידענהייט האט זי זיך געשפילט מיט דעם לעבען, נאר מיט א געהיימען און מוטיגען געדאנק האט זי געלעבט, גע־גרייט זיך, געוואַרט...

זי איז געוואקסען אלץ העכער, העכער... אנדרעי האט געזען, אז זיין פריערדיגער אידעאל פון א פרוי און א ווייב איז ניט דערגרייכבאר, אבער ער איז געווען גליקליך מיט זיין בלייבען אפשפיגלונג, וואס ער האט געפונען פון אים אין אלגא׳ן; ער האט קיינמאל אפילו דאס ניט ערווארט.

און אין דער זעלבער צייט איז אים כמעט דאס גאנצע לע־בען אויסגעקומען אנצוהאלטען אויף דער זעלבער הויך זיין ווירדע פון א מאן אין די אויגען פון דער זעלבסטזיכטיגער אלגא; אבער דאס האט ער געטאן ניט אויס נידעריגער אייפער־זיכטיגקייט, נאר דערפאר, אז עס זאל ניט פארנעבעלט ווערען אט דאס קלארע לעבען; און דאס וואלט געקאנט לייכט פאסי־רען ווען עס זאל זיך אויף א האר נעמען וואקלען איר גלויבען אין אים.

פילע אנדערע פרויען דארפען דאס גאר ניט האבען: האבען זיי חתונה געהאט, נעמען זיי רואיג צו די גוטע ווי די שלעכטע אייגענשאפטען פון זייערע מענער, זיי מאכען פאר־אויס שווין שלום מיט דער אומגעבונג און לאגע, וואס ערווארט זיי, אדער זיי פאלען פונקט אזוי לייכט אונטער דעם ערש־טען בעסטען, וואס קומט זיי אין וועג, קענען ניט ביישטעהן דעם קלענסטען נסיון, אדער פרובירען עס אפילו ניט, פארטיי־דיגענדיג זיך: „דער שיקזאל, די ליידענשאפט, די פרוי איז א שוואך באשעפעניש״, א. א. וו.

ווען אפילו דער מאן שטייגט אריבער מיט זיין שכל דעם המון, שטאלצירען אזוינע פרויען מיט אט דער באצויבערענדער קראפט פון זייער מאן בלויז ווי מיט א שטיקעל צירונג און דאס בלויז דאמאלט, ווען אט דער גרויסער שכל בלייבט בלינד צו זייערע קליינליכע ווייבערשע שטיק. און אויב ער וועט זיך דערוועגען אריינצוקוקען אין דער קליינליכער קאמעדיע פון זייער פאלשען, נישטיגען, אפטמאל זינדיגען לעבען, ווערט זיי שווער און ענג פון אט דעם גרויסען שכל.

אלגא'ן איז געווען פרעמד דאס געפיל פון בלינדער אונטער־טעניגקייט און זי האט ניט פארשטאנען די ווייבערשע שטיק. איינמאל אנערקענענדיג אין דעם מענשען, וואס זי האט אויס־דערוועהלט זיין רעכט אויף איר, האט זי אין אים געגלויבט און דערפאר אים ליב געהאט, און וואלט זי אויפגעהערט גלוי־בען אין אים, וואלט זי אים אויפגעהערט ליבען, ווי עס איז געווען דער פאל מיט אבלאמאוו'ן.

אבער מיט אבלאמאוו'ן זיינען אירע טריט נאך ניט געווען זיכערע, איר ווילען — ניט פעסט; זי האט זיך נאר וואס גע־האט פארטראכט אין דעם לעבען, אריינגעקוקט אין אים, גע־האלטען אין ברענגען אין ארדנונג איהר שכל און כאראקטער און האט געקליבען מאטעריאל. די ארבייט פון שאפען האט נאך ניט געהאט זיך אנגעהויבען, די צילען פון איר לעבען זיי־נען נאך ניט געווען באשטימט.

אבער איצט האט זי געגלויבט אין אנדרעי'ן ניט בלינד, נאר באוואוסטזיניג, אין אים האט זיך פארקערפערט איר אידעאל פון מענליכער פולקאמענהייט. וואס זי האט מער, וואס זי האט באוואוסטזיניגער געגלויבט אין אים, אלץ שווערער איז אים געווען צו האלטען זיך אויף דער זעלבער הויך, ער האט גע־דארפט זיין ניט נאר דער העלד פון איר פארשטאנד און הארץ, נאר אויך פון איר פאנטאזיע. און זי האט אין אים געגלויבט אזוי, אז זי האט ניט אנערקענט צווישען אים און זיך קיין שום פארמיטלער, קיין שום אינסטאנץ אויסער גאט.

דערפאר וואלט זי ניט פארטראגען אפילו אויף א האר די

אבלאמאוו

פארקלענערונג פון די אייגענשאפטען, וואס זי האט אנערקענט אין אים; יעדער פאלשער שטריך אין זיין כאראקטער, אין זיין שכל, וואלט פאראורזאכט אן ערשיטערענדען דיסאנאנס. די צושמעטערטע געביידע פון גליק וואלט אונטער אירע רואינען זי באגראבען, און אויב זי וואלט געראטעוועט אירע כוחות, וואלט זי געגומען זוכען.

אבער ניין. אזוינע פרויען מאכען ניט קיין טעות קיין צוויי מאל... נאכ'ן פאלען פון אזא גלויבען, פון אזא ליבע, וואלט א ווידערגעבורט געווען אוממעגליך.

שטאליץ איז געווען זער גליקליך מיט זיין פולען, ברוי־זענדען לעבען, אין וועלכען עס האט געבליט א קיינמאל ניט וועלקענדער פרילינג. און א וואכזאמער, פול מיט אייפער האט ער זיין פרילינג געהיט, געפלעגט. פון דער טיפעניש פון זיין הארצען האט זיך אויפגעהויבען א שרעק בלויז דאמאלט, ווען עס איז אים געקומען אויפ'ן זינען, אז אלגא איז געווען אויף א האר פונ'ם אפגרונד, און אז דער וועג אויף וועלכען זיי געהען איצט ביידע, האט זיך געקאנט פאנאנדערשיידען; אז דאס ניט פארשטעהן פונ'ם לעבען האט געקאנט זיין די אורזאך פון א טעות, וואס וואלט געקענט פירען צו אן אומגליק, אז אבלאמאוו...

ער האט א ציטער געטאן. ווי איז דאס מעגליך! אלגא, אין דעם לעבען, וואס אבלאמאוו האט אנגעגרייט פאר איר! זי — אין א ספערע, וואו איין טאג האלט אין קריכען נאכ'ן צווייטען, אן אם פון אירע קינדער, א דארפישע פריצ'ע, א ווירטין — און מער גאר ניט!

אלע פראבלעמען, צווייפלען, דער גאנצער לעבענס פיבער וואלט פארשוועגדט געווארען אויף די דאגות וועגען באלעבא־טישקייט, אויפ'ן ווארטען אויף יום טובים, געסט, אויף פאמיל־יען צוזאמענקונפטען, אויף דער אפאטיע און פארשלעפערטקייט פון מאן.

די חתונה וואלט געווען בלויז א פארם און ניט קיין אינ־האלט, א מיטעל און ניט קיין ציל; עס וואלט געדינט פאר א

גרויסער ראַם פון וויזיטען, געסט, מיטאָגען און אָוועגדען און פוסטע פלוידערייען...

ווי אזוי וואָלט זי געקאָנט אויסהאַלטען אזא לעבען? אין אָנפאַנג קעמפט זי, שטויסט עס פון זיך אָפּ, וויינט, מאַטערט זיך, אָבער מיט דער צייט געוועהנט זי זיך דערצו צו, ווערט פעטער, עסט, שלאָפט, ווערט טעמפ...

ניין, מיט איר וואָלט אזוי ניט געווען: זי וויינט, פייניגט זיך, געהט אויס און שטאַרבט אין די אָרעמס פון איר ליבען, גוטען אָבער אוממעכטיגען מאַן... אָרעמע אָלגא!

און אויב דאָס פייער וועט ניט אויסגעהן, דאָס לעבען וועט ניט שטאַרבען, די כוחות וועלען בלייבען און נעמען פאָדערען פרייהייט, אויב זי וועט פאַנאַנדערשפּרייטען די פליגעל ווי א שטאַרקע אָדלערין און א טראָג זיך טאָן צו דעם הויכען פעלז, וואו זי זעט דעם אָדלער, וואָס איז נאָך שטאַרקער און דורכדריגענדיגער פון איר?... אָרעמער איליא!

— אָרעמער איליא! — האָט שטאָלץ אמאָל ארויסגערעדט אויפ'ן קול, ווען עס איז אים געקומען אויפ'ן זינען די פארגאַנגענהייט.

אָלגא, דערהערענדיג אָט דעם נאָמען, האָט מיטאמאָל ארונטערגעלאָזען די הענט אויף די קני, האָט פארוואָרפען דעם קאָפּ אויף צוריק. דער דאָזיגער אויסרוף האָט ארויסגערופען אין איר ערינערונגען.

— וואָס איז מיט אים? — האָט זי א ווײַלע שפּעטער גערעדט. — מען קען עס ניט אויסגעפינען?

אנדרעי האָט א צי געטאָן מיט די פּלייצעס.

— עס מאכט דעם איינדרוק, — האָט ער געזאָגט, — אז מיר לעבען אין דער צייט ווען עס איז נאָך קיין פּאָסט ניט געווען, ווען מענשען, ווען זיי זיינען זיך פאַנאַנדערגעפאָרען אין פארשידענע לענדער, האָבען געהאַלטען איינער דעם צווייטען פאַר פארלאָרען, און זיינען אויף אַן אמת פארלאָרען געגאַנגען, ניט לאָזענדיג נאָך זיך קיין שפּור.

— אפשר וואלסטו ווידער אמאל געשריבען צו איינעם פון דיינע באקאנטע, וואלטען זיי שוין ווי ניט איז אויסגעפונען...

— זיי וואלטען מער ניט געקענט געוואר ווערען, ווי דאס וואס מיר ווייסען שוין אליין, אז ער לעבט, איז געזונט, וואוינט נאך אלץ אויף דער זעלבער דירה — און דאס ווייס איך אליין, אן דער הילף פון מיינע פריינד. אבער וואס עס הערט זיך מיט אים, ווי ער טראגט איבער זיין לעבען, צי איז ער שוין גייסטיג געשטארבען אדער עס פלימערט נאך אין אים א פונק לעבען — דאס קאן קיין פרעמדער ניט אויסגעפינען...

— אך, רעד ניט אזוי, אנדרעי: מיר טוט וועה און עס ווערט מיר שרעקליך ווען איך הער דאס! מיר וואלט זיך וועלען וויסען, אבער איך האב מורא...

זי איז געוועזן גרייט זיך פאנאנדערוויינען.

— פרילינג וועלען מיר זיין אין פעטערסבורג, — וועלען מיר אליין אלץ אויסגעפינען.

— עס איז ווייניג, וואס מיר וועלען אויסגעפינען, מען דארף אלץ טאן...

— האב איך דען ניט געטאן? האב איך דען ניט גענוג אים צוגערעדט, האב איך דען ווייניג געזארגט פאר אים, ניט גע־בראכט אין ארדנונג זיינע געשעפטען — און ער לאזט אפילו ניט הערען וועגען זיך. ווען איך זע זיך מיט אים איז ער גרייט אויף אלץ, אבער ווי נאר איך גייה אוועק — שלאפט ער שוין ווידער געשמאק. שלעפ זיך מיט אים ארום ווי מיט א שכור!

— פארוואס עפעס אוועקגעהן פון אים? — האט אלגא געענטפערט מיט אומגעדולד. — מיט אים דארף מען האנדלען אנטשלאסען: ארייגזעצען אים צו זיך אין דער קארעט און אוועקפירען. איצט געהען מיר דאך זיך איבערקלייבען אין גוט אריין; ער וועט זיין נאענט פון אונז... מיר וועלען אים נעמען מיט זיך.

— אט איז דאס אן אומגליק! — האט אנדרעי גערעדט,

שפּאַנענדיג איבער'ן צימער הין און צוריק. — און מען זעט קיין סוף ניט דערצו!

— דיר פאַלט עס שווער? — האָט אָלגאַ געזאָגט. — דאָס איז גאָר עפּעס נייס! איך הער דאָס ערשטע מאָל, אַז דיר פאַלט די אַרבייט שווער.

— איך קלאָג זיך ניט, — האָט אַנדרעי געענטפערט, — איך טראַכט בלויז וועגען דעם.

— און פון וואַנען האָט זיך גענומען אָט דאָס איבער־טראַכטען, איבערקלערען? דו האָסט זיך אַליין מודה געווען, אַז עס איז לאַנגווייליג, אַז עס באַאומרואיגט — יאָ?

זי האָט פאַרשעמט אַ קוק געטאָן אויף אים. ער האָט אַ שאָקעל געטאָן דעם קאָפּ אויף ניין.

—ניין, ניט עס באַאומרואיגט, נאָר עס איז אומזיסט, דאַכט זיך מיר אַמאָל.

— רעד ניט! רעד ניט! — האָט זי אים אָפּגעשטעלט. — איך וועל ווידער ווי אין יענער וואָך טראַכטען וועגען דעם און בענקען. אויב אין דיר איז אָפּגעשטאָרבען דיין פריינד־שאַפט צו אים, דאַרפסטו אָבער ניט אַראָפּוואַרפען פון זיך די אַלע דאגות צוליב דיין ליבע צו מיר. אויב דו וועסט מיד ווערען וועל איך אַליין געהן און ניט אַוועק אָן אים. מיין גע־בעט וועט אים רירען; איך פיל, אַז איך וועל זיך ביטער צוא־וויינען, ווען איך וועל אים דערזען אַ דער'הרג'עטען, אַ טויטען! עס איז גאַנץ מעגליך, אַז די טרערען...

— וועלען אים צוריקברענגען צום לעבען, מיינסטו? — האָט אַנדרעי זי איבערגעשלאָגען.

— ניין, זיי וועלען אים ניט אויפלעבען צו טעטיגקייט, אָבער זיי וועלען אים אַלענפאַלס צווינגען אַרומצוקוקען זיך און איבערבייטען זיין לעבען אויף עפּעס בעסערס. ער וועט זיך מער ניט געפינען אין שמוץ, נאָר אַרום מענשען, וואָס זיינען גלייך צו אים, אַרום אונז. איך האָב זיך בלויז דאַמאָלט אויף

אבלאמאוו

א רגע באוויזען — און ער האט זיך אויפגעכאפט, פארשעמט זיך...

— ביסטו אפשר אין אים פארליבט ווי אמאל? — האט אנדרעי אין שפאס געפרעגט.

— ניין! — האט זי אן שפאס, א פארטראכטע ארויסגערעדט. — איך האב אים ניט ליב ווי אמאל, נאר עס איז עפעס דא אין אים, וואס איך האב ליב, וואס איך בין דערצו געבליבען טריי און וועל עס ניט פארראטען, ווי אנדערע...

— ווער זיינען דאס די אנדערע? רעד, דו גיפטיגע שלאנג, דו מיינסט עס דאך מיך, ניין? א דו האסט א טעות. און אויב דו ווילסט וויסען דעם אמת, האב איך דאס דיר אויסגעלערענט אים צו ליבען. ווען ניט איך וואלסט אים פארבייגעגאנגען און אים אפילו ניט באמערקט. דאס האב איך דיר געגעבען צו פארשטעהן, אז אין אים איז פארהאן שכל ניט ווענינער ווי אין אימיצען אנדערש, נאר ער איז פארדעקט, פארשלאפען פון גארניט טאן. ווילסטו, וועל איך דיר זאגען ווארום ער איז דיר נאך אזוי טייער, פארוואס דו האסט אים נאך ליב?

זי האט א שאקעל געטאן דעם קאפ אויף יא.

— דאס איז דערפאר, וואס ער האט אן ערליך און א טריי הארץ! דאס איז אן איינגעבארענער אוצר און ער האט אים דורכגעטראגען דורכ'ן לעבען אזוי ריין, ווי ער האט אים באקומען. ער איז געפאלען פון די קלעפ וואס ער האט באקומען אין לעבען, ער איז קאלט געווארען, איז ענדליך אינגאנצען איינגעשלאפען, א דערשלאגענער, א פארצווייפעלטער, פארליריענדיג יעדען כוח צום לעבען, אבער ער האט ניט פארלארען זיין ערליכקייט און זיין טריישאפט. זיין הארץ האט ניט ארויסגעבראכט קיין איין פאלשען קלאנג עס האט זיך צו אים ניט צוגעקלעפט קיין שמוץ. קיין ליגען קען אים ניט פארפירען, און קיין שום זאך קען אים ניט פארשלעפען אויף א פאלשען וועג; זאל ארום אים רוישען א גאנצער ים פון אומריינקייטען, שלעכטס, מעג די גאנצע וועלט פארסאמט זיין — קיינמאל

וועט אבלאמאוו ניט בויגען זיין קאפ צום אפגאט פון ליגען, אין זיין נשמה וועט שטענדיג זיין ריין, ליכטיג, קלאר... זיין נשמה איז דורכזיכטיג ווי קרישטאל. אזויגע מענשען ווי ער איז ניטא קיין סך; זיי זיינען זעלטען; דאס זיינען פערל צווישען דעם המון! זיין הארץ וועט מען מיט קיין שום זאך ניט אונטער־קויפען; שטענדיג און אומעטום קאן מען זיך אויף אים פאר־לאזען. דאס איז עס, וואס דו ביסט אזוי טריי ביז'ן היינטיגען טאג. און אט פארוואס מיר וועט קיינמאל ניט פאלען שווער די דאגות וועגען אים. איך האב געקענט א סך מענשען מיט גוטע אייגענשאפטען, אבער איך האב קיינמאל ניט באגעגענט קיין הארץ וואס זאל זיין ריינער, ליכטיגער, פשוט'ער. איך האב א סך מענשען ליב געהאט, אבער איך האב קיינעם ניט ליב געהאט אזוי שטארק און הייס, ווי אבלאמאוו'ן. דער וואס דערקענט אים איינמאל, קען אים מער ניט אויפהערען צו ליי־בען. איז דאס אזוי? האב איך געטראפען?

זי האט געשוויגען, פארגראבענדיג די אויגען אין דער אר־בייט. אנדרעי האט זיך פארטראכט.

— איז דען דאס ניט אלץ? וואס נאך דען? אך!...

— האט ער אויפוואכענדיג פון זיין פארשלאפענקייט פרעהליך צוגעלייגט. — איך האב גאר אינגאנצען פארגעסען זיין „צערט־ליכקייט פון א טויב"...

אלגא האט זיך פאנאנדערגעלאכט, זי האט שנעל איבער־געלאזען דאס שטיקעריי, צוגעלאפען צו אנדרעי'ן, ארומגעוווי־קעלט ארום זיין האלז אירע הענט, א פאר מינוט האט זי גע־קוקט מיט שטראלענדיגע בליקען אים גלייך אין די אויגען, דערנאך האט זי זיך פארטראכט און אוועקגעלייגט איר קאפ אויף איר מאנ'ס אקסעל. אין איר זכרון האט אויפגעוואכט אבלאמאוו'ס מילד און פארטראכט געזיכט, זיין צערטליכער בליק, זיין איבערגעבענהייט, דערנאך האט זי זיך דערמאנט זיין נעבעכדיגען, פארשעמטען שמייכעל, מיט וועלכען ער האט, ווען זיי האבען זיך צושיידט, געענטפערט אויף איר פארוואורף... און

איר איז געוואָרען אזוי שווער, און עס איז איר געוואָרען אים אזוי א שאָד...

— דו וועסט אים ניט איבערלאָזען, וועסט אים ניט אוועק־וואַרפען? — האָט זי געזאָגט, ניט ארונטערנעמענדיג די הענט פון איר מאַנ׳ס האַלז.

— קיינמאָל ניט! אויסער ווען עס זאָל זיך פּלוצים עפּע־נען צווישען אונז א תהום, עס זאָל פּלוצים אויסוואקסען א וואַנט...

זי האָט א קוש געטאָן איר מאַן.

— ווען מיר וועלען זיין אין פּעטערסבורג וועסטו מיך נע־מען צו אים?

ער האָט אומאַנטשלאָסען געשוויגען.

— יאָ? יאָ? — האָט זי געהאַלטען אין פאָדערען אַן ענטפער.

— הער זיך איין, אָלגא, — האָט ער געזאָגט, מיענדיג זיך צו באַפרייען זיין האַלז פון דעם רונג פון אירע הענט, — צו אַלעם ערשטען דאַרף מען...

— ניין, דו זאָג: יאָ, זאָג מיר צו, וואָרים איך וועל דיך ניט אָפּלאָזען...

— גוט, איך וועל דיך נעמען, — האָט ער געענטפערט, — אָבער נאָר ניט אין דעם ערשטען מאָל, נאָר צום צווייטען מאָל: איך ווייס, וואָס עס וועט מיט דיר ווערען, אויב ער וועט...

—רעד ניט, רעד ניט, — האָט זי אים איבערגעשלאָגען.

יאָ, דו וועסט מיך נעמען! אין צווייען וועלען מיר אַלץ איינאָרדנען. אַליין וועסטו ניט קענען, ניט וועלען...

— זאָל זיין אזוי, אָבער דו וועסט צורודערט ווערען, און גאַנץ מעגליך, אז אויף א גאַנץ לאַנגער צייט, — האָט ער ארויסגערעדט, ניט איינגאַנצען א צופרידענער, וואָס אָלגא האָט ארויסגעקראָגען זיין צושטימונג.

— טאָ געדענק עס, — האָט זי געזאָגט, ווענענדיג זיך צוריק אויף איר פּלאַץ, — אַז דו וועסט אָפּטרעטען פון אים בלויז דאַמאָלט, ווען „עס וועט זיך פּלוצים עפענען אַ תהום, אָדער עס וועט אויסוואַקסען אַ וואַנט צווישען אים און דיר". איך וועל די דאָזיגע ווערטער ניט פאַרגעסען.

9

רו און פרידען הערשט איבער דעם וויבורגער קוואַרטאַל און שטיל איז אין פשעניצינאַ'ס הויז. קומסט אַריין אין הויף און ווערסט פאַרכאַפּט פון אַן אידיליע: די הינער און די הענער נעמען זיך באַוועגען און צולויפען זיך אין די ווינקלען; דער הונט הויבט זיך אָן רייסען פון דער קייט און פאַרגעהט זיך אין אַ בילען; אַקולינאַ הערט אויף צו מעלקען די קו; דער דוואָרניק הערט אויף צו האַקען האָלץ, און זיי ביידע קוקען מיט נייגעריגקייט אויפ'ן באַזוכער.

— וועמען דאַרפט איהר? — וועט ער אַ פרעג טאָן און, דערהערענדיג דער באַלעבאָסטעם אָדער איליאַ איליטש'עס נאָמען, שווייגענדיג אָנווייזען אויף די טרעפּען, און דער באַזוכער וועט איבער אַ ריין, מיט זאַמד באַשאָטען שטעגעל צוגעהן צום פליגעל, אויף וועמעס טרעפּען עס ליגט אַ פּשוט'ער, אָבער ריינער טעפּיך, וועט אַ צי טאָן פאַר דעם קופּערנעם, בלאַנקענדיגגעאויסגעפּוצטען הענטעל פון גלאָק, און די טיר וועט עפענען אַניסיאַ, די קינדער, אַמאָל די באַלעבאָסטע אַליין, אָדער זאַכאַר, זאַכאַר זעלטענער פון אַלע אַנדערע.

אַלץ האָט אין פשעניצינאַ'ס הויז געאָטעמט מיט אַזאַ ברייטקייט, מיט אַזאַ באַלעבאַטישקייט, וואָס איז דאָ ניט געווען אפילו דאַמאָלט, ווען אַגאַפיאַ מאַטוועיעווגאַ האָט געוואוינט צוזאַמען מיט איר ברודער און געפירט איין באַלעבאַטישקייט.

די קיך, דער בופעט — אַלץ איז געווען אָנגעשטעלט מיט געשיר, מיט גרויסע, קליינע, רונדע, אָוואַלע טעלער, שיסלען, טאַסען, און מיט טעפּ פון ליים, קופּער און גוס־אייזען.

אין די שרענק איז געווען אויסגעליינט אַבלאָמאָוו'ס זיל־

בערוואַרג און אויך דאָס אייגענע, וואָס איז שוין פון לאַנג אויס־געקויפט און מער קיינמאָל ניט פאַרזעצט געוואָרען.

עס זיינען געשטאַנען גאַנצע רייען גרויסע, דיקבויכיגע מיניאַטורנע טשאַיניקעס און אייניגע רייען פאָרצעלייענע טאַסען, פשוט׳ע און מיט געמעלען, באַגילדטע, מיט דעוויזען, מיט פלאַטערענדיגע הערצער, מיט כינעזער. גרויסע סלויעס מיט קאַפע, צימערינג, וואַנילע, קרישטאָלע טיי־קעסלען, פלאַטמע־נאַזשען מיט אויל, עסיג.

גאַנצע פלאַכען זיינען געווען פאַרנומען מיט פעקלאַך, גלעז־לאַך, פלעשלאַך מיט פאַרשידענע היימישע רפואות, מיט קריי־טיכער, פלאַסטערען, שפּירט, קאַמפּאַר, פּילען; דאָ האָבען זיך אויך געפונען פאַרשידענע זייפען, פאַרשידענע זאַכען צו רייניגען שפּיצען, ארויסצונעמען פלעקען און אזוי ווייטער, און אזוי ווייטער — מיט איין וואָרט, אַלץ, וואָס מען קאָן געפינען אין יעדען פּראָווינציעלען הויז, ביי יעדער גוטער באַלעבאָסטע.

ווען אַגאַפיאַ מאַטוועיעווגאַ עפענט אַמאָל צופעליג אויף די טיר פון אַ שראַנק, וואָס איז אָנגעפילט מיט אַט די אַלע גוטע זאַכען, קען זי אליין ניט ביישטעהן געגען אַט די אַלע נאַרקאָטישע ריחות, און אין די ערשטע צייטען פלעגט זי אויף אַ ווײַלע אָפּקערען דאָס פּנים אָן אַ זייט.

און די קיך איז געווען אַן אמת׳ער פּאַלאַדיום פון טעטיגקייט פון דער גרויסער באַלעבאָסטע און איר ווירדיגער העלפערין, אַני־סיא. קיין שום זאַך האָט ניט געפעלט אין הויז און אַלץ האָט גע־האַט זיין פּלאַץ; אומעטום און איבעראַל איז אָרדנונג און זויבער־קייט, וואָלט מען געקאָנט זאָגען, ווען עס זאָל זיך ניט געפינען אין הויז אַ ווינקעל, וואו עס האָט קיינמאָל ניט אריינגעדרונגען קיין שטראַל פון ליכט, קיין שטראָם פון פרישער לופט, ניט דער בליק פון דער באַלעבאָסטע און ניט אַניסיאַ׳ס שנעלע האַנט. דאָס איז זאַכאַר׳ס ווינקעל, אָדער נעסט.

זיין צימער איז געווען אָהן פענסטער און אַן אייביגע פינ־סטערניש האָט מיטגעווירקט צו מאַכען פון אַ מענשליכע דירה

אבלאָמאָוו

אַ פינסטערע נאָרע. אויב זאַכאַר האָט אַמאָל דאָרט געטראָפען די באַלעבאָסטע מיט געוויסע פלעגער פון אויסבעסערען און אויסרייניגען זיין ווינקעל, האָט ער אַנטשלאָסען ערקלערט, אַז עס איז ניט פאַר ווייבער אַן ענין, וואו עס דאַרפען ליגען די שטיוועל, די באַרשטען און די שו־וואַקס, און עס איז קיינעמס דאגה ניט, וואָס זיינע קליידער ליגען צוזאַמענגעקנוילט אויפ׳ן דיל, און וואָס זיין געלעגער געפינט זיך אין אַ ווינקעל, אונטער׳ן אויווען, אין שטויב, אַז ע ר און ניט זי טראָגט די קליידער, שלאָפט אויף דעם געלעגער. און וואָס אַנבאַלאַנגט די בייטש, בלעטער, צוויי ציגעל, די דנאָ פון אַ פאַס און די צוויי שייטלאַך האָלץ, וואָס ער האַלט ביי זיך אין צימער, קאָן ער זיך אָהן זיי ניט באַגעהן, און די אורזאַך דערפון — האָט ער ניט ערקלערט; ווייטער האָט ער ערקלערט, אַז שטויב און שפינוועבס שטערען אים ניט און, מיט איין וואָרט, אַז ער שטופט ניט זיין נאָז צו זיי אין קיך, וויל ער, פאָלגליך, אַז זיי זאָלען אים ניט שטערען.

אויף אַניסיאַ׳ן, וועלכע ער האָט אַמאָל באַגעגענט ביי זיך, האָ טער אַ קוק געטאָן מיט אַזוי פיל פאראכטונג, און אַזוי ערנסט זיך פאַרמאָסטען מיט׳ן עלענבויגען אויף איר ברוסט, אַז זי האָט מורא געקראָגען שוין אַ קוק צו טאָן צו אים. ווען די זאַך איז אָבער איבערגעגאַנגען אין אַ העכערער אינסטאַנץ, צו איליאַ איליטש׳ן, האָט דער פריץ שוין געהאַט באַשלאָסען אַריינצוגעהן און האַנדלען ווי עס פאָדערט זיך, אָבער אַריינשטעקענדיג בלויז דעם קאָפ אין זאַכאַר׳ס טיר און זעענדיג, וואָס דאָרט טוט זיך, האָט ער בלויז אַ שפיי געטאָן און קיין וואָרט ניט געזאָגט. זאַכאַר, זעענדיג דאָס, האָט בלויז אַ שמייכעל געטאָן, ווי זיין שטיינער איז געוועזן, מיט׳ן גאַנצען פנים, אַזוי, אַז זיינע ברעמען און זיינע באַקענבערד האָבען זיך אַזש פאַנאַנדערגערוקט.

אין אַלע איבעריגע צימערען איז געוועזן ריין, ציכטיג און ליכטיג. די אַלטע, אָפגעקראָכענע פאָרהאַנגען זיינען פאַרשוואונדען, און די טירען און פענסטער פון זאַל און קאַבינעט

זיינען געווען פאַרהאַנגען מיט גרינע פּאָרטיערען און אויסגע־העפטע מושלינענע פאַרהאַנגען. דאָס אַלץ איז געווען די אַר־בייט פון אַגאַפיאַ מאַטוועיעוונאַ׳ס הענט.

וויים ווי שניי זיינען געווען די קישענס און זיינען געווען אָנ־געלייגט כמעט ביז׳ן באַלקאָן; די קאָלדרעס זיינען געווען זיידע־נע, אויסגעשטעפּטע.

פּאָר אַ פּאָר וואָכען צייט איז דער באַלעבאָסטעס צימער געווען פול מיט טישען און טישלאַך, אויף וועלכע עס זיינען געלעגען אָט די אַלע דעקען און אויך אָבלאָמאָוו׳ס שלאָף־ראָק.

מיט אירע אייגענע הענט האָט אַגאַפיאַ מאַטוועיעוונאַ גע־שניטען, אונטערגעבעט מיט וואַטע, פאַרזוימט זיי; צודריקענ־דיג די אַרבייט צו איר געזונטער ברוסט, האָט זי זיך איינגעגע־סען אין דעם מיט אירע אויגען, זי האָט באַנוצט דאָס מויל, ווען מען האָט געדאַרפט אָפּרייסען אַ פאָדעם, און זי האָט איר אַר־בייט געטאָן מיט ליבע, מיט אומערמידליכער פלייסיגקייט, באַ־לוינענדיג זיך בלויז דערמיט, וואָס די קאָלדרעס, דער שלאָף־ראָק וועלען וואַרעמען, צערטלען דעם ערליכען איליאַ איליטש.

און ער האָט גאַנצע טעג, ליגענדיג ביי זיך אויף דער סאָפע, באַוואונדערט אירע אַנטבלויזטע עלענבויגענס, ווי זיי באַוועגען זיך הין און צוריק צוזאַמען מיט דער נאָדעל און פאָדעם. ניט איין מאָל איז ער איינגעשלאָפען אונטער דעם רויש פון דעם ציען דעם פאָדעם און דעם אָפּבייסען אים, ווי אין זיין קינד־הייט, אין אָבלאָמאָווקע.

— גענוג שוין, גענוג, איר וועט זיך פאַרמאַטערען! — האָט ער זי ניט איין מאָל אָפּגעהאַלטען פון דער אַרבייט.

— גאָט האָט ליב דעם, וואָס אַרבייט! — האָט זי געענט־פערט, ניט אַוועקנעמענדיג די אויגען פון דער אַרבייט.

קאָפע האָט זי אים דערלאַנגט פּונקט אַזוי זאָרגפעלטיג, זויבער און געשמאַק, ווי אין אָנהויב, ווען ער האָט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק זיך איבערגעקליבען אויף אָט דער דירה.

פון דער פרי ביז׳ן אָוונט האָט אין דער דירה אַריינגע־

לויכטען די זון, א האלבען טאג פון איין זייט און דעם צווייטען האלבען טאג פון דער צווייטער זייט. א דאנק דעם, וואס פון ביידע זייטען זיינען געווען סעדער איז די זון ניט געשטערט געווארען ארייצודרינגען אירע שטראלען אין דעם הויז.

פרעהליך האבען די קאנארייען געטרעלט; געראניום און טיילמאל היאצינטען, וואס זיינען דורך די קינדער געבראכט געווארען פון גראפ'ס גארטען, האבען אנגעפילט דאס קליינע צימערל מיט א שטארקען ריח, וואס האט זיך אויסגעמישט מיט'ן רויך פון דער ריינער האוואנא סיגאר, מיט'ן ריח פון צימערינג, וואנילע, וואס די באלעבאסטע האט געשטויסען, ענערגיש באוועגענדיג מיט די עלענבויגענס.

איליא איליטש האט אזוי ווי געלעבט אין א גאלדענעם לעבען, אין וועלכען, פונקט ווי אין א דיאראם, האבען זיך בלויז געענדערט די געוועהנליכע פאזיסען פון טאג און נאכט און די צייטען פון יאר; קיין אנדערע ענדערונגען, און באזונדערס אזוינע צופאלען, וואס טרייסלען אויף אין גאנצען דאס לעבען, האבען מיט אים ניט פאסירט.

פון יענער צייט אן, ווען שטאלץ האט אבלאמאוו'ן באפרייט פון די בלומרשטדיגע חובות צו דער באלעבאסטעס ברודער, פון דער צייט ווען ער מיט טאראנטיעוו'ן זיינען אין גאנצען פארשוואונדען, זיינען פון אבלאמאוו'ס לעבען פארשוואונדען אלע שלעכטע כוחות. ער איז ארומגערינגעלט געווארען פון אזוינע פשוט'ע, גוטע, ליבענדע פנימ'ער, וואס זיינען איינגעגאנגען מיט זייער עקזיסטענץ אונטערצוהאלטען זיין לעבען, העלפען אים, אז ער זאל דאס לעבען ניט באמערקען, ניט פילען.

אגאפיא מאטוועיעוונא איז געווען אין דער בליאונג פון אירע לעבען; זי האט געלעבט און געפילט, אז אזוי לעבען ווי איצט האט זי פריער קיינמאל ניט געלעבט, בלויז ארויסצוזאגען דאס האט זי ניט געקענט, אדער, ריכטיגער, עס איז איהר אויפ'ן זינען ניט געקומען. זי האט בלויז געבעטען גאט, אז ער זאל געבען איליא איליטש'ן לאנגע יאר, אז ער זאל אים אפהיטען פון אל-

דאָס שלעכטס, און זיך אליין, אירע קינדער, דאָס גאַנצע הויז, האָט זי איבערגעלאָזען אויף גאָט'ס באַראָט. דערפאַר האָט איר פּנים שטענדיג געשטראַלט מיט דעם זעלבען גליק, זי איז געווען באַפרידיגט און ניט געהאַט מער קיינע פאַרלאַנגען, א זאַך, וואָס האָט ניט געקענט פּאַסירען מיט קיין שום אַנדערער נאַטור.

זי איז געוואָרען פולער; אירע פּלייצעס און איר בוזעם האָבען געלויכטען מיט'ן זעלבען צופרידענעם גליק, מילדקייט האָט אַרויסגעלויכטען פון אירע אויגען און אַז שוין יאָ אַמאָל דאגות, זיינען דאָס געווען דאגות וועגען באַלעבאַטישקייט. צו איר האָט זיך אומגעקערט יענע ווירדע און רואיגקייט, מיט וועלכער זי האָט פריער געהערשט אין הויז איבער די געהאָרכ־זאַמע אַניסיאַ, אַקולינאַ און דעם דוואָרניק. פּונקט ווי אַמאָל, געהט זי ניט, נאָר אַזוי ווי זי וואָלט שווימען פון דער קיך צו די שרענק, צו דעם בופעט, און ניט איילענדיג גיט זי די באַפע־לען מיט דער פולער באַוואוסטזיין פון איר טאַט.

אַניסיאַ איז געוואָרען נאָך לעבעדיגער ווי אַמאָל, ווייל עס איז צוגעקומען מער אַרבייט. זי האַלט זיך אין איין באַ־וועגען, האַלט אין איין לויפען, אַרבייטען, טומלען זיך. אירע אויגען זיינע געוואָרען שאַרפער און איר נאָז, אָט איר באַ־רימטער נאָז, שטעלט זיך נאָך אַלץ אַרויס פריער פון איר גאַנצער פּערזאָן, און זי פלאַמט מיט דאגות, געדאַנקען, אבזיכ־טען, און זי רעדט, נאָר איר צונג שוויגט.

יעדע פון זיי איז אָנגעטאָן לויט איר שטאַנד און שטע־לונג. ביי דער באַלעבאָסטע האָט זיך אָנגעקליבען א גרויסער שראַנק מיט א ריי זיידענע קליידער, מאַנטילען און סאַלאָפּען; אירע הויבען, היט און שיך קומען פון די כמעט רייכסטע גע־שעפטען פון פּעטערבורג! און אַניסיאַ, ווען זי ווערט פאַר־טיג מיט איר הויזאַרבייט, און באַזונדערס אין א זונטאַג, טוט זי אָן א וואָלען קלייד.

בלויז אַקולינע געהט נאָך אַלץ מיט'ן זוים פון'ם קלייד פאַרקאַ־טשעט אונטער'ן גאַרטעל, און דער דוואָרניק קען זיך אפילו אין די זומערדיגע מאָנאַטען ניט צושיידען מיט זיין פוטערל.

אַבלאָמאָוו

ווענען זאַכאַר'ן איז ניטאָ וואָס צו ריידען אפילו: ער האָט זיין גרויען פּראָק איבערגעמאַכט אויף אַ קורטקע, און עס איז שווער צו באַשליסען פון וואָס פאַר אַ קאָליר עס זיינען זיינע הויזען און פון וואָס עס איז געמאַכט זיין האַלז־טוך. ער פּוצט די שיך, דערנאָך שלאָפט ער, זיצט ביים טויער, קוקענדיג טעמפּ אויף די זעלטענע פאַרבייגעהער, אדער ער זיצט נאָר אין בשכנת'דיגען קרעמעל; מיט איין וואָרט, ער טוט אַלץ אזוי ווי ער האָט עס געטאָן פריער אין אָבלאָמאָווקע און שפּעטער אויף דער גאָראָכאָווער גאַס.

און אָבלאָמאָוו אליין? אָבלאָמאָוו אליין איז געווען דאָס פאָלקאָמענע און נאַטירליכע אָפּשפּיגלונג פון אָט דער גאַנצער רו, צופרידענהייט און אומגעשטערטער שטילקייט. אריינקוקענדיג, אריינטראַכטענדיג זיך אין זיין לעבען און אַלץ מער אריינלעבענדיג זיך אין אים, האָט ער ענדליך, באַשלאָסען, אז ער האָט אייגענטליך קיין אנדער ציל ניט, האָט ניט מער וואָס צו זוכען, אז דער אידעאַל פון זיין לעבען איז פאַרווירקליכט געוואָרען, כאָטש עס פעלען אין אים די פּאָעזיע, יענע שטראַלען, מיט וועלכע זיין פאַנטאַזיע האָט אַמאָל געמאָלען אים אַ פריציש, ברייט לעבען אין זיין געבורטס אָרט, צווישען פּויערים, אין דעם גרויסען גוט.

ער האָט געקוקט אויף זיין איצטיגען לעבען ווי אויף אַ פאָרטזעצונג פון זיין לעבען אין אָבלאָמאָווקע, בלויז מיט אַן אנדערען קאָלאָריט פון אָרט און טיילווייז, צייט. און דאָ, פּונקט אזוי ווי אין אָבלאָמאָווקע, איז אים געלונגען זער ביליג זיך אָפּצוטשעפּען פון לעבען, אויסדינגען ביי אים און זיך פאַרזיכערען אַן אומגעשטערטע רו.

ער האָט אינערליך טריאומפירט, וואָס ער איז אוועק פון דעם לעבענס דערעסענדע, פּיינליכע פאָדערונגען און געוויטערס, פון אונטער יענעם האָריזאָנט וואו עס לויכטען אויף די בליצען פון גרויסע פריידען און עס הערען זיך מיטאַמאָל די קלעפּ פון גרויסע פּיינען, וואו עס לויכטען אויף פאַלשע האָפנונגען און הערליכע שאָטענס פון גליק, וואו דער מענש ווערט

אויפגעפרעסען פון זיינע געדאנקען און ליידענשאפטען, וואו דער שכל זיגט און ווערט באזיגט, וואו דער מענש פירט אַן א שטענדיגע מלחמה, און ער געהט אוועק פון מלחמה פעלד אַן אויסגעמאטערטער, און נאָך אלץ א ניט צופרידענער און אַן אומערזעטיגטער. ער, ניט איבערלעבענדיג קיין פארגעני־גענס, וואס מען דערווערבט אין קאמף, האָט אין די געדאנ־קען זיך אפגעזאָגט פון זיי און זיין נשמה איז געווען רואיג אין א פארוואָרפען ווינקעל, וואו עס באוועגט זיך קיין שום זאך ניט, וואו עס איז ניטאָ קיין קאמף, קיין לעבען.

און אויב עס זידט נאָך אמאָל אויף אין אים די איינביל־דונג, עס וואכען אויף די פארגעסענע זכרונות, ניט פאר־ווירקליכטע פארלאנגען, אויב אין זיין געוויסען הויבט זיך אָן אַ פאָרוואורף דערפאר, וואָס ער האָט אזוי און ניט אנדערש פארבראכט זיין לעבען — שלאָפט ער אומרוהיג, כאפט זיך אויף פון שלאָף, שפרינגט אראָפּ פון געלעגער, טיילמאָל באוויינט ער מיט קאלטע טרערען פון האָפנונגסלאָזיגקייט דעם ליכטיגען אי־דעאל פון לעבען, וואָס איז פארלאָשען געוואָרען אויף אייביג, ווי מען וויינט נאָך א נאָהענטען מת, האָבענדיג דאָס טרויעריגע באַ־וואוסטזיין, אז מען האָט ניט גענוג געטאָן פאר אים ביים לעבען.

דערנאָך נעמט ער קוקען אויף דעם, וואָס רינגעלט אים אָרום, פארזוכט ווידער צייטווייליגע פריידען און ער בארוהיגט זיך, ער קוקט געמיטליך, ווי שטיל און רוהיג עס זינקען אין דעם אָוונט־רויט די לעצטע שטראַלען פון דער זון, און ענדליך קומט ער צום באשלוס, אז זיין לעבען האָט זיך ניט נאָר איינגעגעבען, נאָר איז פאָראויס באשאפען, באשטימט געוואָרען צו זיין אזוי פשוט, אפשר דערפאר, כדי צו באווייזען די מעגליכקייט פון דער אידעאַל רוהיגער זייט פון דעם מענשליכען לעבען.

אנדערע מענשען, האָט ער געטראכט, איז אויסגעפאַלען אויפ׳ן גורל אויסצודריקען די אומרוהיגע זייטען פון לעבען, באַ־וועגען מיט שאפענדע און צושטערענדע כוחות: יעדער האָט זיין באשטימונג!

אָט וואָס פאר א פילאָזאָפיע עס האָט זיך אויסגעארבייט

אָבלאָמאָוו

ביי דעם פּלאַטאָן פון אָבלאָמאָווקע און זי האָט אים איינגעוויגט אין דער מיט פון פראַגען, שטרענגע פאָדערונגען פון חוב און באַשטימונג! און געבאָרען און דערצויגען איז ער געוואָרען ניט ווי אַ גלאַדיאַטאָר פאַר דער אַרענע, נאָר ווי אַ פרידליכער באַאָבאַכטער פון דער מלחמה, און זיין פוילע און ציטערדיגע נשמה וואָלט ניט איבערגעטראָגען ניט די זאָרגען פון דער פרייד און ניט די קלעפּ פון דעם לעבען — פאָלגליך, האָט ער אויסגעדריקט בלויז איין זייט פון לעבען, און דערשלאָגען זיך צו עפּעס אַנדערש, האָבען אויף עפּעס חרטה — איז ניט געווען פאַר זיינע כוחות.

מיט די יאָרען האָט זיך די חרטה און די אויפרעגונג גענומען ווייזען אין אים אַלץ זעלטענער, און שטיל און כסדר האָט ער זיך אַריינגעלייגט אין אַ פּשוט'ן און ברייטען קבר פון זיינע איבערגעבליבענע טעג, אין אַ קבר, וואָס ער האָט געגראָבען מיט זיינע אייגענע הענט.

ער האָט שוין אויפגעהערט חלומ'ן וועגען ברייגען אין אָרדנונג זיין גוט און אַריבערקלייבען זיך אַהין. דער פאַרוואַלטער, וואָס שטאָלץ האָט באַשטימט, האָט פּינקטליך אַלע יאָר צוגעשיקט אַ באַדייטענדע סומע.

איליאַ איליטש האָט זיך אפילו פאַרשאַפט אַ פּאָר פערד, אָבער, אַ דאַנק זיין איינגעבאָרענער פאָרזיכטיגקייט, אַזוינע, וואָס ערשט נאָך דער דריטער בייטש האָבען זיי זיך אַ ריר געטאָן פון גאַניק; ביי דעם ערשטען און צווייטען קלאַפּ פלעגט זיך איין פערד אַ שאָקעל טאָן און אָפּרוקען זיך אָן אַ זייט, דערנאָך פלעגט זיך אַ שאָקעל טאָן און אָפּרוקען זיך דאָס צווייטע פערד, דערנאָך ערשט, ווען זיי האָבען אויסגעצויגען אָנגעשטרענקטערהייט די העלזער, די פּלייצעס און דעם עק, האָבען זיי זיך ביידע אַ רוק געטאָן און גענומען לויפען שאָקלענדיג מיט די קעפּ. אויף זיי האָט מען וואַניאַ'ן געפירט אויף דער צווייטער זייט ניעוואַ אין גימנאַזיום, און די באַלעבאָסטע איז אויף זיי געפאָרען איינקויפען פאַרשידענע פּראָדוקטען.

אמאָל האָט די גאַנצע פאַמיליע איינגעשפּאַנט דאָס פּאָר

פערד און געלאָזט זיך מיט א שליטען אין צירק; זיי האָבען אויך אמאָל גענומען א לאָזשע און דאָס גאַנצע הויז האָט אויך ווען ניט איז באַזוכט א טעאַטער.

זומער פלעגען זיי אַרויספאָרען אויסער'ן שטאָדט. דאָס לעבען איז זיך געפלאָסען רוהיג, מען וואָלט געקאָנט זאָגען, אָן וועלכע עס איז פיינליכע ענדערונגען, ווען די קלעפּ פון לעבען וואָלטען אין גאַנצען ניט דערגרייכט אָט די קליינע רואיגע ווינק־לען. אָבער, צום אומגליק, דער גרויסער דונער, וואָס טרייסעלט אויף די בערג, הערט זיך אויך אין דער נאָרע פון דער מויז, אמת, פיל שוואַכער, אָבער פאַר אָט דער קליינער נאָרע זעהר פילבאַר.

איליא איליטש האָט געגעסען מיט אַפּעטיט און א סך, פּונקט ווי אין אָבלאָמאָווקע, איז געגאַנגען און געאַרבייט פויל און ווייניג, אויך פּונקט ווי אין אָבלאָמאָווקע. ניט קוקענדיג, וואָס ער איז געוואָרען אַלץ עלטער, האָט ער אַלץ ווייטער געהאַלטען אין טרינקען ביר, וואָדקאַ און נאָך לענגער געשלאָפען נאָכ'ן מיטאָג.

און מיט אמאָל האָט זיך דאָס אַלץ איבערגעביטען.

איין מאָל, נאָך זיין געוויינליכען טעגליכען אָפּרו און דריי־מעל, האָט ער זיך געוואָלט אויפהויבען פון דער סאָפאַ און ער האָט ניט געקאָנט. ער האָט געוואָלט אַרויסרעדען א וואָרט, נאָר די צונג האָט אים ניט געדינט. אין זיין גרויסען שרעק האָט ער בלויז געמאַכט מיט דער האַנט, רופענדיג עמיצען צו הילף.

ווען ער וואָלט געלעבט אליין מיט זאַכאַר'ן, וואָלט ער גע־קאָנט אַזוי טעלעגראַפירען מיט דער האַנט ביז מאָרגען פרי און, כוף כל סוף, שטאַרבען, פון וואָס מען וואָלט ערשט געוואָר גע־וואָרען אויפ'ן צווייטען טאָג, נאָר דאָס אויג פון דער באַלעבאָסטע האָט געוואַכט איבער אים ווי דאָס אויג פון דער השגחה: איר האַרץ האָט איר געזאָגט, אַז איליא איליטש איז עפּעס ניט מיט אַלעמען.

און ווען דאָס איז איר נאָר קלאָר געוואָרען, איז שוין אַני־סיא געלאָפען אויף א דראָזשקע נאָך א דאָקטאָר, און די באַלע־באָסטע האָט זיין קאָפּ אַרומגעלייגט מיט אייז, האָט אַרויסגע־

שלעפּט אַלע שפּירטען, אַלע רפואות — אַלץ, וואָס זי איז געווען געוועהנט און זי האָט געהערט, אַז מען דאַרף באַנוצען אין אַזאַ פאַל. אפילו זאַכאַר האָט באַוויזען אין דער צייט שוין אַנצוטאָן איין שטיוועל און אין דעם איינעם שטיוועל איז ער צוזאַמען מיט דעם דאָקטאָר, מיט דער באַלעבאָסטע און אַניסיאַ'ן אַרומגעגאַנגען אַרום דעם קראַנקען.

אילאַ איליטש'ן האָט מען געבראַכט צום באַוואוסטזיין, מען האָט געלאָזט בלוט און דערנאָך ערקלערט, אַז דאָס איז געווען אַ פאַל פון אַפּאָפּלעקסיע, און אַז ער דאַרף פירען אַן אַנדער אַרט לעבען.

וואָדקאַ, ביר, וויין, קאָפע, מיט זעלטענע אויסנאַמען, אויבער דעם, פעטע זאַכען זיינען איהם געווען פאַרבאָטען, און אַנשטאָט דעם איז איהם פאַרשריבען געוואָרען, אַז ער זאָל אַלע טאָג געהן שפּאַצירען, שלאָפען מיט אַ מאָס און דאָס בלויז ביי נאַכט.

ווען אַגאַפיאַ מאַטוועיעוונאַ זאָל ניט אַכטונג געבען, וואָלט דאָס אַלץ ניט אָפּגעהיט געוואָרען, אָבער זי האָט געקאָנט איינפירען די סיסטעם דערמיט, וואָס זי האָט אונטער איהר אונטערגעוואָרפען דאָס גאַנצע הויז און, אַמאָל מיט כיטרעקייט, אַמאָל מיט צערטליכקייט האָט זי אָפּגעצויגען אָבלאָמאָוו'ן פון די פאַרפירערישע אָנפאַלען אויף ביר, פון דעם נאָכמיטאָגדיגען דרימעל, פון אַ פעטע קניש.

ווען ער פלעגט נאָר נעמען איינדרימלען, איז אַזוי ווי פון זיך אין דעם צווייטען צימער אומגעפאַלען אַ שטול, אָדער עס איז מיט אַ גרויסען רויש צוקלאַפּט געוואָרען אַן אַלטער טעלער, און אַז ניט דאָס, האָבען די קינדער גענומען אַזוי רוישען, אַז באַטש אַנטלויף פון הויז. און אַז אפילו דאָס האָט ניט געהאָלפען, האָט זיך דערהערט איהר מילדער קול: זי האָט איהם גערופען און וועגען עפּעס געפרעגט.

דאָס שטעגעל, וואָס איז געווען אין גאָרטען, האָט מען דערצויגען ביז'ן סאָד און איבער איהם האָט אילאַ איליטש געמאַכט אין דער פרי און אין אָווענט אַ צוויי שטונדיגען שפּאַציר. זי איז מיט איהם געגאַנגען, און האָט זי גראָד ניט געקאָנט, האָט איהם

באַגלייט מישאַ אָדער וואַניאַ, אָדער דער אַלטער באַקאַנטער, אַלעקסעיעוו, וואָס איז געווען מיט אַלץ איינפאַרשטאַנען, קיינ־מאָל ניט געגענגערעדט.

אָט געהט איליאַ איליטש איבער'ן שטעגעל, ער איז אָנגע־לעהנט אויף וואַניאַ'ס אַקסעל. וואַניאַ איז שוין כמעט אַ אינג־לינג, אין אַ גימנאַזיע מונדיר, ער האַלט קוים איין זיין גיכען, מוטיגען טראָט, צופּאַסענדיג זיך צו אילאַ איליטש'עס גאַנג. אָבלאָמאָוו געהט נאָך ניט אין גאַנצען פריי מיט איין פוס — אַ שפור פון דעם פאַל.

— קום אריין, וואַניושאַ, אין הויז אריין! — זאָגט אָבּ־לאָמאָוו.

ער האַלט שוין אין ארייגנעהן אין צימער. אַגאַפיאַ מאַט־וועיעוונאַ קומט זיי אַנטקעגען.

— וואו געהט איר דאָס אזוי פרי? — האָט זי געפרעגט, ניט לאָזענדיג זיי ארייננעהן.

— וואָס הייסט פרי? מיר זיינען שוין זיכער אמאָל צוואַנ־ציג געגאַנגען הין און צוריק, און פון דאַנען ביז דעם פּאַקראָן איז דאָך אַ פופציג סאַזשען, הייסט עס, אַז מיר זיינען געגאַנגען אַ צוויי וויערסט.

— וויפיל מאָל זייט איר דורכגעגאַנגען? — האָט זי גע־פרעגט וואַניאַ'ן.

ער האָט זיך גענומען דרעהען.

— דו לייג ניט, קוק אויף מיר! — האָט זי געזאָגט, דראָ־הענדיג אים מיט'ן פינגער, — איך וועל באַלד זען. געדענק, עס קומט באַלד זונטאָג און איך וועל דיך ניט ארויסלאָזען פון הויז.

— ניין, מאַמעניו, אויף אַן אמת, מיר זיינען אמאָל... צוועלף דורכגעגאַנגען.

— אַך, דו דרעה־קאָפּ איינער! — האָט אָבלאָמאָוו גע־זאָגט. — דו האָסט געהאַלטען אין איין רייסען אַקאַציען, אָבער איך האָב געצעהלט.

— ניין, איהר געהט זיך נאָך אַ ביסעל איבער, דאָס עסען

איז נאָך ניט פאַרטיק! — האָט די באַלעבאָסטע געזאָגט און פאַרקלאַפּט פאַר זיי די טיר.

און ווילענדיג ניט ווילענדיג האָט אָבלאָמאָוו איבערגעצעהלט נאָך אַכט מאָל און דערנאָך זיינען זיי אריין אין הויז.

און אין דעם צימער האָט אויף דעם גרויסען רונדען טיש געלאָזען פון זיך אַ דאַמף די פיש־סופּ. אָבלאָמאָוו האָט זיך געזעצט אויף זיין אָרט, לעבען אים צו דער רעכטער זייט איז געזעסען אגאַפיאַ מאַטוויעוונאַ, צו דער לינקער זייט אויף אַ קליין קינדיש שטולכעל איז געזעסען עפּעס אַ קינד פון אַ יאָר דריי. נאָך דעם קינד איז געזעסן מאַשאַ, וואָס איז שוין געווען אַ דרייצען יעריג מיידעל, ווייטער איז געזעסען וואַניאַ און אין דעם טאָג איז אַלעקסעיעוו געזעסען קעגענאיבער אָבלאָמאָוו'ן.

— אָט וועל איך צולייגען נאָך אַ קניש, זעט וואָס פאַר אַ פיינער! — האָט אַגאַפיאַ מאַטוועיעוונאַ געזאָגט, אַוועקלייגענדיג אויף אָבלאָמאָוו'ס טעלער אַ קניש.

— עס וואָלט גוט געווען, ווען מען זאָל דערצו האָבען אַ פּיראָג, — האָט אָבלאָמאָוו געזאָגט.

— פאַרגעסען, אין גאַנצען אָן דעם פאַרגעסען! איך האָב נאָך פון נעכטען דערפון געטראַכט, אָבער עס איז מיר אין גאַנצען ארויס פון זכרון! — האָט זיך אגאַפיאַ מאַטוועיעוונאַ ארויסגעדרעהט. — און איך, איוואַן אַלעקסעיאיטש, האָב איך פאַרגעסען אָנגרייטען קרויט צו די קאָטלעטען — האָט זי צוגעלייגט, ווענדענדיג זיך צו אַלעקסעיעוו'ן.

— עס מאַכט ניט, איך קאָן אַלץ עסען, — האָט אַלעקסעיעוו געענטפערט.

— פאַר וואָס האָסטו אים טאַקע ניט צוגעגרייט שינקען אָדער אַ ביפשטעקס? — האָט אָבלאָמאָוו געפרעגט. — ער האָט דאָך ליב...

— איך בין אליין געגאַנגען אָנקוקען, ניט געווען קיין גוט פלייש! דערפאַר האָב איך געהייסען פאַר אייך מאַכען קיסעל פון קאַרשען סיראָפּ, איך ווייס, אַז איר האָט עס ליב, — האָט זי צוגעלייגט, ווענדענדיג זיך צו אַלעקסעיעוו'ן.

איליאַ איליטש'ן איז ניט געווען פאַרבאָטען צו טרינקען

קיסעל, דערפאר האָט אים גערדאַרפט ליב האָבען און טרינקען אַלעקסעיעוו, וואָס איז מיט אַלץ איינפארשטאַנען געוועז.

נאָך דעם עסען האָט קיינער און קיין שום זאך ניט געקאָנט אָפּרייסען אָבלאָמאָוו'ן פון ליגען אויף דער סאָפא. געוועהנליך האָט ער זיך גלייך אַוועקגעלייגט אויף אַ זייט און איז אַזוי אָפּ־געלעגען אַ שעה צייט. כדי ער זאָל ניט איינשלאָפען, האָט די באַלעבאָסטע טאַקע דאָ אויף דער סאָפא אָנגעגאָסען די קאָ־פע, די קינדער האָבען זיך דאָ אויפ'ן טעפּיך געשפּילט, און איליאַ איליטש האָט ווילענדיג ניט־ווילענדיג געמוזט נעמען אַן אַנטייל.

— זאָל שוין זיין גענוג צו רייצען אַנדריושאַ'ן: ער וועט זיך נאָך צעוויינען! — האָט ער פאַרגעוואָרפען וואַניאַ'ן, ווען ער האָט זיך גערייצט מיט'ן קינד.

— מאַשאַ, קוק, דאָס קינד וועט זיך נאָך צוקלאפּען אָן אַ שטול! — האָט ער באַזאָרגט ארויסגערעדט, ווען דאָס קינד איז ארונטערגעקראָכען אונטער אַ שטול.

און מאַשאַ האָט זיך געלאָזען כאַפּען „דאָס ברודער'ס", ווי זי האָט אים גערופען.

אַלץ איז שטיל געוואָרען אויף אַ מינוט, די באַלעבאָסטע איז ארויס אין קיך געוואָר צו ווערען, צי עס איז פאַרטיג די קאָפע. די קינדער זיינען רואיגער געוואָרען. אין צימער האָט זיך דערהערט אַ שנאָרכען, אין אָנפאַנג שטיל, היימליך, דערנאָך שטארקער, און ווען אגאַפיאַ מאַטוועיעוונאַ איז צוריק־געקומען מיט דער דאַמפענדער קאָפע, איז זי איבערראַשט גע־וואָרען פון אַ שנאָרכען, ווי עס וואָלט געוועז אַ באַלעגאָלישע דירה.

מיט פאָרוואורף האָט זי אַ שאָקעל געטאָן אַלעקסעיעוו'ן דעם קאָפּ.

— איך האָב איהם געוועקט, עס האָט אָבער ניט געהאָל־פען, — האָט אַלעקסעיעוו געזאָגט אין זיין פאַרטיידיגונג.

זי האָט שנעל אַוועקגעשטעלט דאָס קאַוועקריגעל אויפ'ן טיש, זי האָט אַ כאַפּ געטאָן פון דיל אַנדריושאַ'ן און אים שטיל אַוועקגעזעצט צו איליאַ איליטש'ן אויף דער סאָפא. דאָס קינד

האט צוגעפויזעט צו אים, דערגרייכט זיין פנים און אים אָנ־געכאפּט פאר דער נאָז.

— א ! וואָס איז דאָס אַזוינס ? ווער איז דאָס ? — האט געזעדט איליא איליטש, אויפכאפּענדיג זיך.

— איר האט איינגעדרימעלט, און וואניושא איז ארויפ־געקראָכען און אייך אויפגעוועקט, — האט פריינדליך ארויס־געזעדט די באַלעבאָסטע.

— ווען האב איך איינגעדרימעלט ? — האט זיך אָבּ־לאָמאָוו פּארטיידיגט, אריינגעמענדיג אנדריושא'ן אין זיינע אָרעמס. — איך האב געהערט ווי ער האט מיט די הענטלאך געקלעטערט צו מיר ! איך הער אַלץ ! אַך, דו יונגאטש, פאר דער נאָז מיך אָנגעכאפּט ! אָט וועל איך דיר געבען ! אָט ווארט, ווארט נאָך א ווײַלע ! — האט ער געזאָגט, צערטלענ־דיג דאָס קינד. דערנאָך האט ער אים ארונטערגעלאָזען אויפ'ן דיל און זיך צוזיפצט איבער'ן גאנצען צימער. — דערצעהלט עפּעס, איוואן אַלעקסעיאיטש ! — האט ער געזאָגט.

— שוין אַלץ דערצעהלט, ניטאָ וואָס מער צו דערצעהלען, — האט אַלעקסעיעוו געענטפערט.

— וואָס הייסט ניטאָ ? איר קומט דאָך צווישען מענ־שען : הערט זיך גאָר קיין נייעס ניט ? און איר לעזט דאָך...

— יאָ, אמאָל לעז איך, אָדער אנדערע לעזען, דערצעה־לען און איך הער זיך איין. אָט האט נעכטען ביי אַלעקסעי ספּירידאָניטש'ן, דער זון, דער סטודענט, געלעזען אויפ'ן קול...

— וואָס האט ער געלעזען ?

— וועגען די ענגלענדער געלעזען, אז זיי האָבען עמיצען ערגעץ וואו געבראכט ביקסען און קוילען. אַלעקסעי ספּירידאָ־ניטש האט געזאָגט, אז עס וועט זיין מלחמה.

— וועמען האָבען זיי דאָס געבראכט ?

— קיין שפּאניען אָדער אינדיען — איך געדענק ניט גע־נוי, — אָבער דער געזאנדטער איז זעהר אומצופרידען געווען.

— וועלכער געזאנדטער ? — האט אָבּלאָמאָוו געפרעגט.

— דאָס איז מיר ארוים פון זינען ! האט אַלעקסעיעוו גע־

זאָגט, אויפהויבענדיג די נאָז צום באַלקען און וועלענדיג זיך דערמאָנען.

— און מיט וועמען וועט דאָס זיין מלחמה?

— מיט א טערקישען פּאַשאַ, דאַכט זיך מיר.

— וואָס הערט זיך נאָך עפּעס נייעס אין דער פּאָליטיק?
— האָט, שווייגענדיג א ווײַלע, אָבלאָמאָוו ווייטער געפרעגט.

— מען שרייבט אויך, אַז דער ערד־קוגעל קילט זיך אַלץ מער אָפּ; וועט אונז אמאָל אין גאַנצען פאַרפרירען.

— אָט האָסטו דיר! איז דאָס אויך פּאָליטיק? — האָט אָבלאָמאָוו געפרעגט.

אַלעקסעיעוו איז פאַרציטערט געוואָרען.

— דמיטרי אַלעקסעיאיטש האָט אין אָנפאַנג דערמאָנט די פּאָליטיק, — האָט ער זיך פאַרטיידיגט, — און דערנאָך האָט מען אַלץ געהאַלטען אין איין לעזען און זיי האָבען ניט געזאָגט, וואו זי האָט זיך געענדיגט. איך ווייס, אַז מען האָט שוין דאָרט גע־רעדט אפילו וועגען ליטעראַטור.

— וואָס האָט ער דאָרט געלעזען וועגען ליטעראַטור? — האָט אָבלאָמאָוו געפרעגט.

— ער האָט געלעזען, אַז די בעסטע פאַרפאַסער זיינען דמיטריעוו, קאַראַמזין, באַטיושקאָוו און זשוקאָווסקי...

— און פּושקין?

— פּושקין איז ניט דערמאָנט געוואָרען. איך האָב דאַ־מאָלט אויך א טראַכט געטאָן, פאַר וואָס איז ער עפּעס ניטאָ? ער איז דאָך א כעניע! — האָט אַלעקסעיעוו געזאָגט, אַרויס־רעדענדיג דעם ג ווי א כ.

עס איז געוואָרען שטיל. די באַלעבאָסטע האָט געבראַכט איר הויז ארבייט און גענומען פירען מיט דער נאָדעל הין און צוריק, א קוק טוענדיג פון צייט צו צייט אמאָל אויף אַלעקסעי־יעוו'ן, אמאָל אויף איליאַ איליטש'ן און איינהערענדיג זיך מיט אירע וואַכעדיגע אויערען צי עס קומט ניט ערגעץ פאַר עפּעס אַן אומאָרדנונג, א טומעל, צי עס זידלען זיך ניט אין דער קיך אַני־כיאַ מיט זאַכאַר'ן, צי אַקולינאַ וואַשט דאָס געשיר, צי ער האָט

אַבלאַמאָוו

ניט אַ קלאַפּ געטאָן אין הויף דאָס טירעל פון פּלויט, דאָס חייסט, צי דער דוואָרניק איז ניט אַוועק אין שענק.

אַבלאָמאָוו איז פאַרזונקען אין אַ שווייגען און אין אַ פאַר־טראַכטקייט. די דאָזיגע פאַרטראַכטקייט איז ניט געווען ניט קיין חלום און ניט קיין וואכען: ער האָט געלאָזען די געדאַנקען זיינע בלאָזשען אַרום אויף דער פריי, ניט קאָנצענטרירענדיג זיי אויף גאָר ניט, ער האָט זיך רואיג איינגעהערט צום קלאַפּען פון זיין האַרץ און צייטענווייז האָט ער גלייכמעסיג געבלינצעלט מיט די אויגען, ווי אַ מענש וואָס האַלט אויף קיין זאַך ניט גע־ווענדט זיין בליק. ער איז אַריינגעפאַלען אין אַן אומבאַשטימ־טען, געהיימניספולען צושטאַנד, אין אַ מין אַרט גאַלוצינאַציע.

עס טרעפט אָפט, אַז אויף אַ מענשען פאַלען אָן אַזוינע זעל־טענע און קורצע רגע'ס, ווען אים דאַכט זיך, אַז ער לעבט איבער אַ מאָמענט, וואָס ער האָט ערגעץ וואו און אַמאָל איבערגעלעבט. צי ער האָט אין חלום דאָס געזען אַמאָל, צי ער האָט עס אויף אַן אמת אַמאָל איבערגעלעבט און ער האָט פאַרגעסען, אָבער ער זעט: די זעלבע פּנים'ער, וואָס דאַמאָלט, זיצען איצט, די זעלבע ווערטער זיינען שוין אַמאָל גערעדט געוואָרען: די איינבילדונג איז אוממעכטיג אים ווידער אַריבערצוברענגען אַהין, דער זכרון לעבט ניט אויף דאָס פאַרגאַנגענע און שלעפּט אויף דיר אַרויף אַ פאַרטראַכטקייט.

דאָס האָט איצט פּאַסירט מיט אַבלאָמאָוו'ן. ער געפינט זיך אין עפּעס אַ שטילקייט, וואָס איז ערגעץ וואו אַמאָל געווען, עס וויגט זיך אַ באַקאַנטער אומרו, עס הערט זיך דער קנאַל פון אַן אָפּגעביסענעם פאָדעם; עס ווידערהאַלען זיך באַקאַנטע ווערטער און געמורמעל.

— איך קאָן עפּעס אין קיין פאַל ניט דורכציען דעם פאָדעם דורך דער נאָדעל, פּרוביר דו, מאַשאַ, דו האָסט שאַרפערע אויגען.

און פויל, מעכאַניש, אַזוי ווי אין שלומער קוקט ער אויף דער באַלעבאָסטעס געזיכט, און פון דער טיפעניש פון זיין זכרון ערוואַכט אַ באַקאַנט בילד, וואָס ער האָט ערגעץ וואו אַמאָל גע־זען. ער האָט זיך גענומען דערמאָנען, וואו ער האָט עס אַמאָל געהערט...

און עס שמעהט פאַר אים אויף אַ גרויסער, דונקעלער, מיט אַ חלב ליכטעל באַלויכטענער זאַל אין זיינע עלטערענס הויז. זיין פאַרשטאָרבענע מוטער און אירע געסט זיצען אַרום דעם רונדען טיש און שווייגענדיג שטיקען זיי עפּעס אויס; אַ שוויי־געגדיגער געהט דער פאָטער אַרום. דאָס געגענוועַרטיגע און דאָס פאַרגאַנגענע האָט זיך צוזאַמענגעגאָסען און צוזאַמענ־געמישט.

און עס חלום'ט זיך אים, אז ער האָט דערגרייכט דאָס פאַר־שפּראָכענע לאַנד, וואו עס פליסט האָניג און מילך, וואו מען עסט ברויט, אויף וועלכען מען האָט ניט געדאַרפט אַרבייטען, און מען איז אָנגעטאָן אין גאָלד און אין זילבער.

און ער הערט דעם קלאַנג פון טעלער, דאָס קלימפּעריי פון מעסער, ער טוליעט זיך צו דער אַם, הערט זיך איין צו איר אַל־טען, ציטערדיגען קול.

— מילטריסאַ קירביטיעווגאַ! — זאָגט זי אים, אָנווייזענ־דיג אויפ'ן בילד פון דער באַלעבאָסטע.

און עס דאַכט זיך אים, אז דאָס זעלבע וואָלקענדעל, וואָס איז דאַמאָלט געשוואומען אויפ'ן בלויען הימעל, שווימט אויך איצט, אז דאָס זעלבע ווינטעל בלאָזט אין פענסטער און שפּילט זיך מיט זיינע האָר; אז דער גרויסער האָן פון אָבלאָמאָווקע געהט הינטער דעם פענסטער און קרעהט.

אָט האָט אַ הונט גענומען בילען: מסתמא איז עמיץ צו גאַסט געקומען. איז ניט אפשר אַנדרעי געקומען מיט זיין פאַטער פון ווערכליעוו? דאָס וואָלט פאַר אים געווען אַ יום טוב. עס דאַכט זיך, אז דאָס איז ער אויף אַן אמת: טריט הערען זיך אַלץ נעהענטער, נעהענטער, עס עפענט זיך די טיר... — „אַנדרעי!" רעדט ער אַרויס. און אין אמת'ן שטעהט פאַר אים אַנדרעי, אָבער ניט אַלס אינגעל, נאָר שוין אַלס דערוואַקסענער מאַן.

אָבלאָמאָוו האָט זיך אויפגעכאַפּט: פאַר אים איז אויף דער וואָר, ניט אין גאַלוצינאַציע, געשטאַנען שטאָלץ.

די באַלעבאָסטע האָט אויף שנעל אַ כאַפּ געטאָן דאָס קינד, אַרונטערגעכאַפּט איר אַרבייט פון טיש, האָט אַרויסגעפירט די קינדער; עס איז פאַרשוואונדען געוואָרען אַלעקסעיעוו. שוויי־

אַבלאַמאַוו

גענדיג און אומבאַוועגליך, קוקענדיג איינער אויפ'ן צווייטען זיי־נען אין צימער געבליבען אַבלאַמאַוו און שטאָלץ. שטאָלץ האָט אים אַזוי ווי דורכגעשטאָכען מיט די אויגען.

— ביסטו עס, אַנדרעי? — האָט אים אַבלאַמאַוו געפרעגט קוים הערבאַר פאַר אויפרעגונג, ווי עס קאָן פרעגען בלויז אַ גע־ליבטער זיין געליבטע נאָך אַ לאַנגער צושיידונג.

— יאָ, דאָס בין איך, — האָט שטאָלץ שטיל ארויסגערעדט.

— דו לעבסט? ביסט געזונט?

אַבלאַמאַוו האָט אים ארומגענומען און פעסט זיך צוגע־דריקט צו אים.

— אך, — האָט ער אלס ענטפער ארויסגערעדט, ציענדיג דאָס וואָרט, ארייַנלעגענדיג אין דעם אך די גאַנצע קראַפט פון דעם טרויער און פרייד, וואָס איז געווען פאַרבאָרגען אין זיין האַרץ, און וואָס האָט זיך קיינמאָל, פון דער צייט, וואָס זיי האָ־בען זיך צושיידט, ניט אויסגעגאָסען אויף קיינעם און פאַר קיינעם.

זיי האָבען זיך געזעצט און ווידער האָבען זיי אויפמערקזאַם געקוקט איינער אויפ'ן צווייטען.

— ביסטו געזונט? — האָט אַנדרעי געפרעגט.

— איצט יאָ, אַ דאַנקען גאָט.

— ביסטו דען געווען קראַנק?

— יאָ, אַנדרעי, געהאַט אַ מאָל פון אַפּאָפּלעקציע...

— וואָס רעדסטו? גאָט מיינער! — האָט אַנדרעי ארויס־גערעדט מיט שרעק און מיטגעפיל. — אָבער אָן פאָלגען?

— יאָ בלויז מיט דעם לינקען פוס קאָן איך ניט פריי באַ־וועגען... — האָט אַבלאַמאַוו געענטפערט.

— אך, איליאַ, איליאַ! וואָס איז דאָס מיט דיר געוואָרען? וואָס האָסטו געטאָן פאַר דער גאַנצער צייט? אַ קלייניגקייט עפּעס, עס איז דאָך שוין דאָס פינפטע יאָר, ווי מיר האָבען זיך ניט געזען!

אַבלאַמאַוו האָט אַ זיפץ געטאָן.

— פאַר וואָס ביסטו ניט געפאָרען קיין אַבלאַמאַווקע? פאַר וואָס האָסטו ניט געשריבען?

— וואָס קאָן איך דיר זאָגען, אַנדרעי! דו קאָנסט דאָך מיר גוט און פרעג ניט מער! — האָט אָבלאָמאָוו מיט טרויער אַרויסגערעדט.

— און ביסט נאָך אַלץ דאָ, אַלץ אין דער זעלבער דירה?

— האָט שטאָלץ געזאָגט, אַרומקוקענדיג זיך. — און זיך אַלץ ניט אַרויסגעקליבען?

— יאָ, איך בין אַלץ דאָ... איצט טראַכט איך שוין ניט מער וועגען איבערקלייבען זיך!

— שוין באַשלאָסען, אַז דו פאָרסט ניט קיין אָבלאָמאָווקע?

— יאָ, אַנדרעי, עס איז אַ באַשלאָסענע זאַך.

אַנדרעי האָט אויפמערקזאַם אַ קוק געטאָן אויף אים, האָט זיך פאַרטראַכט און געגומען געהן הין און צוריק איבער'ן צימער.

— און אָלגאַ סערגעיעוונאַ? איז זי געזונט? וואו איז זי? געדענקט זי נאָך?...

ער האָט ניט דערערדט.

— זי איז געזונט און געדענקט דיך, פונקט אַזוי ווי איר וואָלט זיך ערשט נעכטען געזען. איך וועל דיר באַלד זאָגען, וואו זי איז.

— און די קינדער?

— די קינדער זיינען געזונט... אָבער זאָג נאָר מיר, איליאַ, דו שפאַסט דאָך, וואָס דו זאָגסט, אַז דו בלייבסט שוין דאָ? און איך בין אַהער געקומען כדי דיך מיטצונעמען מיט זיך צו אונז אין דאָרף אַריין...

— ניין, ניין! — האָט מיט אַ שטילערער שטימע און קוקענדיג אויף דער טיר אַרויסגערעדט אָבלאָמאָוו, ווי עס ווייזט אויס, אַן אויפגערעגטער. — ניין, איך בעט דיך, טראַכט ניט וועגען דעם, רעד ניט וועגען דעם...

— פאַר וואָס עפּעס? וואָס האָט מיט דיר פּאַסירט? — האָט שטאָלץ אָנגעהויבען רעדען. — דו קענסט דאָך מיך: איך האָב שוין לאַנג אויף זיך גענומען די אויפגאַבע און וועל ניט אָפּטרעטען, ביז איך וועל זי ניט דורכפירען. ביז איצט בין איך געווען פאַרנומען מיט פאַרשידענע געשעפטען, אָבער איצט בין איך פריי. דו מוזט לעבען מיט אונז, לעבען אונז: אַזוי האָב

אבלאמאוו

איך און אלגא באשלאסען און אזוי מוז עס זיין. געלויבט איז גאט, וואס איך האב דיך אנגעטראפען אין אזא און ניט אין קיין ערגערן צושטאנד. איך האב ניט געהאפט... קום, לאמיר פארען!... איך בין גרייט אפילו געוואלט אנצואווענדען כדי דיך פון דאנען ארויסצופירען! מען דארף לעבען אנדערש, דו פארשטעהסט דאך ווי...

אבלאמאוו האט זיך מיט אומגעדולד איינגעהערט צו אט דער טיראדע.

— איך בעט דיך, שריי ניט, רעד שטילער! — האט ער זיך געבעטען. — דארט קאן מען נאך...

— וואס דארט?

— דערהערען... די באלעבאסטע קען מיינען, אז איך וויל אויף אן אמת פארען...

— איז וואס? זאל זי מיינען.

— ווי איז דאס מעגליך! — האט אבלאמאוו אים איבערגעשלאגען. — הער זיך איין, אנדרעי, — האט ער מיטאמאל צוגעלייגט מיט אן ענטשלאסענעם, אומגעוועהנליכען קול, — מאך ניט קיין אומזיסטע פארזוכען, פרואוו מיך ניט איינצורעדען: איך בלייב דא!

שטאלץ האט מיט פארוואונדערונג געקוקט אויף זיין פריינד. רואיג און אנטשלאסען האט אבלאמאוו געקוקט אויף אים.

— דו ביסט פארלארען, איליא! — האט ער געזאגט. — אט דאס הויז, אט יענע פרוי... אט די גאנצע אומגעבונג... עס איז אוממעגליך: לאמיר פארען, פארען!

ער האט אים כאפ געטאן פאר'ן ארבעל און גענומען שלעפען צו דער טיר.

— פארוואס ווילסטו מיך אוועקשלעפען פון דאנען? און וואוהין? — האט אבלאמאוו גערעדט, איינשפארענדיג זיך.

—ארויס פון דעם אפגרונט, פון דעם דאזיגען קויט ארויס, ארויס צום ליכט, צו רוים, וואו עס איז געזונט, וואו עס איז דא א נארמאל לעבען! — איז שטאלץ באשטאנען אויף דאס

זייַנע שטרענג, כמעט באַפעלענדיג. — וואו געפינסטו זיך? וואָס איז מיט דיר געוואָרען? באַרעכען זיך! האָסטו זיך דען געגרייט צו אָט אַזאַ לעבען, כדי צו שלאָפען ווי אַ מויל־וואָרף אין זיין נאָרע? דו דערמאָן זיך אַלץ...

— דו דערמאָן ניט, וועק ניט אויף דאָס פאַרגאַנגענע: וועסט עס ניט אומקערען! — האָט אָבלאָמאָוו געזעדט; זיין פנים האָט אויסגעדריקט געדאַנק און דעם פולען באַוואוסטזיין פון זיין פאַרשטאַנד און ווילען. — וואָס ווילסטו מאַכען מיט מיר? מיט דער וועלט, אין וועלכער דו שלעפּסט מיך, האָב איך זיך שוין פון לאַנג געזעגענט אויף אייביג: דו וועסט ניט זיין אין שטאַנד צוזאַמענצולייטען די צוויי העלפטען. איך בין צוגעוואַקסען געוואָרען צו דעם אָפּגרונד אַזוי, אַז אויב דו וועסט מיך ווען אָפּרייסען, וועל איך שטאַרבען.

— אָבער דו קוק זיך אַרום, וואו און מיט וועמען דו ביסט!

— איך ווייס, איך פיל... אַך, אַנדרעי, איך פיל אַלץ, איך פאַרשטעה אַלץ: מיר איז שוין לאַנג פיינליך צו לעבען אויף דער וועלט! אָבער איך קען ניט געהן אויף דיין וועג, ווען איך זאָל עס אפילו ווען... מעגליך, אַז דאָס לעצטע מאָל איז עס געווען נאָך מעגליך. אָבער איצט... (ער האָט אַרונטערגעלאָזען די אויגען און געשוויגען אַ ווייַלע) איצט איז שוין שפּעט... געה דיר און שטעל זיך ניט אָפּ אויף מיר. גאָט איז מיין עדות, אַז איך בין ווערט דיין פריינדשאַפט, אָבער איך בין ניט ווערט דיינע דאגות.

— ניין, איליא, עפּעס רעדסטו און דו דערדעדסט ניט. אָבער איך וועל דיך פאָרט אַוועקפירען פון דאַנען, ווייל איך פאַרדעכטיג... הער זיך איין, — האָט ער געזאָגט, — וואַרף אויף זיך עפּעס אַרויף און קום צו מיר, זיי מיט מיר דעם אָוונד. איך האָב דיר אַ סך צו דערצעהלען, דו ווייסט ניט, וואָס עס האָט איצט אויפגעשטורעמט ביי אונז, דו האָסט ניט געהערט?...

פרעגענדיג האָט אָבלאָמאָוו געקוקט אויף אים.

— איך האָב גאָר פאַרגעסען, אַז דו זעסט זיך ניט מיט קיין מענשען: קום און איך וועל דיר אַלץ דערצעהלען...

אבלאַמאָוו

ווייסטו וועט עס ווערט דאָ אויף אונז ביים טויער, אין קאַרעט...
איך וועל זי אַריינרופן אַהער!

— אָלגאַ! — האָט זיך מיטאַמאָל אַרויסגעריסן ביי דעם דערשראָקענעם אָבלאָמאָוו'ן. זיין געזיכט האָט זיך אַזש געענדערט. — ווי גאָט איז דיר ליב, לאָז איר דאָ ניט אַריין, פאָר אַוועק! אַדיע, אַדיע, ווי גאָט איז דיר ליב!

ער האָט כמעט אַזוי ווי אַרויסגעשטויסן שטאָלץ'ן, אָבער שטאָלץ האָט זיך ניט גערירט פון אָרט.

— איך קאָן צו איר ניט אַרויסגעהן אָן דיר: איך האָב איר געגעבן מיין וואָרט, הערסט, איליאַ? אויב ניט היינט, איז עס מאָרגן, דו פאַרלענגערסט נאָר, אָבער דו וועסט ניט קענען מיך אַוועקטרייבן... מאָרגן, איבערמאָרגן, אָבער מיר וועלן זיך פאָרט זען!

אָבלאָמאָוו האָט געשוויגן מיט אַן אַרונטערגעלאָזענעם קאָפּ און ער האָט ניט געוואַגט אַ קוק צו טאָן אויף שטאָלץ'ן.

— ווען פאָרט? אָלגאַ וועט דאָך מיך פרעגן.

— אַך, אַנדריי, — האָט ער געזאָגט מיט אַ צערטליכער, בעטענדיגער שטימע, אַרומנעמענדיג אים און לייגענדיג זיין קאָפּ אויף שטאָלץ'ס אַקסעל. — לאָז מיך אָפּ אין גאַנצן... פאַרגעס אָן מיר אויף שטענדיג...

— וואָס הייסט אויף שטענדיג? — האָט שטאָלץ אים געפרעגט מיט פאַרוואונדערונג, באַפרייענדיג זיך פון זיינע אָרעמס און קוקענדיג אים גלייך אין די אויגן.

— יאָ, — האָט אָבלאָמאָוו אַרויסגעמורמעלט.

שטאָלץ איז אָפּגעטראָטן פון אים אויף אַ טראָט.

— רעדסטו עס, איליאַ? — האָט ער אים פאַרגעוואָרפן. — דו פאַרשטויסט מיך, און דאָס אַלץ פאַר איר, פאַר אָט דער פרוי!... גאָט מיינער! — האָט ער כמעט אַ געשריי געטאָן ווי פון אַ פּלוצליכען פּיין. — דאָס דאָזיגע, וואָס איך האָב נאָר וואָס געזען... איליאַ, איליאַ! אַנטלויף פון דאַנען, קום פון דאַנען וואָס גיכער! אַ, ווי דו ביסט געזונקען! אָט יענע פרוי... וואָס איז זי דיר...

— א ווייב! — האט אבלאמאוו רואיג ארויסגערעדט. שטאלץ איז פארגליווערט געווארן.

— און דאס דאזיגע קינד — איז מיין זון. אים רופט מען אנדרעי, אלס אנדענק פון דיר! — האט אבלאמאוו ארויסגערעדט מיטאמאל און רואיג אפגעכאפט דעם אטעם, ארונטערנעמענדיג פון זיך דעם יאך פון אפענהערציגקייט.

איצט האט זיך שטאלץ'ס פנים פארענדערט און ער האט גענומען קוקן ארום זיך מיט ערשטוינטע, כמעט וואנזיניגע אויגן. פאר אים האט זיך אזוי ווי מיטאמאל פאנאנדערגעשפרייט א תהום, און אבלאמאוו איז אזוי ווי ניט געווארן, איז אזוי ווי פארשוואונדן פון זיינע אויגן, און ער האט דערפילט יענעם גליהענדיגן טרויער, וואס עס פילט א מענש, וואס נאך יארן פון צושיידט זיין, אײלט זיך אן אויפגערעגטער צו זען זיין פריינד, און ווערט גאר געוואר, אז ער איז שוין לאנג ניטא, אז ער איז שוין לאנג טויט.

— ער איז פארלארן! — האט ער מעכאניש א מורמעל געטאן. — וואס וועל איך זאגן אלגא'ן?

אבלאמאוו האט דערהערט די לעצטע ווערטער, האט געוואלט עפעס זאגן, נאר ער האט ניט געקענט. ער האט אויסגעשטרעקט צו אנדרעי'ען ביידע הענט און זיי האבן זיך שווייגנדיג ארומגענומען שטארק, ווי מען נעמט זיך ארום פאר א שלאכט, פאר'ן טויט. די דאזיגע אומארמונג האט דערשטיקט זייערע ווערטער, טרערן, געפילן...

— פארגעס ניט דיין אנדרעי'ן! — זיינען געווען אבלאמאוו'ס לעצטע ווערטער, וואס ער האט ארויסגערעדט מיט א דומפער שטימע.

שווייגענדיג, פאמעליך איז שטאלץ ארויסגעגאנגען פון צימער, לאנגזאם, שווייגענדיג און פארטראכט איז ער דורכגעגאנגען דורך דעם הויף און געזעצט זיך אין קארעט, און אבלאמאוו האט זיך געזעצט אויף דער סאפא, אנגעשפארט זיך מיט די עלנבויגענס אן טיש און פארדעקט דאס פנים מיט די הענט.

„ניין, איך וועל ניט פארגעסן דיין אנדרעי'ען", האט

אבלאמאוו

געהענדיג איבער'ן הויף שטאלץ געטראכט מיט טרויער. „פאר־לארען ביסטו, איליא: עס איז ארויסגעווארפען דיר צו דער־צעהלען, אז דיין אבלאמאווקע איז שוין ניט מער ערגעץ אין א מדבר, אז עס איז שוין געקומען איר ריי, אז עס זיינען שוין אויף איר געפאלען די שטראלען פו דער זון! עס עפענען זיך שולען... ניין, דו וועסט זיך דערשרעקען פאר'ן מארגענשטע־רען פון דעם נייעם גליק. אבער דיין אנדרעי'ען וועל איך פירען, וואו דו האסט ניט געקענט געהן... און מיט אים וועלען מיר פארווירקליכען אונזערע יוגענט חלומות" — זיי געזונט, אלטע אבלאמאווקע! — האט ער געזאגט, אומקוקענדיג זיך צום לעצטען מאל אויף די פענסטערלעך פון קליינעם הייזעל. — דו האסט אפגעלעבט דיין צייט!

— וואס הערט זיך דארט? — האט אלגא געפרעגט מיט א שטארק קלאפענדיג הארץ.

— גארניט! — האט טרוקען און אפגעריסען שטאלץ געענט־פערט.

— ער לעבט, איז געזונט?

— יא, — האט ניט ווילענדיג זיך אפגערופען שטאלץ.

— פארוואס האסטו זיך אזוי גיך אומגעקעהרט? פאר־וואס האסטו אים ניט ארויסגעבראכט? לאז מיך אהין!

— מען קען ניט!

— וואס האט דארט פאסירט? — האט אלגא מיט שרעק געפרעגט, — וועסטו מיר שוין אמאל זאגען?

ער האט געשוויגען.

— זאג שוין, וואס איז פארט דארט פארגעקומען?

— אבלאמאוויזם! — האט שטאלץ טרויעריג געענטפערט און אויף אלגא'ס אלע איבעריגע פראגען האט ער ניט געענט־פערט און דורך דעם גאנצען וועג האט ער אנגעהאלטען זיין פינסטער שווייגען.

.10

עס זיינען פאַראיבער פינף יאָר. פילעס האָט זיך איבער־געביטען אויך אין וויבורגער קווארטאל: די לערע גאַס, וואָס האָט געפירט צו פּשעניצינאַ'ס הויז, איז פארבויט געוואָרען מיט זומער־וואוינונגען, צווישען וועלכע עס האָט ארויסגעקוקט א לאַנגע, שטיינערנע רעגירונגס־געביידע, וואָס האָט געשטערט די זון־שטראלען פרעהליך אריינצושטראלען אין די פענסטער פון דעם פרידליכען געצעלט פון פוילקייט און רו.

און דאָס הייזעל אליין איז א ביסעל פארעלטערט געוואָרען, האָט אויסגעזעהן נאַכלעסיג, שמוציג, ווי עס זעהט אויס א מענש וואָס האָט זיך ניט געוואַשען און ניט ראזירט. די פארב איז אָפּגעקראָכען, די וואסער־רינעס זיינען ערטערווייז געווען צובראָכען: דערפון האָבען זיך אויפ'ן הויף גענומען גאַנצע לוזשעס קויט, איבער וועלכע, ווי אין די פריערדיגע יאָרען, איז געווען איבערגעוואָרפען א שמאָלע ברעט. ווען אימיצער איז אריינגעקומען אין הויף, האָט דער הונט זיך שוין ניט געריסען מער פון דער קייט, נאָר האָט הייזעריג און פויל געבולען, ניט ארויסקריכענדיג פון זיין נאָרע.

און וואָס פאר אַן ענדערונגען זיינען פאָרגעקומען אינוויי־ניג פון הויז! דאָרט הערשט א פרעמדע פרוי, עס שפּילען זיך ניט די פריערדיגע קינדער. פון צייט צו צייט באַווייזט זיך דאָרט ווידער דאָס רויטע, שכור'ע פּנים טאַראַנטיעוו'ס, און מען זעט מער ניט דעם מילדען, רואיגען אלעקסעיעוו. מען זעט ניט ניט זאַכאַר'ן און ניט אַניסיאַ'ן: א נייע פעטע קעכין באַ־לעבאַטעוועט אין דער קיך, ניט ווילענדיג און גראָב פילט זי אויס די באפעלען פון אַגאַפיאַ מאַטוועיעווונאַ'ן, און די זעלבע אַקו־ליגאַ, מיט'ן זוים פון קלייד פארשטעקט אונטער דעם גאַרטעל,

האלט אין וואשען; דער זעלבער דווארניק, אין דעם זעלבען שופען־פעלצעל ווארט רואיג אויף זיין סוף אין זיין ווינקעל. פארביי דעם פלויט אין דער פרי און אין מיטאג צייט שלייכט זיך ווידער פארביי די פיגור פון דעם ברודער, מיט א גרויסען פאקעט אונטער דעם ארעם, מיט גומענע קאלאשען סיי ווינ־טער און סיי זומער.

וואס האט פאסירט מיט אבלאמאוו'ן? וואו איז ער? וואו? — אויף דעם נאענטסטען בית עולם אונטער א באשיי־דענעם שטיין רוט זיין קערפער. די בעז צווייגען, וואס זיינען פארפלאנצט געווארען פון א פריינדליכער האנט, דרימלען אי־בער'ן קבר, און רואיג שמעקט די ווערמוט. עס דאכט, אז דער מלאך פון שטילקייט אליין היט אפ זיין שלאף.

ווי שארף עס האט ניט אכטונג געגעבען אויף יעדער רגע פון זיין לעבען דאס אויג פון זיין ליבענדער פרוי, אבער די שטענדיגע רו, די שטענדיגע שטילקייט, דאס פוילע קריכען פון איין טאג אין דעם צווייטען, האט שטילערהייט אפגעשטעלט די מאשין פון לעבען. איליא איליטש איז געשטארבען, ווי עס זעט אויס, אן פיין, אן ליידען, ווי עס שטעלט זיך אפ א זייגער, וועלכען מען האט פארגעסען אנצודרעהען.

קיינער האט ניט געזען זיינע לעצטע מינוטען, ניט געהערט זיין לעצטען קרעכץ. אין א יאר ארום האט זיך ווידערהאלט א פאל פון אפאפלעקציע, און איז ווידער אן פאלגען פאראי־בער: בלויז איליא איליטש איז געווארען בלייכער, שוואך, האט ווייניג געגעסען, האט זעלטענער גענומען ארויסגעהן אין סע־דעל, און ער איז געווארען שווייגענדיגער, פארטראכטער, ציי־טענווייז האט ער אפילו געוויינט. ער האט פאראויסגעפילט דעם נאענטען טויט און האט זיך געשראקען פאר אים.

אייניגע מאל איז ער געפאלען אין חלשות און עס איז אי־בערגעגאנגען. איינמאל אין א פרימארגען האט אגאפיא מאט־וועיעוונא, ווי געוועהנליך, אים געבראכט קאפע און אים גע־טראפען — א טויטען, אבער פונקט אזוי מילד, ווי ווען ער וואלט

געדרימעלט אויף דער סאָפא, בלויז דער קאָפּ איז געווען אַ ביסעל אַרונטערגערוקט פון דעם קישען, און די האַנט איז געווען קראַמפּהאַפט צוגעדריקט צום הארצען, וואו, ווי עס זעט אויס, עס האָט זיך קאָנצענטרירט און אָפּגעשטעלט דאָס בלוט.

שוין דריי יאָר איז אַגאַפיא מאַטוועיעוונאַ אַן אַלמנה, און אין דער צייט האָט אַלץ זיך ווידער געמומען פירען ווי אַמאָל. איר ברודער האָט זיך פאַרנומען מיט פּאָדריאַדען, אָבער ער איז דורכגעפאַלען, און איז אָנגעקומען מיט פאַרשידענע כיטרעקייטען אויף זיין פריערדיגער שטעלע אַלס סעקרעטאַר אין דער קאַנצעלאַריע, און ער געהט ווידער צופוס צו זיין אַרבייט און ברענגט ווידער האַלב־ און פערטעל־רובעלדיגע און צוואַנציגקאָפּייקענע, און פילט מיט זיי אָן אַ קופערט, וואָס ער האַלט ערגעץ וואו באַהאַלטען. דאָס באַלעבאַטישקייט האָט זיך ווידער גענומען פירען אַזאַ גראָבס, אַזאַ פּשוט׳ס, אָבער אַ גאַנץ ברייטס, ווי אין דער פריערדיגער צייט, ווי איידער אָבלאָמאָוו האָט זיך אַריינגעקליבען צו זיי.

די ערשטע ראָל אין הויז האָט געשפּילט דעם ברודער׳ס פרוי, אירינאַ פּאַנטעלעיעוונאַ, דאָס הייסט, זי האָט פאַר זיך געלאָזען דאָס רעכט אויפצושטעהן שפּעט, טרינקען דריי מאָל אַ טאָג קאָפע, בייטען דריי מאָל אַ טאָג קליידער און אַכטונג געבען אין דער באַלעבאַטישקייט בלויז אויף דעם, אַז איר׳ע קליידלעך זאָלען זיין וואָס שטייפער געפּרעסט. מער האָט איר קיין זאַך ניט אינטערעסירט און אַגאַפיא מאַטוועיעוונאַ איז, ווי פריער, געווען דער לעבעדיגער פּערפּענדיקעל אין הויז: זי האָט אַכטונג געגעבען אויף דער קיך און אויפ׳ן טיש, האָט אַלעמען אָנגעטרונקען מיט טיי און קאָפע, האָט גענעהט פאַר׳ן גאַנצען הויז, האָט אַכטונג געגעבען אויף דער וועש, אויף די קינדער, אויף אַקולינאַ׳ן און אויפ׳ן דוואָרניס.

אָבער פאַרוואָס איז דאָס אַזוי געווען ? זי איז דאָך מאַדאַם אָבלאָמאָוו, אַ פּריצ׳ע ; זי האָט דאָך געקענט וואוינען באַזונדער, אומאָפּהענגיג, ניט נויטיגענדיג זיך אין קיינעם און אין

גארנים? וואס האט איר געקענט צווינגען נעמען אויף זיך דעם יאָך פון א פרעמדער באלעבאטישקייט, דאגה׳נען וועגן פרעמ־דע קינדער, וועגן אַט די אלע קלייניגקייטען אויף וועלכע א פרוי אפפערט זיך בלויז אוים ליבע, אוים דעם הייליגען חוב פון פאמיליען לעבען, אָדער פאר א שטיקעל טרוקען ברויט? וואו־זשע זיינען זאכאר, אנוסיא, אירע דינער לויט אלע געזעצען? וואו ענדליך געפינט זיך אנדריושא? וואו געפינען זיך אירע קינדער פון ערשטען מאן?

אירע קינדער האבען זיך איינגעאָרדענט, דאס הייסט וואניא האט געענדיגט דעם קורם און איז ארייינגעטראָטען אין דינסט, מאשא האט חתונה געהאט, און אנדריושא׳ן האבען גענומען צו זיך שטאָלץ און זיין פרוי, און זיי האלטען אים פאר א מיטגליד פון זייער פאמיליע. אגאפיא מאטוועיעווגא האט קיינמאָל ניט פארגלייכט און צוזאמענגעמישט אנדריושא׳ם שיקזאל מיט׳ן שיקזאל פון אירע עלטערע קינדער, כאטש אין הארצען האט זי זיי אפשר געהאלטען פאר גלייכע, און האט זיי געגעבען אלעמען א גלייכען אָרט, אָבער די ערציאונג, און אנ־דריושא׳ס צוקונפט האט זי אָפגעטיילט מיט א גאנצען תהום פון וואניא׳ם און מאשא׳ס לעבען און צוקונפט.

— וואס זיינען זיי? זיי זיינען פונקט אזוינע גארנישטען ווי איך אליין, — האט זי געזאָגט, — אָבער ער — האט זי צוגעלייגט במעט מיט אכטונג וועגען אנדריושא׳ן — ער איז דאָך א פריץ! און וואס פאר א ווייסינקער ער איז, וואס פאר א קלייניגקע הענטלעך און פיסלעך ער האט, און זיינע האר זייי־נען אזוי ווי זייד. אינגאנצען אין פאטער געראָטען!

דערפאר האט זי, ניט רעדענדיג קיין וואָרט, מיט א פרייד אפילו, צוגעשטימט צו שטאָלץ׳ס פאָרשלאג, אז ער זאָל נעמען דאס קינד צו זיך אויף ערציאונג. זי האט געהאלטען אז זיין פלאץ איז דאָרט און ניט דאָ צוזאמען מיט זיינע קויטיגע שוועסטערקינדער, די קינדער פון איר ברודער.

א האלב יאָר נאָך דעם טויט פון איר מאן, האט זי גע־

וואוינט צוזאַמען מיט זאַכאַר'ן און אַניסיאַ'ן אין הויז, פיר־גענדיג זיך פאַר צער. זי האָט זיך אויסגעוויינט אירע אויגען אויפ'ן קבר פון איר מאַן, זי האָט כמעט גאָרניט ניט געגעסען, ניט געטרונקען, איר גאַנצע נאָרונג איז געווען טיי, זי האָט גאַנצע נעכט ניט צוגעמאַכט קיין אויג און איז געווען אין גאַנ־צען אויסגעמאַטערט. זי האָט זיך פאַר קיינעם ניט געקלאָגט און, ווי עס האָט אויסגעזען, וואָס ווייטער עס איז געוואָרען פון טאָג פון זיין טויט, איז זי אַלץ מער פאַרזונקען געוואָרען אין איר שמערץ, אין זיך אַליין; זי האָט זיך פאַרשלאָסען פון אַלע־מען, אפילו פון אַניסיאַ'ן. קיינער האָט ניט געוואוסט, וואָס עס קומט פאָר אין איר נשמה.

— און אייער באַלעבאָסטע האַלט אַלץ אין איין וויינען נאָך איר מאַן, — האָט דער קעכין געזאָגט אַ סוחר פון מאַרק, ביי וועמען מען פלעגט איינקויפען זאַכען פאַר'ן הויז.

— זי טרויערט אַלץ נאָך איר מאַן, — האָט דער סטאַ־ראַסטאַ געזאָגט, אָנווייזענדיג אויף איר אין דער קירך פון בית עולם, וואָס עס איז געקומען אַלע וואָך בעטען און וויינען די פאַרטרויערטע אַלמנה.

— זי פייניגט זיך נאָך אַלץ, — האָט מען גערעדט אין הויז פון איר ברודער.

איינמאָל זיינען אומערוואַרטעט געקומען צו איר די גאַנ־צע פאַמיליע פון איר ברודער, אפילו טאַראַנטיעוו איז געקומען. זיי זיינען געקומען מיט דעם אויסרייד פון מיטגעפיל צו איר. עס האָבען זיך גענומען שיטען יענע געמיינע עצות און טרייסט־ווערטער „ניט קוילען זיך, האָבען אין זינען, אַז זי האָט קינ־דער" — אַלץ, וואָס מען האָט איר געזאָגט מיט פופצען יאָר צוריק, ווען עס איז געשטאָרבען איר ערשטער מאַן, און וואָס האָט דאַמאָלט געהאַט די געהעריגע ווירקונג, און וואָס האָט אָבער איצט אין איר אַרויסגערופען עקעל און טרויער.

איר איז געוואָרען פיל לייכטער, ווען מען האָט אָנגעהויבען רעדען וועגען עפּעס אַנדערש און ערקלערט איר, אַז איצט קענען

אבלאמאוו

זיי שוין ווידער וואוינען צוזאמען, און אז איר וועט לייכטער זיין צווישען אייגענע פארגעסען איר אומגליק, און זיי וועט זיין גוט, ווייל קיינער קען ניט אזוי גוט ווי זי האלטען א הויז אין ארדנונג.

זי האט געבעטען, אז מען זאל איר געבען א צייט אויף איבערצולייגען זיך; זי האט זיך געפייניגט נאך א צוויי מאנאטען און ענדליך האט זי איינגעוויליגט צו וואוינען צוזאמען. אין דער צייט האט שטאלץ גענומען אנדריושא'ן צו זיך און זי איז געבליבען איינע אליין.

אט איז זי, זי אין א שווארץ קלייד, אין א שווארץ וואלען טיכעל אויפ'ן האלז, געהט פון די צימערען אין דער קיך, ווי א שאטען; פונקט ווי פריער עפענט זי און פארמאכט די שרענק, נעהט, העפט אויס, נאר אלץ אזוי שטיל, אזוי אן ענערגיע. זי רעדט איצט מיט א שטילען קול, אזוי ווי איר וואלט זיך אין גאנצען ניט וועלען רעדען, און זי קוקט שוין ניט ווי פריער מיט אויגען, וואס זיינען זארגלאז געלאפען פון איין געגענשטאנד צום צווייטען, נאר מיט א קאנצענטרירטען אויסדרוק, עס קוקט ארויס א געדאנק פון אירע אויגען. דער דאזיגער געדאנק האט זיך אומגעריכט באוויזען אויף איר פנים אין דעם מאמענט, ווען זי האט באוואוסטזיניג און לאנג געקוקט אויף איר טויטען מאן, און פון דאמאלט אן האט ער זי ניט פארלאזען.

זי האט געשפאנט איבער'ן הויז, געטאן מיט די הענט, אלץ, וואס מען האט געדארפט טאן, אבער איר געדאנק איז ניט געווען דערביי. ביים טויטען קערפער פון איר מאן, מיט'ן פארלירען אים, האט זי, דאכט זיך, מיטאמאל באגריפען איר לעבען און האט זיך פארטראכט איבער זיין באדייטונג, און די דאזיגע פארטראכטקייט האט זיך ווי א שאטען שוין אויף אייביג געלייגט אויף איר פנים. אויסוויינענדיג שפעטער איר אומגליק, האט זי קאנצענטרירט זיך אויף דעם באוואוסטזיין פון איר פארלוסט: אלץ איז געווען פאר איר טויט אויסער דעם קליינעם אנדריושא; בלויז דאמאלט, ווען זי האט אים געזען, האבען

זיך אַזוי ווי אין איר אויפגעכאַפּט סימנים פון לעבען, די שטרי־כען פון איר פּנים האָבען אויפגעלעבט, די אויגען האָבען זיך אָנגעפילט מיט אַ פריידיגען פייער און דערנאָך פול געוואָרען מיט טרערען פון ערינערונגען.

זי איז געווען פרעמד צו אַלעם, וואָס האָט זי אַרומגערינ־געלט: איז איר ברודער בייז געוואָרען אויף דעם, וואָס זי האָט אומזיסט אויסגעגעבען אָדער ערגעץ ניט אָפּגעדונגען אַ רובל, אָדער אויף דעם, וואָס דאָס געבראָטענס איז צוגעברענט, אָדער די פיש זיינען ניט פריש, פלעגט זיך אָנבלאָזען די שוועגערין, וואָס אירע קליידלעך זיינען ניט אַזוי שטייף אויסגעפּרעסט, ווי זי וואָלט וועלען, וואָס דער טיי איז קאַלט און צו שוואַך, צי די פעטע קעכין פלעגט אָנריידען גראָבע רייד, אַגאַפיאַ מאַט־וועיעווגאַ האָט דאָס אַלץ ניט באַמערקט, אַזוי ווי ניט וועגען איר וואָלט זיך דאָ געהאַנדעלט, זי האָט אַפילו ניט געהערט די שפּאָט־ווערטלעך: פּריצ'טע.

זי האָט אויף דעם אַלעם געענטפערט מיט דער ווירדע פון איר טרויער און אַן אונטערטעניגען שווייגען.

און אין ימים טובים, ווען אַלץ האָט זיך געפרייט אין הויז, געווען פרעהליך, לוסטיג, האָט זי זיך מיטאַמאָל צוגאָסען מיט טרערען און באַהאַלטען זיך אין איר ווינקעל.

און דערנאָך האָט זי זיך ווידער קאָנצענטרירט אויף איר אומגליק און טיילמאָל געגומען קוקען אויף איר ברודער און דער שווענערין מיט אַ מין שטאָלץ, אַזוי ווי מיט מיטגעפיל.

זי האָט פאַרשטאַנען, אַז עס איז שוין פאַרשפּילט און אַז עס האָט שוין דורכגעשיינט איר לעבען, אַז גאָט האָט אין איר לעבען אַריינגעלייגט אַ נשמה און האָט זי ווידער אַרויסגענומען; אַז עס האָט אין איר לעבען אויפגעלויכטען אַ זון, און אַז די זון איז ווידער פאַרגאַנגען און שוין אויף אייביג... אמת, אויף אייביג. דערפאַר האָט אָבער אויך אויף אייביג איר לעבען באַקומען אַ זין: איצט האָט זי שוין געוואוסט, צו וואָס זי האָט געלעבט, און אַז איר לעבען איז ניט געווען אומזיסט.

אבלאמאוו

זי האט אזוי פול און שטארק געליבט: זי האט געליבט אבלאמאוו'ן — געליבט אים ווי א געליבטען, ווי א מאן, ווי א פריץ; בלויז זי האט עס ניט געקענט איצט קיינעם דערצעהלען ווי זי האט עס ניט געקענט פריער. און קיינער פון די ארומיגע וואלט איר סיי ווי סיי ניט פארשטאנען. וואו וואלט זי געקענט געפינען ווערטער? אין לעקסיקאן פון איר ברודער, פון איר שוועגערין, טאראנטיעוו'ן זיינען ניט געווען אזוינע ווערטער, ווארים זיי האבען ניט געהאט די באגריפען; בלויז איליא איליטש וואלט זי פארשטאנען, אבער אים האט זי עס קיינמאל ניט דערצעהלט, ווייל זי האט עס דאמאלט אליין נ׳ט פארשטאנען און ניט געקענט ארויסברענגען.

מיט די יארען האט זי גענומען אלץ בעסער און קלארער פארשטעהן איר פארגאנגענהייט, און זי איז געווארען אלץ שווייגענדיגער. אויף איר גאנץ לעבען האבען זיך אויסגעגאסען שטראלען, א שטילער שיין פון די, ווי א רגע דורכגעלאפענע זיבען יאר, און איר האט זיך שוין קיין זאך מער ניט געוואלט, זי האט שוין ניט געהאט אויף וואס צו האפען.

בלויז דאמאלט, ווען שטאלץ איז אויף ווינטער געקומען צופארען אין שטאדט אריין, איז זי געלאפען אין זיין הויז און גייציג געקוקט אויף אנדריושא'ן, מיט א צערטליכען ציטער האט זי אים געצערטעלט און געוואלט האט זי זאגען עפעס שטאלצ'ן, דאנקען אים, ארויסזאגען פאר אים אלץ, אלץ, וואס האט זיך אנגעקליבען און האט געלעבט אין איר נשמה: ער וואלט פארשטאנען, אבער זי האט ניט געקענט, זי פלעגט זיך בלויז א ווארף טאן צו אלגא'ן, מיט אירע ליפען צופאלען צו אירע הענט און פאנאנדערגיסען זיך מיט א מבול פון זודיגע טרערען, אז אויך אלגא פלעגט אנהויבען וויינען, און אנדרעי, אן אויפגערעגטער, פלעגט ארויסגעהן פון צימער.

זיי אלע האט צוזאמענגעבונדען איין געפיל, איין ערדינערונג פון דער ריינער, ווי קרישטאל, נשמה פון דעם טויטען. זיי האבען זיך געבעטען ביי איר, אז זי זאל פארען מיט זיי אין

דארף, לעבען מיט זיי, לעבען אנדריושא'ן, אבער זי האט גע־רעדט דאס איריגע: — וואו מען איז געבארען געווארען, אפ־געלעבט א לעבען, דארט דארף מען שטארבען.

אומזיסט האט שטאלץ פרובירט איר געבען א רעכענונג וועגען דעם גוט און געשיקט איר דעם איינקונפט, זי האט אים אלץ אפגעשיקט און געבעטען, אז ער זאל דאס אלץ האלטען פאר אנדריושא'ן.

— דאס איז זיינס, ניט מיינס, — האט זי איינגעשפארט גע־רעדט, — אים וועט עס צונויץ קומען; ער איז א פריץ, און איך וועל שוין אזוי אפלעבען מיינע טעג.